STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00513

# DI YIDN IN UKRAYNE

J. S. Hertz

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Mike & Florence Benay*
*in honor of*
*the Benay-Vacker family*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די יידן אין אוקראינע

## פון די עלטסטע צייטן ביז נאָך

## ת"ח ות"ט

שער־בלאַט געצייכנט דורך י. שלאָס

געדרוקט 2000 עקזעמפּלאַרן

י. ש. הערץ

# די יידן אין אוקראינע

## פון די עלטסטע צייטן ביז נאך ת״ח ות״ט

ניו־יאָרק 1949

*J. S. HERTZ*

# THE JEWS IN THE UKRAINE

## FROM THE EARLIEST TIMES THROUGH 1648-49

Copyright 1949 by
Farlag "Unser Tsait"

Published by
FARLAG "UNSER TSAIT"
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
New York 1, N. Y.

166

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| **ערשטער טייל:** אויפקום פון די יידישע ישובים — — | 7 |
| **צווייטער טייל:** פון דער לובלינער אוניע ביז כמיעל־ניצקים אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — | 31 |
| **דריטער טייל:** ת״ח ות״ט — — — — — — — — — — — — — | 121 |
| **פערטער טייל:** צי האָבן יידן געפּאַכטעט צערקוועס ? — | 195 |
| ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — | 251 |
| זוכצעטל — — — — — — — — — — — — — — | 257 |

ערשטער טייל

# אויפקום פון די יידישע ישובים

# קאַפּיטל I

די ערשטע איינוואַנדערונג. — פון מזרח און דרום. — קיעוו. — יידן פון מערב. — אמונה און פרנסות. — פּאָגראָם און גירוש. — אונטערן טאַטערישן יאָך.

יידן זיינען געווען תושבים אין אוקראַינע פון די עלטסטע צייטן. זיי זיינען אַהין געקומען אַ סך פריער ווי אין פוילן און ליטע.

די ערשטע יידישע איינוואַנדערונג איז געגאַנגען פון מזרח קיין מערב, פון דרום קיין צפון. די איינוואַנדערער זיינען געקומען פון פּערסיע, קאַווקאַזער בערג און כּוזרים־לאַנד; פון דער ביזאַנטישער מלוכה און קרים. שוין אין 6־טן יאָרהונדערט שטייען יידן ביי דעם טויער פון אוקראַינע — אויפן קרימער האַלב־אינזל. אין 8־טן יאָרהונדערט געפינען זיי זיך שוין אויף די צפון־ברעגעס פון שוואַרצן ים.

דאָס קומען פון די יידן אויף סלאַווישער טעריטאָריע איז באַגינ־סטיקט געוואָרן דורך דער כּוזרישער מלוכה ביי דער וואָלגע, וואו די אויבערשטע און רעגירנדיקע שיכטן האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה. די לאַגע פון די יידן אין כּוזרים־לאַנד איז געווען אַ גוטע. ווען די כּוזרים האָבן זייער ממשלה אויסגעשפּרייט ווייטער אויף מערב זייט און אַרומ־גענומען קיעוו, זיינען יידן אַהין מיטגעגאַנגען. אין דער צווייטער העלפט פון 9־טן יאָרהונדערט, ווען די כּוזרים זיינען באַזיגט געוואָרן, זיינען פיל יידן אַוועק פון קיעוו, צוריק אויף מזרח און דרום. אַ טייל פון זיי איז אָבער פאַרבליבן. דער יידישער ישוב איז שוין געווען פאַרוואָרצלט און דער שטורם, וואָס איז אַדורך איבערן לאַנד, האָט אים שוין נישט געקענט אויסוואָרצלען.

נישט בלויז אין קיעוו אַליין האָט זיך געשאַפן אַ שטענדיקער יידישער ישוב. פון דאָרט האָבן יידן זיך פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע ערטער פון אוקראַינע. אין 10־טן יאָרהונדערט טרעפט מען יידן אין

ערטער, וואָס ליגן צווישן טייך דניעפּר און וואָלין. מיט דער צייט האָט אָנגעהויבן גיין אַ יידישע איינוואַנדערונג אויך פון מערב־זייט. ביים סוף פון 11־טן יאָרהונדערט האָבן אין די לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע געווילדעוועט די מחנות פון ערשטן קרייץ־צוג. יידישע קהילות זיינען מיט פייער און שווערד פאַרניכטעט געוואָרן. אַ גרויסע צאָל יידן איז אין בהלה אַנטלאָפן קיין פוילן, וואו זיי האָבן געפונען אַ מקום־מקלט. אַ טייל פון זיי איז אַוועק נאָך ווייטער, אַזש ביז צום דניעפּר. אין 12־טן יאָרהונדערט טרעפט מען שוין יידישע ישובים אין אַנדערע אוקראַינישע שטעט. יידן האָבן זיך באַזעצט אין אייניקע האַנדלס־פונקטן, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט. צווישן אַנדערע האָבן זיי געוואוינט אין טשערניגאָוו און ליובעטש. יידן האָבן דעמאָלט אויך געוואוינט אין עטלעכע פונקטן פון דער גאַליצישער און לודמירער ערד.

די יידן האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי זייער אמונה. אַ טייל פון זיי זיינען אַליין געוווען קרבנות מחמת זייער אמונה־טריישאַפט. פליטים פון דער ביזאַנטישער מלוכה זיינען אַנטלאָפן צוליב די פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן. דאָס זעלבע — די פליטים פון דייטשלאַנד און בעהמען. זייער קומען קיין אוקראַינע איז פאַר זיי געווען אַ טריאומף. זיי האָבן געראַטעוועט פון סכנה און אומקום דעם גוף און די נשמה. פון דער אַנדערער זייט איז געווען פריש אין זכרון אַ צווייטער טריאומף — דאָס באַקערן די כּוזרישע געצנדינער צו יהוה. זיי האָבן געוואָלט דעם אויפטו איבער־חזרן. אין יאָר 986 זיינען יידישע פאַרשטייער געקומען צום דרום־רוסישן פירשט וולאַדימיר און אים געפּרואווט באַקערן צו דער יידישער אמונה. דאָסמאָל האָבן זיי קיין הצלחה נישט געהאַט. דאָס האָט אָבער די יידן נישט אָפּגעהאַלטן אין זייער שטרעבונג צו פאַרשפּרייטן זייער אמונה צווישן די נישט־יידישע שכנים. מיט צענטליקער יאָרן שפּעטער פירן נאָך יידן רעליגיעזע דיספּוטן מיט קריסטלעכע גייסטלעכע אין קיעוו.

אין דער זעלבער צייט, ווען יידן זיינען געווען שטרענג אָפּגעהיטן אין זייער אמונה און אויף קיין שום הנחות נישט געוואָלט גיין, האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען אין זייערע פּרנסות. דאָ האָבן זיי זיך לייכט צוגעפּאַסט צום אָנגענומענעם ווירטשאַפטלעכן גאַנג פון די

שכנישע פעלקער. דאָ האָבן זיי קיין אויסנאַם נישט געוואָלט זיין. דערפאַר האָבן די שכנים געהאַט אַ קאַפּויערדיקע שטרעבונג: אָפּשאַפן די רעליגיעזע באַזונדערקייט פון די יידן און באַגרענעצן און אָפּזונדערן זייער ווירטשאַפטלעך. דער ערשטער באַקאַנטער סכסוך גרייכט נאָך די צייט פון 11־טן יאָרהונדערט. די יידן זיינען אויך געווען באַטייליקט אין דעמאָלטיקן שקלאַפן־האַנדל. אין די אַכציקער יאָרן פון 11־טן יאָר־הונדערט איז אין קיעוו געפירט געוואָרן אַ קאַמף קעגן פאַרקויפן קריסט־לעכע שקלאַפן צו יידן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די פּאַרטייעטע שנאה האָט גורם געווען אַן אָפענעם אויסברוך. אין 12־טן יאָרהונדערט האָט קיעוו שוין פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקן יידישן ישוב. יידן האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, בפרט אין אויס־לענדישן האַנדל — מיט די לענדער ביים שוואַרצן ים, וואו ס׳האָט זיך אויך געפונען דער גרויסער האַנדלס־צענטער קאַפאַ. דאָס האָט געוועקט קנאה ביי די קיעווער איינוואוינער. אונטערן תירוץ, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט דעם האַנדל און נעמען אַ הויכן פּראָצענט פאַר לייען געלט, זיינען זיי באַפאַלן די יידישע הייזער, זיי צעראַבירט און פּאַגראָמירט. עס זיינען אויך געווען מענטשלעכע קרבנות. געווען זיינען די אָנפאַלן אין יאָר 1113, אונטער דער ממשלה פון גרויספירשט וולאַדימיר מאָנאָ־מאַך. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט דער זעלבער הערשער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרטרייבן פון שטאָט די יידישע איינוואוינער. יידן זיינען אַוועק קיין פּוילן און אויך אין דער מזרח־ריכטונג. לאַנג האָט אָבער דער גירוש נישט אָנגעהאַלטן. מיט 11 יאָר שפּעטער, בעת דער גרויסער שרפה, האָבן פון פייער אויך געליטן יידן, וועלכע זיינען געווען גרופּירט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, אין צפון־מזרח־טייל פון שטאָט.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין לעבן פון אוקראַינע און אויך פון די דאָרטיקע יידן איז פאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן יאָרהונדערט: עס האָט זיך אָנגעהויבן די ממשלה פון די טאָטערן. דער דראַנג נאָך מערב האָט די מאָנגאָלן געטריבן פון לאַנד צו לאַנד איבער אַזיע און אייראָפּע און זיי געברענגט איבער פּוילן טיף אין שלעזיע אַריין ביז דער שטאָט ליגניץ. רויב און מאָרד, פייער און

שווערד האָבן געצייכנט זייער וועג. די שטאָט קיעוו זיינען די טאָטערן באַפאַלן אין יאָר 1239. אויך די יידן האָבן דעמאָלט שטאַרק געליטן. אַ צאָל שטעט זיינען דורך די מאָנגאָלישע האָרדעס פשוט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. פון זיי זיינען אין געדעכעניש פון פאָלק פאַר־בליבן בלויז פאַנטאַסטישע מעשיות און קורהאַנעס — בערגלעך פון די מאַסן־קברים. די יידן פון די ישובים ביים דניעפּר און אין וואָלין האָבן געטיילט דעם טרויעריקן גורל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

80—90 יאָר האָט אָנגעהאַלטן די טאָטערישע הערשאַפט אין אוקראַינע. די טאָטערן זיינען נישט געקומען אַנטוויקלען דאָס לאַנד און זאָרגן פאַרן וואוילשטאַנד פון די איינוואוינער. זיי זיינען געקומען מיטן ציל אויסצוזויגן אַלע זאַפטן פון דער ערד און פון די מענטשן. איז דעריבער זייער הערשאַפט געווען באַגלייט מיט אַ שטאַרקער ירידה פון אוקראַינע. נאָך דער ערשטער בלוט־אָפּצאַפּעניש בעת דעם דער־אָבערונג־מאַרש, איז געקומען דאָס צעלויפן זיך פון די פאָלקס־מאַסן. בשכנות מיט די ישובים, וואָס די האָרדעס האָבן אָוועקגעלאָזט מיטן רויך, זיינען צוגעקומען אויסגעליידיקטע און פאַרוואָרלאָזטע, ווייל ווער עס האָט געראַטעוועט דאָס חיות, איז אָוועק אין די טיפע וועלדער אָדער אין די שכנישע לענדער. דאָס גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן פאַרגליווערט. אויך די צאָל יידן און יידישע ישובים האָט זיך פאַרקלענערט. פונדעסטוועגן זיינען אין דער דאָזיקער ביטערער צייט די יידן נישט פאַרשוואונדן פון דער אוקראַינישער ערד. זיי האָבן זיך באַמיט צוצופאַסן און אויספועלן געוויסע לעבנס־מעגלעכקייטן.

## קאַפּיטל II

אונטער ליטווישער ממשלה. — נייע יידישע ישובים. — גרויסע ראָל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. — גירוש ליטע. — די פאַרטריבענע קומען צוריק.

אַ סוף געמאַכט צו דער טאַטערישער הערשאַפט אין אוקראַינע האָט דאָס ליטווישע גרויס־פירשטנטום. אין יאָר 1320 האָט דאָס חייל פון גרויס־פירשט געדימין איינגענומען אוקראַינע. אין קיעוו האָבן די ליט־ווינער דעמאָלט געטראָפן אַ גאַנץ גרויסע יידישע קהילה. אין דער צייט פון דער שרעקלעכער מאָנגאָלישער הערשאַפט האָבן די קיעווער יידן באַוויזן איינצוהאַלטן אַ הויכן גייסטיקן ניוואָ. די טאַטערן האָבן זיך נאָך אַ צייט געהאַלטן אין פּאָדאָליע, אָבער אויך פון דאָרט האָט זיי דאָס חייל פון גרויס־פירשט אָלגערד פאַרטריבן אין יאָר 1331. עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע — אוקראַינע אונטער דער ליטווישער ממשלה.

פאַר יידן איז דאָס געווען אַ צייט פון אויפקום פון אַ גרעסערער צאָל נייע יידישע ישובים, באַזונדערס אין רויט־רייסן, וואָלין און פּאָדאָליע. וואָס מער צו מערב אַלץ געדיכטער די נעץ פון יידישע ישובים. נאָך די גרויסע יידישע קאַטאַסטראָפעס אין די לענדער פון צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די קרייץ־צוגן, „שוואַרצן טויט" און גירושים, האָבן גרויסע מאַסן יידישע וואַנדערער געשטראָמט צו פּוילן און ליטע. דאָ האָט מען זיי פריינט־לעך אויפגענומען. דאָ איז פאַר זיי געווען אַ פרייער פּלאַץ פאַר ווירט־שאַפטלעכער טעטיקייט. דער אויפקום און די אַנטוויקלונג פון די שטעט און שטעטלעך, דאָס פעלן פון אייגענע סוחרים און בעלי־מלאָכות האָבן דיקטירט די פּוילישע מלכים און ליטווישע גרויס־פירשטן צו עפענען די טויערן פון זייערע לענדער פאַר יידן, דייטשן, אַרמענער און אַנדערע, וועלכן האָבן מיט זייערע קאַפּיטאַלן, אַרבעטזאַמקייט און געניטשאַפט אין האַנדל און מלאכה געקענט נוצן ברענגען. אין דער עפּאָכע פון

12—16 יאָרהונדערט האָלט אָן מחמת דעם אַ יידישער איינוואַנדערונג־שטראָם קיין פּוילן און ליטע, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פאַר־גרעסערטער יידישער באַפעלקערונג בויט אויף זיין היים צווישן די טייכן סאַן און דניעפּר, צווישן די פּאָליעסער זומפּן און דעם שוואַרצן ים.

אין 15־טן יאָרהונדערט זיינען שוין פאַראַן אַ פּאָר צענטליק יידישע ישובים אויף דער ערד, וואו עס לעבט אַן אוקראַינישע באַפעלקערונג. אין דער צווייטער העלפט פון זעלבן יאָרהונדערט האָט די צאָל יידישע נפשות דאָרט באַטראָפן אַרום 20 טויזנט. אין 16־טן יאָרהונדערט זיינען בלויז אין דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט שוין געווען 49 יידישע ישובים. אין דער זעלבער צייט זיינען אין בעלזער וואָיעוואָדשאַפט געווען 11 יידישע ישובים, אין וואָלינער — 27, אין פּאָדאָליער — 6, אין בראַצלאַווער — 3, אַחוץ אַ צאָל יידישע ישובים אויף צפון צווישן די טייכן דניעפּר און בוג. צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען אַ גרעסערע צאָל ערטער, וואו קיין יידישע ישובים זיינען נישט געווען, אָבער ס׳האָבן דאָרט געוואוינט איינצלנע יידישע משפחות, „אַטקופּשטשיקעס" — פאַכטער פון פאַרשידענע מלוכהשע אָדער גוט־באַזיצערישע הכנסות. אָפט זיינען די פאַכטער געווען די פּיאָנערן פון די אויפגעקומענע יידישע ישובים. בכלל האָבן יידן פריער זיך באַזעצט אין שטעט, וואָס זיינען געווען צענטרען פון האַנדל און מלאָכה. פון דאָרט זיינען איינצלנע פאַמיליעס אַריבער אין קלענערע שטעטלעך און שפּעטער אויך אין די דערפער. אין די זיבעציקער יאָרן פון 16־טן יאָרהונדערט זיינען אין אַלע פּראָווינצן מיט אַן אוקראַינישער באַפעלקערונג געווען בערך 40 טויזנט יידן, אָדער 40 פּראָצענט פון אַלע יידן, וואָס פּוילן און ליטע האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט. מער ווי אַ העלפט פון די 40 טויזנט האָט דעמאָלט געלעבט אין רויט־רייסן. אין צווייטן פערטל פון זעלבן יאָרהונדערט זיינען אויפ־געקומען די וואָלינער יידישע ישובים אין וויניצע, דובנע, קאָוועל, קרע־מענעץ, לובאָמל, מעדזשיבאָזש, אָסטראָה, ראָוונע, סטעפּאַן און אייניקע אַנדערע. אויך אין רויט־רייסן זיינען אין 16־טן יאָרהונדערט אַנטשטאַ־נען אַ ריי נייע יידישע ישובים. יידן זיינען געווען שטאַרק אַקטיוו אין ווירטשאַפטלעכן לעבן און געהאָלפן דעם אויפבלי פון לאַנד נאָך דער ירידה פון דער טאַטערישער עפּאָכע. אין אוקראַינע און פּאָדאָליע, ביי די טייכן

דניעפּר און דניעסטר, איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער האַנדל מיט די מזרח־לענדער ביים שוואַרצן ים, מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קאַפאַ און אַנדערע שטעט. אין 15־טן יאָרהונדערט טרעפט מען אויף די וועגן פון די דערמאָנטע פּראָווינצן יידישע סוחרים. יידן פון פּוילן, ליטע, רייסן און וואָלין שטעלן איין אַ פאַרבינדונג מיט די יידן פון קיעוו. עס ווערן געמאַכט גרעסערע האַנדלס־טראַנזאַקציעס. מ׳האָט געמסחרט אָקסן, פערד, פוטערוואַרג, פיש, אַש, סמאָלע, תבואה און אַנדערע אַרטיקלען. מסחר איז בלויז געווען איין טייל פון יידישער באַשעפטיקונג. אַחוץ יידן־סוחרים און קליינע קרעמער, זיינען אויך געווען יידישע בעלי־מלאָכות, אַרענדאַרן, קרעטשמער, פּויערים און גרויסע ערד־באַזיצער. יידן האָבן גענומען אין פּאַכט צאָל און אַנדערע עפנטלעכע אָפּצאָלן, זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט באָרגן געלט אויף פּראָצענט. יידישע סוחרים, קרעמער און בעלי־מלאָכות האָט מען געטראָפן אויף די צאָלרייכע מערק און ירידן. יידן האָבן שוין דעמאָלט אויך זיך פאַרנומען מיט מעקלעריי. די רייכע נעמען אין אַרענדע גרויסע גיטער און מלוכהשע הכנסות, ווי „טשאָפּאָווע" (בראָנפן־אָפּצאָל), צאָל, מויט (וועג־אָפּצאָל) און פאַרשיידענע שטייערן. זיי האָבן אויך אַרענדירט מילן און שענקען.

יידן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע שטערונגען און ווידערשטאַנדן. כמעט אומעטום האָבן מיט די זעלבע פּרנסות זיך פאַרנומען קריסטן — אָרטיקע און איינגעוואַנדערטע: דייטשן, אַרמענער, גריכן, שאָטלענדער, ווענעדיקער, ווי אויך מאַכמעדאַנער; אין שטעט פון מערב־אוקראַינע — אויך פּאָליאַקן.

אַ פּלוצלונגער איבערייס אין דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון אוקראַינע איז פאָרגעקומען סוף פון 15־טן יאָרהונדערט. ס׳איז פאָרגעקומען דער גירוש פון ליטע. אין יאָר 1495 האָט דער ליטווישער גרויס־פירשט אַלעקסאַנדער אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון זיין מלוכה, וואָס האָט געגרייכט פון ניעמען ביזן אונטערשטן לויף פון דניעפּר. דורות מי און האָרעוואַניע זיינען צעשטערט געוואָרן. די יידישע הייזער און פעלדער האָט מען צעטיילט צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. יידן האָבן געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און זוכן אַ נייע היים אין פּוילן. אַ קליינע צאָל איז אַוועק אַנדערשוואו.

מיט 8 יאָר שפּעטער האָט דערזעלבער אַלעקסאַנדער יאַגעלאָ, איצט שוין אויך דער קעניג פון פוילן, וואו ער האָט פאַרנומען דעם טראָן פון יאָר 1501, דערלויבט די פאַרטריבענע יידן צוריק זיך אומצוקערן אין די אַלטע היימען. ער האָט אויך פאַראָרדנט צוריקצוגעבן די געליטענע יידן די קאָנפיסקירטע און צעטיילטע הייזער און אומבאַוועגלעכע גיטער. דער אָפיציעלער מאָטיוו פון גירוש איז געווען אַ רעליגיעזער — פאַרטרייבן פון קריסטלעכן לאַנד די „אומגלויביקע", ווי מיהאָט די יידן גערופן אין די אָפיציעלע אַקטן. אין דער אמתן האָט דער ליטווישער גרויס־פירשט מיטן גירוש געוואָלט פטור ווערן פון די חובות, וואָס ער איז שולדיק געווען יידן. ער האָט געשטרעבט אויף די ליידיק־געוואָרענע פּלעצער אין די שטעט צו באַזעצן דייטשן און שוועדן, וועלכע זאָלן אויספירן דיווירטשאַפטלעכע פונקציעס פון די יידן. דאָס לעצטע האָט זיך אים ווייניק איינגעגעבן. אַלעקסאַנדער האָט באַלד דערפילט דעם היזק, וואָס ער האָט פון גירוש. צו ענדערן זיין באַשלוס און אָפּרופן דעם גירוש האָט אויך גורם געווען דער פאַקט, וואָס ער איז געוואָרן פוילישער מלך און במילא דער הערשער איבער די פאַרטריבענע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פוילן. ער האָט נישט געקענט אָנהאַלטן דעם מצב פון לאָזן וואוינען יידן אין איין טייל פון זיין הערשאַפט־געביט און פאַרווערן אין אַ צווייטן טייל. די יידן האָבן אויסגענוצט דאָס אָפּשאַפן די גזירה און זיך אומגעקערט אין די אַלטע היימען. נישט אומעטום זיינען זיי צוריק־געקומען, בפרט אין ישובים פון מזרח־אוקראַינע. קיין קיעוו האָבן זיך צוריקגעקערט בלויז אַ קליינע צאָל יידן.

# קאַפּיטל III

קאָנקורענץ. — באַגרענעצונגען. — וואוין־רעכט. — רויב־אָנפאַלן. — קרייץ־צוג. — מאַטעריעשע שחיטות און פאַרוויסטונגען. — יידישער ווידערשטאַנד.

מיט דער צייט האָבן יידן אַלץ שטאַרקער געפילט די ווידערשטאַנדן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון קאָנקורענץ. אין אָנהויב, איידער ס'איז געוואָרן שטאַרק דער אָרטיקער שיכט סוחרים און בעלי־מלאָכות, איז דער ווידערשטאַנד געקומען פון די דייטשן, אַרמענער און אַנדערע איינגע־וואַנדערטע און פרעמד־שטאַמיקע. שפּעטער איז צו זיי צוגעשטאַנען אויך דער וואַקסנדיקער שיכט אָרטיקע סוחרים און בעלי־מלאָכות. און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. דער ליט־ווינער מיכאַלאָן, אין זיין שריפט פון מיטן 16־טן יאָרהונדערט, שילדערט מיט שנאה די יידן אין די אוקראַינישע פּראָווינצן. ער שרייבט: „אין אונזער לאַנד האָט פון אומעטום זיך צונויפגעזאַמלט דאָס ערגסטע פאָלק פון אַלע פעלקער — דאָס יידישע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעט פון פּאָדאָליע, וואָלין און אַנדערע פרוכטבאַרע געגנטן.” ער באַ־שולדיקט די יידן, אַז „אויף די מערק נעמען זיי צו ביי די קריסטן די מיטלען צום לעבן.”

עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען צו באַגרענעצן די יידן אין זייער רעכט צו האַנדלען, צו אַרבעטן און צו וואוינען. אין פאַרגלייך מיט פריער ווערט טאָקע די יידישע לאַגע ערגער. אין דער פּוילישער און ליטווישער געזעצגעבונג באַווייזן זיך באַגרענעצונגען פאַר יידן. באַזונ־דערס האָבן די באַגרענעצונגען זיך פאַרמערט אין 16־טן יאָרהונדערט.

אַ פּאָר ביישפּילן וועלן ווייזן דעם כאַראַקטער פון די באַגרענעצונ־גען. אין סטאַטוט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין יאָר 1550 דעם ישוב מילאַנאָוויטשע, לודמירער פּאָוויאַט, ווערט געזאָגט: די יידן און סוחרים, סיי פון קאָוולער פּאָוויאַט, סיי פון פּירשטלעכע און שליאַכעצקע

גיטער, טאָרן נישט פאָרן איבער די דערפער קויפן סחורה אָדער שפּייז. וואו מען וועט אַזעלכע כאַפּן, זאָל מען זיי באַשטראָפן מיטן גארגל (טויט). דעם סטאַראָסטע פון קרעמענעץ האָט דער מלך זיגמונד אויגוסט אין יאָר 1564 באַפוילן, אַז ער זאָל נישט דערלויבן די יידן צו האָבן מער פון 2 שענקען, נישט דערלויבן זיי צו זידן מעד, קאָכן ביר און ברענען בראָנפן. אין דער וואָיעוואָדישער שטאָט בעלז האָבן די מיעשטשאַנעס פאַרקלאָגט פאַרן קעניג די יידן פאַרוואָס זיי האַנדלען יעדן טאָג אויפן מאַרק מיט פאַרשידענע סחורות. די יידן האָבן באַוויזן דעם קעניג מיט דאָקומענטן, אַז פון אַלטע צייטן אָן האָבן זיי רעכט צו האַנדלען צוגלייך מיט די נישט־יידישע איינוואוינער פון שטאָט. אַזעלכע אָנקלאַגעס זיינען געגאַנגען כסדר אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט. נאָך אַן אָנקלאַגע פון די מיעשטשאַנעס, אַז יידן נעמען צו די פּרנסה ביי די קריסטלעכע שענקער, האָט מלך זיגמונד אויגוסט אין יאָר 1557 פאַרבאָטן יידן זיך צו פאַרנעמען מיט משקאות־האַנדל און געמאַכט דאָס פאַר אַ פּריווילעגיע בלויז פון קריסטן.

אויך מיטן רעכט צו וואוינען זיינען געווען גרויסע שוועריקייטן. אין אַ ריי שטעט האָט מען יידן בכלל נישט אַריינגעלאָזט. אויב ס׳איז געווען אַ פּריוואַטע שטאָט, וואָס האָט געהערט צו אַ גוט־באַזיצער, האָט דער לעצטער געקענט דעם פאַרבאָט דורכפירן. אַ ריי שטעט, וואָס האָבן באַקומען זעלבסט־פאַרוואַלטונג, די אַזוי־גערופענע מאַגדעבורגער רעכט, האָבן געקענט אויספועלן אַ פּריווילעגיע און פאַרפעסטיקן זי אין שטאַטישן סטאַטוט, אַז יידן זאָלן נישט טאָלערירט ווערן. אַפילו דאָרט, וואו יידן האָבן יאָ געמעגט וואוינען, האָט מען פאַר זיי באַשטימט געוויסע גאַסן, מחוץ פון וועלכע זיי האָבן נישט געטאָרט וואוינען. אַזוי איז געווען אויך אין די ערטער, וואו די יידן האָבן זיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע. אין קאָוועל האָבן יידן באַקומען גלייכע רעכט ווי די מיעשטשאַנעס און געפירט אַ גרויסן האַנדל, דאָך איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ יידישע גאַס. בלויז אויף דער גאַס האָט אַ ייד געמעגט וואוינען. פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ פאַרבאָט פאַר קריסטן צו וואוינען אין דער יידישער גאַס. אין סאַמבאָר האָבן יידן געמעגט וואוינען בלויז אין קוואַרטאַל „בלעך“, ביים עק שטאָט. יידן האָבן געפּרואווט זיך באַ־

זעצן אויך אין שטאָט גופא. די מיעשטשאַנעס זיינען באַלד אַרויס מיט אַן אָנקלאָגע צום קעניג. אין יאָר 1542 האָט מלך זיגמונד דער ערשטער באַפוילן די יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי ווי די יידן האָבן געצאָלט 20 גילדן שטייער, האָבן די מיעשטשאַנעס זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן 16 גילדן, כדי צו דעקן דעם היזק. אין יאָר 1551 האָט די קעניגין באָנאַ פאַרבאָטן יידן צו האַנדלען אַחוץ אויף די ירידן. אין דער שטאָט באַר האָבן די מיעשטשאַנעס און די יידן אין יאָר 1556 געשלאָסן אַן אָפּמאַך, וואָס דערלויבט יידן צו האָבן די זעלבע צאָל הייזער, ווי פריער. פון זייער זייט האָבן די יידן זיך מתחייב געווען צו טראָגן די זעלבע פליכטן לטובת דער שטאָט, ווי די אַנדערע איינוואוינער, און בעת אַ מלחמה זיך צו באַטייליקן מיט איין פערד אויף יעדן הויז. וואָס שייך אין שטאָט גופא האָבן די יידן באַקומען אַלע פריווילעגיעס און פאַרלייכטערונגען, וואָס אַלע מיעשטשאַנעס, אָקעגן האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרן אין ענינים פון מסחר אין אַנדערע שטעט פון דער באַרער סטאַ־ראָסטווע. אַ באַרער ייד האָט אויך נישט געטאָרט אַריינלאָזן צו זיך וואוינען אַ ייד פון דער פרעמד. בכלל האָבן נישט עקזיסטירט קיין איינ־הייטלעכע נאָרמעס בנוגע די באַשעפטיקונגען, פרנסות און וואוין־רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון דער קראַפט פון די מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן אין די יידן געזען קאָנקורענטן.

די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע סכנות. אמת, די אַלגעמיינע זיכערקייט איז געווען בכלל אַ שוואַכע. קרבנות פון פאַר־שידענע אָנפאַלן איז אויך געווען די קריסטלעכע באַפעלקערונג. עס זיינען אָבער געווען ספּעציעלע פאַלן, ווען די קרבנות האָבן געליטן צוליב זייער יידישקייט. אַזוי, למשל, איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט, ווען אין רייסן האָט געווילדעוועט אַ באַוואָפנטע מחנה פון 12 טויזנט מאַן, וועלכע האָט אויפן רוף פון פּויבסט פּיוס דעם צווייטן זיך געגרייט צו אַ קרייץ־צוג קעגן די טערקן. איידער זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו באַפרייען דעם קבר פון קריסטוסן, האָבן זיי דערוייל געמאָרדעט און ראַבירט אויף דער אייגענער רייסישער ערד. אין יאָר 1463 זיינען די באַוואָפנטע רוצחים צוגעקומען צו לעמ־בערג. זיי האָבן געדראָט צו באַלאַגערן די שטאָט און זי שטורמען, אויב

מיוועט זיי נישט אַרויסגעבן אַלע לעמבערגער יידן. דער שטאָט־ראָט האָט אָפּגעוואָרפן דעם אולטימאַטום און באַשלאָסן מיט געווער צו פאַר־טיידיקן די שטאָט. די באַוואָפנטע אָנטיילנעמער פון קרייץ־צוג, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרנומען די פאָרשטעט, האָבן זיך באַגנוגנט מיט אויסקויף־געלט און זיינען אַוועק.

יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון נישט ווייניק רויב־אָנפאַלן. על פּי רוב פלעגן באַפאַלן ווערן סוחרים אויף די וועגן. מ'האָט ביי זיי צוגענומען די סחורה און נישט זעלטן אויך דאָס לעבן. די נישט־זיכער־קייט אויף די וועגן האָט נאָך שווערער געמאַכט די באַמיאונגען צו שאַפן פרנסה פאַר דער משפחה. סוחרים פלעגן בדיל־הדל ווערן. נישט בלויז מצד פּראָפעסיאָנעלע גזלנים, נאָר אַמאָל זיינען יידן אויך באַרויבט געוואָרן דורך אַרומיקע פּויערים. אַ ייד פון שניאַטין איז אין יאָר 1582 אויפן וועג פון כמיעלאָוו באַפאַלן געוואָרן דורך אַ באַנדע פּויערים. זיי האָבן ביי אים צוגענומען אַ סך טוך, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט. עס זיינען באַקאַנט נאָך אַ ריי ענלעכע פאַלן.

ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער האָבן געטראָגן די אומאויפ־הערלעכע אָנפאַלן פון די טאָטערן. נאָכדעם ווי די טאָטערן זיינען דורך די ליטווישע חיילות געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון דער אוקראַאינער ערד, זיינען זיי געבליבן פאַרפעסטיקט אויפן קרימער האַלב־אינזל און אַנדערע מקומות ביים שוואַרצן ים. פון דאָרט פלעגן זיי אומאויפהערלעך, כמעט יאָר נאָך יאָר, אַריינדרינגען אין אוקראַאינע און אַנדערע פּראָווינצן פון פּוילן און ליטע. דער צוועק פון די טאָטערישע אָנפאַלן איז געווען רויב פון פאַרמעגן און געפאַנגענשאַפט פון שקלאַפן. דאָס איז באַגלייט געוואָרן מיט שרפה און מאָרד. די שטעט און שטעטלעך האָבן געהאַט ספּעציעלע באַוואָפנטע שמירות. איזאָלירט פון אַנדערע פּונקטן, האָבן זיי אָפטמאָל נישט געקענט אויסהאַלטן די שטאַרקע איבערגעוויכט פון שונא. אָנפאַלן זיינען געווען קלענערע און גרעסערע. נישט איינמאָל איז פאַרגעקומען אַן אינוואַזיע פון גרויסע טאָטערישע אַרמייען און דע־מאָלט האָבן געמוזט אַרויסטרעטן די פּוילישע אָדער ליטווישע מלוכה־אַרמייען. און ווען אפילו ס'איז געלונגען צו צעקלאַפּן און פאַרטרייבן

די טאַטערישע מחנות, זיינען אָבער שטענדיק די היזקות און קרבנות געווען גרויסע.

יידן זיינען דאָ ספּעציעל נישט אויסגעטיילט געוואָרן. זיי זיינען געווען גלייכגעשטעלט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אויך יידיש האָב־און־גוטס האָט מען צוגערויבט אָדער אָוועקגעלאָזט מיטן רויך; אויך יידישע מענער, פרויען און קינדער האָט מען אָוועקגעפירט אויף די שקלאַפן־מערק פון באַקטשיסאַראַי, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע צענטרען פון מענטשן־האַנדלביים שוואַרצן ים. אַחוץ דעם זיינען יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט קאַפאַ און אַנדערע שטעט ביים שוואַרצן ים, באַפאַלן געוואָרן דורך טאַטערישע רויבער, וועלכע האָבן אין קלענערע מחנות געלויערט אויף די וועגן. די סחורות האָט מען צוגענומען און די סוחרים געפאַנגען אָדער דערהרגעט. פיל סוחרים האָט מען דערנאָך אויסגעקויפט פון געפאַנגענשאַפט. די היזקות און געפאַרן האָבן אָבער נישט אָפּגעהאַלטן אַנדערע צו ריזיקירן אויף די זעלבע וועגן און ווייטער אָנהאַלטן דעם מסחר מיט די שטעט ביים שוואַרצן ים. אין די אָפיציעלע אַקטן טרעפט מען פיל פאַלן, ווען דער קעניג באַפרייט יידן אינגאַנצן אָדער טיילווייז פון די שטייערן צוליב די היזקות, וואָס זיי האָבן געליטן פון די טאַטערישע אָנפאַלן.

פון די גרויסע טאַטערישע אָנפאַלן איז כדאי צו דערמאָנען די שחיטות און פאַרוויסטונגען פון קרימער כאַן מענדלי־גיריי אין די לעצטע צענט־ליקער יאָרן פון 15־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1491 איז ער מיט פייער און שווערד אַדורך איבער קיעווער געגנט. שטעט און דערפער זיינען אַוועק מיט די פלאַמען, די מענטשן זיינען געוואָרן אָוועקגעפירט אָדער אויסגעקוילעט. פון שטעט, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט הונדערטער יאָרן, זיינען געבליבן האַלעוועשקעס; די פעלדער זיינען געבליבן פוסט און וויסט. פון קיעוו זיינען אַ סך יידן אַוועק אין טאַטערישער געפאַנגענ־שאַפט. מיט 8 יאָר פריער האָט דערזעלבער קרימער כאַן געווילדעוועט אין וואָלין. די טאַטערישע אָנפאַלן זיינען געווען די גרעסטע פּלאָג אין 14־טן, 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט. עס זיינען געווען גאַנצע געגנטן, וואו די טאַטערן פלעגן קומען און אָוועקגיין פראַנק און פריי, פון קיינעם נישט געשטערט. זיי האָבן שוין געהאַט זייער אויסגעטרעטענעם וועג,

וואָס מען פלעגט רופן „דער שוואַרצער שליאַך״; זיי האָבן אויך געהאַט עטלעכע קלענערע זייטיקע וועגן.

די באַוואָפנטע שמירה פון דער באַפעלקערונג פלעגט טשאַטעווען אויף די הויכקייטן אָדער קורהאַנעס — די מאַסן־קברים פון די פריערדיקע קרבנות. ווי נאָר זיי האָבן פון דערווייטנס דערזען דאָס אָנקומען פון שונא, האָבן זיי אָנגעצונדן פייערן און דערמיט אַלאַרמירט די באַפעל־קערונג וועגן דער געפאַר. די טאָטערן האָבן אַ סך מאָל געוואוסט, וואו די וואַכן שטייען, און זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין די ישובים פון אַנדערע זייטן. שטעט וואָס האָבן זיך אויפגעבויט נאָך איין פאַרוויסטונג, זיינען אַ צווייט און אַ דריט מאָל צעשטערט געוואָרן. די פאַרלוסטן פון די יידן זיינען געווען זייער גרויסע. אין בראַצלאַוו זיינען בעתן טאָטע־רישן אָנפאַל אין יאָר 1479 געטויט געוואָרן 600 איינוואוינער, צווישן זיי 400 יידן. אין יאָר 1551 איז אין דער זעלבער שטאָט פאָרגעקומען אַ שלאַכט מיט דער אַרמיי פון קרימער כאַן דעוולעט־גיריי. יידן האָבן געוואוסט, וואָס זיי דערוואַרט, און זיי האָבן העלדיש פאַרטיידיקט די שטאָט, בעת דער גאַרניזאָן און אַ גרויסער טייל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זיינען אַנטלאָפן. די טאָטערישע אָנפאַלער פלעגן גרייכן אויך אין ווייטע מקומות. זיי האָבן געווילדעוועט אין די מערב־אוקראַיני־שע געגנטן — רייסן און כעלמשטשיזנע. אין 15־טן און 16־טן יאָר־הונדערט האָט צווישן אַנדערע פיל מאָל געליטן די שטאָט הרוביעשאָוו, וואו ס׳איז שוין דעמאָלט געווען אַ היפשער יידישער ישוב. פון דער שטאָט איז אַ תל געוואָרן.

נישט שטענדיק זיינען די טאָטערן רואיק אַהיים מיט זייער רויב. טיילמאָל האָבן זיי געליטן ביטערע מפּלות. צענטליקער טויזנטער פון די טאָטערישע מחנות זיינען געבליבן טויט אויפן שלאַכט־פעלד. אַזוי, למשל, זיינען פון דער טאָטערישער האָרדע, וואָס האָט געציילט 34 טויזנט מאַן, געפאַלן בערך צוויי דריטל אין דער שלאַכט מיטן חייל פון פירשט קאָנסטאַנטי אָסטראָגסקי, אין וואַסילקאָווער פּאָוויאַט, אין יאָר 1527. עס זיינען דעמאָלט באַפרייט געוואָרן 10 טויזנט געפאַנגענע, וואָס די טאָטערן האָבן מיט זיך געפירט פון רייסן און פּאָדאָליע. עס זיינען געווען אויך אַנדערע גרויסע מפּלות פון די טאָטערן. צווישן די געפאַנ־

גענע האָט מען אויך געטראָפן קינדער. אָן טאַטע־מאַמע און אָן אַ גואל, האָט מען זיי פון צעשלאָגענעם טאָטערישן טאַבאָר געברענגט אין די גרעסערע שכנישע שטעט און איבערגעגעבן די מאַגיסטראַטן, אָדער זיי אויסגעשטעלט אויף די מערק און געבעטן גוטע מענטשן צו נעמען זיך אַ קינד. יידישע קהילות האָבן זיך באַמיט צו נעמען צו זיך די באַפרייטע יידישע קינדער.

# קאַפּיטל IV

נייע יידישע איינוואַנדערונגען. — שטאַרקע דיפערענצירונגען. — בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט. — נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. — תּקיפות פון די גבירים. — די אָרימע יידן. — דאָס רעליגיעזע און גייסטיקע לעבן. — „פאַר־יידישטע". — איוואַן גראָזני און די פּאָלאַצקער קדושים. — הצעה און בלבולים. — פאַרפעסטיקונג און וואוקס פון די יידישע ישובים.

נישט געקוקט אויף די אַלע פּורעניותן און אויסראַטונגען איז די יידישע באַפעלקערונג אויף דער ערד פון די אוקראַאינער פּראָווינצן כסדר געשטיגן. דאָס האָט זיך דערקלערט קודם מיט דער פיל ערגערער לאַגע פון די יידן אין שפּאַניע, דייטשלאַנד, בעהמען און אַנדערע מדינות. זיי זיינען דורך רדיפות, גירושים אָדער אַנדערע סיבות געווען געצוואונגען צו זוכן אַ נייע היים אין די סלאַווישע לענדער. אַ צווייטע סיבה איז געווען דער פאַקט, וואָס אין די מערב־געגנטן פון פּוילן און ליטע איז שוין נישט געווען פיל פּלאַץ פאַר נייע איינוואַנדערער און פאַר דער נאַ־טירלעכער פאַרמערונג. נישט קיין קליינע ראָל האָט אויך געשפּילט דער פאַקט, וואָס די זייער פּרוכטבאַרע אוקראַאינער ערד איז געווען שוואַך באַפעלקערט. אַדאַנק דעם איז געווען לייכטער צו שאַפן זיך אַ געהעריקע חיונה. בעת די זיכערקייט־באַדינגונגען אין אוקראַאינע זיינען געווען ערגערע, איז אָבער דער מאַטעריעלער מצב דערפאַר געווען אַ בעסערער.

געוויינלעך האָט אַ יידישער ישוב זיך אָנגעהויבן מיטן אויס־פּועלן די רעכט אויף אַ מקום־קדוש צום דאַוונען, אַ בית־עולם פאַר יידישע מתים און אַ פּאָר שטיקלעך ערד אויפצושטעלן הייזער צום וואוינען. דאָס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון יידישן ישוב. ווען עס פלעגן טרעפן, אַז יידן זיינען געבליבן שולדיק פאַר שטייערן און מ׳האָט זיי דעם חוב נישט געוואָלט שענקען, האָט מען זיי געקלאַפּט אין יסוד פון ישוב:

מ׳האָט פאַרחתמעט די שול און דעם בית־עולם און געגנויט אויף אַזאַ אופן דעם חוב צו סילוקן.

די יידישע ישובים זיינען דעמאָלט נישט געווען קיין איינהייטלעכע. נישט רעכענענדיק די קהילות פון די קאַראַימער, וועלכע זיינען אין 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט געקומען פון קרימער האַלב־אינזל און דרום־אוקראַינע ביים שוואַרצן ים, און זיך קאָנצענטרירט אין עטלעכע ישובים פון ליטע, וואָלין און רייסן, איז אויך דער הויפּט־יידישער שטאָם געווען פאַרשידנאַרטיק געטיילט. די איינוואַנדערונג פון פאַרשידענע לענדער איז נאָך געווען אַ פרישע. אונטערשידן פון שפּראַך און קולטור, באַזונדערע נוסחאות פון תפילות און מנהגים האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז דאָס אַלץ האָט זיך געקאָנט אויסמישן און איבערקאָכן, און אַרויפלייגן אויף דער גאַנצער מאַסע אַן איינהייטלעכן אַרטיקן שטעמפּל.

אַחוץ די אונטערשידן פון אָפּשטאַמונג איז געווען אַ גאָר גרויסע סאָציאַלע דיפערענצירונג. אומגעהויער גרויס איז געווען דער חילוק צווישן אָרעם און רייך. פּונקט אַזוי איז געווען דער מהלך צווישן למדנים און עם־הארצים.

יידן האָבן זיך נישט געקענט באַטייליקן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. זיי האָבן נישט געקענט האָבן זייערע פאַרשטייער און וואָרט־זאָגער נישט אין סיים, נישט אין די פּראָווינציעלע סיימיקעס און אויך נישט אין די מאַגיסטראַטן, אין די שטאָטישע אָרגאַנען פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג. יידן זיינען דאָך נישט געווען קיין בירגער, נאָר בלויז אונטערטאַנען פון קעניג, אָדער פון פירשט, וועלכער האָט זיי מזכה געווען מיט שוץ און פּריווילעגיעס. יידן האָבן אָבער געהאַט פולע פרייהייט און אויטאָנאָמיע אין זייער אינערלעכן לעבן — אין רעליגיעזן, קולטורעלן און סאָציאַלן. און אַזוי ווי דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע לעבן איז געווען געבויט אויף פעאָדאַלע יסודות, איז אויך ביי יידן נישט געווען אַנדערש. די הויפּט־דעה ביי יידן האָט געהאַט דער גרויסער גביר.

דער רייכער בריסקער ייד מיכל עזאָפאָוויטש, אַ פאַקטאָר פון קעניג־לעכן צאָל און אַ פּאַכטער פון מויט און אַנדערע הכנסות, האָט פון מלך זיגמונד דעם 1־טן אין יאָר 1514 באַקומען אַ כתב, אין וועלכן עס ווערט

געזאָגט: „נעמענדיק אין אַכט די ערלעכע דינסט, וואָס סיהאָט אונז געגעבן דער בריסקער ייד מיכל עזאָפּאָוויטש, און וועלנדיק, אַז אין אַלע ענינים, וועגן וועלכע עס קומט זיי אויס צו ווענדן זיך צום קעניג, זאָלן די יידן מעגלעך שנעל און יושרדיק באַפרידיקט ווערן, אַנערקענען מיר, זיגמונד דער 1־טער, פאַר גוט איבערצוגעבן מיכל עזאָפּאָוויטשן דאָס משתדל זיין זיך פאַרן קעניג וועגן אַלע יידישע ענינים. צוזאַמען מיט דעם באַשטימען מיר אים פאַרן „עלטסטן" איבער אַלע ליטווישע יידן. ווי דער „עלטסטער", דאַרף ער זיין נישט בלויז אַ פאַרמיטלער צווישן די יידן און קעניג, נאָר אים ווערט אויך איבערגעגעבן צו משפטן די יידן, אויפן יסוד פון די יידישע דינים, און די שולדיקע באַשטראָפן מיט געלט־שטראָפן און אַפילו מיט תפיסה." אחוץ דעם איז דער זעלבער מיכל באַפולמעכטיקט געוואָרן אויפצומאָנען ביי די יידן די שטייערן און זיי אַריינטראָגן אין מלוכה־קאַסע. דערזעלבער בריסקער גביר האָט באַקומען אַדל־רעכט. דער קעניג האָט אים געמאַכט פאַר אַ שליאַכטשיץ.

אויף דעם ביישפּיל זעען מיר, ווי אַזוי דער הויפּט־פּעאָדאַל פון דער גאַנצער מלוכה, דער מלך, גיט איבער אין רשות פון אַ יידישן פּעאָדאַל די יידישע עדה. יידן האָבן דעמאָלט געהאַט אַ צאָל זייער רייכע מענטשן, וועלכע האָבן אַרענדירט שטעט און גיטער, געמאַכט גרויסע מסחרים און געלט־אָפּעראַציעס. די אייגנטימער און אַרענדאַרן פון די גרויסע גיטער האָבן געהאַט איבער זייערע אונטערטאַנען, די פּויערים, די זעלבע פּעאָדאַלע רעכט, ווי די נישט־יידישע שליאַכטע. אַליין, בלויז מיט דער מאַכט פון זייער עשירות, און אין פיל פאַלן אַלס „עלטסטע" פון דער קהילה און בשותפות מיט רבנים, האָבן זיי אַנגעווענדט זייער תקיפות אין יידישן לעבן. זיי האָבן גערעדט אין נאָמען פון די יידן, אָבער זיי זיינען נישט געווען די יידישע עדה. די מערהייט פון דער יידי־שער עדה איז באַשטאַנען פון האַרעפּאַשניקעס און קבצנים, וועלכע האָבן צוליב די הערשענדיקע פּעאָדאַלע באַדינגונגען נישט געקענט האָבן קיין ווירקענדיקע דעה אין קהלשן לעבן. די צאָל רייכע יידן איז געווען אַ קליינע. צווישן זיי און דעם אָרימען המון איז געווען אַ טיפער תהום. על פּי רוב האָבן די רייכע זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אָרימע. די רייכע האָבן געבילדעט אַ מין אָפּגעזונדערטן קרייז, געשלאָסן שידוכים

צווישן זיך, געפירט בשותפות געשעפטן און געהאַט געמיינזאַמע גייסטיקע פאַראינטערעסירונגען. צווישן אייניקע פון זיי זיינען געווען שטאַרק אַסימילאַציע־טענדענצן, וואָס האָבן זיי דערפירט אַפילו ביז שמד. באַזונדערס איז דאָס געשען בעת דעם גירוש ליטע אין די יאָרן 1495—1503. אַ צאָל רייכע פאַקטער פון עפנטלעכע הכנסות האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, כדי נישט דאַרפן צו פאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע ערטער. צווישן די דעמאָלטיקע משומדים האָט זיך אויך געפונען אַ ברודער פון פריער־דערמאָנטן מיכל, דעם „עלטסטן" פון די ליטווישע יידן. זיין געשמדטער ברודער אברהם איז געווען קאָוונער און סאָלעצער סטאַראָסטע, ווי אויך פאָדסקארבי פון ליטווישן גרויס־פירשטנטום.

דאָס רעליגיעזע און גייסטיקע לעבן איז צום סוף פון מיטלאַלטער און אָנהויב פון דער נייער צייט געווען ביי יידן גאַנץ אינטענסיוו. אין 16־טן יאָרהונדערט איז אויף דער ערד פון אוקראַינע שוין געווען אַ ברייטע נעץ פון חדרים און ישיבות. ס׳האָבן דאָרט געווירקט באַרימטע רבנים און למדנים. אין די יאָרן 1550—1568 האָט אין וואָלין, אין דער שטאָט אָסטראָה, געווירקט דער באַרימטער רבנישער אויטאָריטעט שלמה לוריע, אָדער ווי ער איז פאָפולער אונטערן נאָמען מהרש״ל. ער איז געווען דער ראש ישיבה. די אָסטראָהער ישיבה האָט צוגעצויגן פון נאָנט און ווייט אַ סך למדנים, און די שטאָט, וואו איינצלנע יידישע פאַמיליעס האָבן געוואוינט פון סוף 14־טן יאָרהונדערט, איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה לערנען. אויך אין אַ ריי אַנדערע ערטער איז מען געזעסן יום ולילה און געלערנט.

ביי אוקראַינער יידן איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן דער מיסיאָנערישער חשק צו פאַרשפּרייטן די יידישע אמונה צווישן קריסטן. אין מיטן 15־טן יאָרהונדערט איז פון קיעוו אַרויס דער ייד זכריה מיט 5 תלמידים, איז אַוועק אַזש קיין נאָוואָגראָד אויף צפון פאַרשפּרייטן די יידישע אמונה. אָנטרעפנדיק אויף אַ גינסטיקן באָדן, האָט ער צוגעהאָלפן צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער סעקטע „פאַריידישטע" אין רוסלאַנד. די באַוועגונג פון די „פאַריידישטע" האָט פאַרכאַפּט געוויסע קרייזן פון דער פראַוואָסלאַווער באַפעל־

קערונג אין רוסלאַנד און האָט אויך געהאַט אירע אָנהענגער אין קיעוו. דער דאָזיקער אַפּיקורסישער אָפּנויג פון דער פּראַוואָסלאַוויע איז סוף כל סוף אָנהויב 16־טן יאָרהונדערט גרויזאַם דערשטיקט געוואָרן. די פירער פון די אַפּיקורסים זיינען פאַרמשפט געוואָרן פאַרברענט צו ווערן אין הילצערנע קליאַטקעס. אָבער די סעקטע „פּאַריידישטע", וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין צווייטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט און געהיים אויך אין 16־טן און אַפילו אין 17־טן יאָרהונדערט, האָט ביי די פּראַוואָסלאַוונע איבערגעלאָזט שטאָף אויף צו העצן און אָנ־צוּוואָרפן אַ מורא פאַר יידן, וועלכע ווילן כלומרשט אומברענגען די הייליקע פּראַוואָסלאַוויע. אין רוסלאַנד האָט מען יידן נישט אַריינ־געלאָזט. און וואָס מ׳זאָל טאָן מיט יידן, ווען זיי פאַלן אַריין אַהין, האָט געוויזן אַ ביישפּיל דער רוסישער צאַר איוואַן גראָזני. ווען זיין חייל האָט אין יאָר 1563 פאַרנומען די שטאָט פּאָלאָצק, האָט ער באַפוילן די יידן, וועלכע האָבן שוין דאָרט געלעבט אין 15־טן יאָר־הונדערט, זיך צו שמדן. 300 יידישע נפשות זיינען געווען אין שטאָט און זיי האָבן נישט געוואָלט פאָלגן דעם באַפעל פון גרויזאַמען צאַר. איוואַן דער שרעקלעכער האָט געהייסן אַלע יידן דערטרינקען אין טייך דווינע. די יידן זיינען ליבערשט געגאַנגען אויף קידוש השם איידער ביטן זייער אמונה. במשך פון הונדערטער יאָרן נאָכדעם האָט יאָר־יערלעך די חברה קדישא געזאָגט קדיש, און אל מלא רחמים ביי אַ בערגל נאָנט פון שטאָט, וואו ס׳זאָל זיך האָבן געפונען דער בשותפות־דיקער קבר פון די פּאָלאָצקער קדושים.

אין אַנדערע טיילן פון דער פּראַוואָסלאַוונער וועלט, אין די פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך געפונען אין הערשאַפט־געביט פון פּוילן און ליטע, האָט אויך זיך גענומען שפּרייטן דער גיפטיקער שטראָם פון רעליגיעזער שנאה, פון העצע און בלבולים. אין 16טן יאָרהונדערט האָט איןביידע לענדער זיך גענומען פאַרשפּרייטן די רעפאָרמאַציע־באַוועגונג. סיי דער קאַטאָליציזם, סיי די פּראַוואָסלאַוויע האָבן דער־מאָלט איבערגעלעבט אַ גייסטיקע און מאָראַלישע ירידה. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם גרויסן דערפאָלג פון דער רעפאָרמאַציע צווישן די עלעמענטן, וועלכע האָבן דערזען די ירידה פון זייער אמונה. בעיקר

האָט זיך די רעפאָרמאַציע פאַרשפּרייט צווישן די אויבערשטע סאָציאַלע שיכטן — די מאַגנאַטן און שליאַכטע. אין פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז יידן האָבן אַ האַנט אין דעם. און אַזוי ווי עס זיינען געווען איינצלנע פאַלן, ווען פּראַוואָסלאַוונע און אַנדערע קריסטן זיינען אַריבער צום יידנטום, זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבערגעטריבענע מעשיות, אַז גרויסע מאַסן זיינען זיך מגייר, אַז יידן באַשניידן קריסטן און באַהאַלטן גרים ביי זיך. דער האַס, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן באָדן פון דער פאַרשאַרפטער קאָנקורענץ צווישן די יידישע און קריסטלעכע סוחרים און אַרענדאַרן, פון אויסכאַפּן איינער דעם צווייטן די פאַכטן, און באַזונדערס די רעכט צו פאַרקויפן משקאות, האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם טליענדיקן פייער פון רעליגיעזן פאַרדאַכט, מורא און שנאה.

עס גייט אַוועק אַ סדרה בלבולים וועגן קוילענען קריסטן צוליב ריטועלע צוועקן, וועגן שענדן די הייליקע האָסטיעס, פאַרסמען ברונעמער און קוואַלן, אָפּטאָן כישוף אָדער אַוועקלאָזן מיטן פייער די הייזער און קראָמען פון קריסטן. פון די אַלע בלבולים איז כדאי צו דערמאָנען איינעם, אין וועלכן עס האָט געהאַט אַ האַנט אַ משומד. אין יאָר 1540 האָט אַ משומד באַשולדיקט די יידן פון קאָוועל, אַז זיי האָבן אין אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פאַרשטייער פון אַלע יידן אין ליטע באַשניטן קריסטלעכע קינדער. אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספער פון העצע און אַבערגלויבן האָט די שנאה טיילמאָל דערפירט אויך צו אַקטיווע אַרויסטרעטונגען. אין דער שטאָט כעלם האָט בעת דער פּאַסכאַ־פּראָצעסיע אין יאָר 1580 אַ טייל פון המון זיך אַריינגעריסן אין שול. יידן זיינען גראָד דעמאָלט געשטאַנען און מתפלל געווען. די אָנפאַלער האָבן געמאַכט אַ חורבן אין שול און עטלעכע מתפללים פאַרוואונדעט. די יידן האָט זיך דעמאָלט מאַטעריעל נישט שלעכט געלעבט אין דער שטאָט, אָבער דערפאַר זיינען די באַציאונגען מיט די מיעשטשאַנעס געווען זייער אָנגעשטרענגטע, און דאָס האָט גורם געווען צום אָנפאַל אויף דער שול. ענלעכע געשעענישן זיינען אויך געווען אין אַנדערע ערטער.

נישט געקוקט אויף די אינצידענטן מיט דער אָרטיקער באַפעל־

קערונג און די פּאַרוויסטונגען מצד די טאַטערן, האָבן די יידישע ישובים אַלץ שטאַרקער זיך פּאַרפעסטיקט. זיי זייַנען געוואָרן גרעסער אין צאָל, רייכער אין אינהאַלט. איבער דער לענג און ברייט פון די אוקראַינישע פּראָווינצן איז געשטיגן, הן מאַטעריעל, הן גייסטיג, דאָס יידישע לעבן. אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט, ווען פאַר אוקראַינע האָט זיך געעפנט אַ נייע עפּאָכע, האָבן יידן שוין גע־האַט הינטער זיך אַ רייכע געשיכטע אויף דער אוקראַינער ערד. די נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער לובלינער אוניע, אין יאָר 1569.

צווייטער טייל

# פון דער לובלינער אוניע
# ביז כמיעלניצקיס
# אויפשטאַנד

# קאַפּיטל V

די לובלינער אוניע. — די קאָלאָניזאַציע פון אוקראַינע. — פּאַנשטשיזנע. — אַנטוויקלונג פון די שטעט. — שיכּרות. — אַבערגלויבן. — מיליטערישער גייסט.

אין יאָר 1386 איז צווישן פּוילן און ליטע געשלאָסן געוואָרן אַ פּערסאָנאַלע אוניע. די ליטווישע גרויס־פירשטן, די יאַגעלאָנער, האָבן גלייכצייטיק פאַרנומען דעם קעניגלעכן טראָן אין פּוילן. ביידע לענדער זיינען אָבער ווי פריער געבליבן ביי זייער באַזיץ. דאָס וואָס ליטע האָט מיט דער שווערד דעראָבערט ביי די טאָטערן איז ווייטער געבליבן אין ליטווישע הענט. אַזוי אויך וואָלין, וואָס איז אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט אַריבער אונטער ליטווישער ממשלה אַדאַנק דער חתונה פון זון פון ליטווישן הערשער געדימין מיט אַ יורשטע פון אַ וואָלינער פירשט. אין 14־טן און 15־טן יאָרהונדערט האָט פּוילן זיך באַפעסטיקט אין אַנדערע אוקראַינישע טיילן — אין רייסן און פּאָדאָליע. אַזוי איז געווען די צעטיילונג ביז דעם יאָר 1569. אין יענעם יאָר איז אין לובלין פאָרגעקומען אַ סיים, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַראייניקן אונטער דער פּוילישער קרוין כמעט די גאַנצע אוקראַינישע ערד: צו די פריערדיקע אוקראַינישע שטחים אונטער פּוילישער ממשלה זאָל אויך צוקומען דער ליטווישער באַזיץ — וואָלין, פּאָדלאַשע, בראַצלאַווער און קיעווער ראַיאָנען. מיטן אויסנאַם פון די צפון־טיילן צווישן בוג און דניעפּר, אָנהויבנדיק פון די פּאָליעסער זומפּן, איז גאַנץ אוקראַינע אַריבער אונטער פּוילישער ממשלה. די נייע טעריטאָריעס אונטער דער פּוילישער קרוין האָבן באַקומען אויטאָנאָמיע. ס׳איז צוגעזאָגט געוואָרן איינצוהאַלטן אוקראַיניש ווי די אָפיציעלע שפּראַך, אַמטן זאָלן פאַרנעמען בלויז איינגעזעסענע אָרטיקע מענטשן און ביידע אמונות — די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע און די רוי־

מיש־קאַטוילישע — זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט. די אוקראַינישע שליאַכטע האָט באַקומען די זעלבע רעכט ווי די פוילישע זיך צו באַ־טייליקן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד דורך שיקן אירע פאָרשטייער אין סיים. אויך אין סענאַט האָט אוקראַינע באַקומען אַ פאַרטרעטונג. דער דאָזיקער אַקט פון סיים אין יאָר 1569 איז געוואָרן באַקאַנט אַלס די לובלינער אוניע. אין דער צייט פון דער לובלינער אוניע איז אויף דער אוקראַינישער ערד אונטער דער פוילישער קרוין — אויף די אַלטע און אויף די ניי־איינגעגלידערטע טעריטאָריעס — געווען אַ באַפעל־קערונג פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות.

די דאָזיקע ציפער ווייזט ווי שוואַך באַפעלקערט דער ריזיקער שטח איז געווען. די סיבה דאַרף מען נישט זוכן אין די נאַטירלעכע איינגשאַפטן פון לאַנד, וואָס האָט מחמת זיין פּרוכטבאַרקייט געקאָנט דערנערן אַ פילפאַך גרעסערע באַפעלקערונג. די פּערמאַנענטע אָנפאַלן און פאַרוויסטונגען פון די טאָטערן האָבן אויסגעליידיקט שטעט און דערפער. גלייכצייטיק איז אין ליטע און פוילן נאָך נישט געווען קיין איבער־באַפעלקערונג, וואָס זאָל שטויסן מענטשן צו גיין זיך באַזעצן אין נייע, געפערלעכע ערטער.

דאָס בילד האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געענדערט נאָך דער לוב־לינער אוניע. אין משך פון 80 יאָר, פון 1569 ביז מיטן פון 17־טן יאָר־הונדערט, זיינען אין די טעריטאָריעס, וואָס פוילן האָט איבערגענומען פון ליטע, פאָרגעקומען גרינטלעכע שינויים אויף אַלע געביטן. אויף אַ זייער ברייטן מאַסשטאַב האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע קאָ־לאָניזאַציע. ערד, וואָס איז געלעגן פוסט און וויסט, און וואו מ׳האָט צענטליקער מייל קיין לעבעדיקן מענטש נישט געזען, איז באַלעבט געוואָרן מיט מענטשלעכער אַרבעט. שטעט און דערפער זייגען אַנט־שטאַנען. אַזוי אויך וועגן און בריקן. פון מערב צו מזרח האָבן גע־צויגן אַלץ נייע און נייע שטראָמען איינוואַנדערער. אומגעהויער גרוי־סע שטחים ערד האָבן קיין פּריוואַטן בעל־הבית נישט געהאַט, געווען הפקר. זיינען זיי געוואָרן קעניגלעך אייגנטום. און דער קעניג האָט מיט אַ ברייטער האַנט געטיילט די ערד צווישן די מאַגנאַטן און שליאַכטע, איבערלאָזנדיק בלויז אַ טייל ערד פאַר די קעניגלעכע גיטער

און שלעסער. אַזוי איז עס דאָך פריער אויך געווען אין פוילן. לכתחילה קריגער, ריטער, האָט די שליאַכטע פאַר איר דינסט דעם קעניג, פאַרן בלוט וואָס זי איז מקריב, באַקומען אַ באַלוינונג קעניגלעכע ערד. די פאַרבונדענקייט מיט דער ערד האָט די קריגער אין גרויסע לאַנדווירטן פאַרוואַנדלט. ביים איבערנעמען אוקראַינע פון ליטע האָט פוילן דאָרט געטראָפן אַ גרויסע צאָל מאַגנאַטן און שליאַכטשיצעס. זיי איז די ערד געגעבן געוואָרן צו קאָלאָניזירן. צו די אָרטיקע פעאָדאַלן איז אויך געווען אַ צומיש פון די פוילישע, וואָס זיינען געקומען אין די נייע געביטן.

ווי ווייט אינטענסיוו די קאָלאָניזאַציע איז צוגעגאַנגען קען מען זען פון אָט די ביישפילן: אין 5 יאָר (1617—1622) זיינען אין געגנט פון ביאַלאָצערקעוו אַנטשטאַנען 35 נייע דערפער. אין די יאָרן 1637—1648 האָט בלויז דער פראַנצויזישער אינזשיניער באָפּלאַן פאַרלייגט 50 שטעט און שטעטלעך, אַרום וועלכע עס זיינען אויפגעשטאַנען ביז טויזנט פויערישע ישובים.

די איינוואַנדערונג־שטראָמען האָבן שטאַרק געביטן דאָס פּנים פון דער באַפעלקערונג. די פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן זיינען געקומען — אַן ערב־רב. אַ געמיש פון נאַציאָנאַליטעטן און סאָציאַלע שיכטן, אַ שטאָטישער עלעמענט און אַ דאָרפישער. נישט געקוקט דערויף, וואָס מ׳האָט אין אוקראַינע געטראָפן פאַרשידענע פעלקער, זיינען אָבער די אוקראַינער ווייטער געבליבן דער דאָמינירנדיקער עלעמענט. אין די ערשטע 50 יאָר נאָך דער לובלינער אוניע זיינען די וויכטיקסטע טיילן פון דער באַפעלקערונג, אַחוץ דעם אוקראַינישן הויפּט־עלעמענט, געווען פּאָליאַקן, יידן, טאָטערן, אַרמענער און וואַלאַכן.

געקומען זיינען אויף דער ניי־קאָלאָניזירטער ערד מענטשן ענערגישע, אונטערנעמערישע, מיט אַ פּיאָנערן־גייסט. עס האָבן געצויגן אַהין די בעסערע לעבנס־מעגלעכקייטן. עס זיינען געקומען מענטשן, וועלכע האָבן דערזען פאַר זיך אַ שאַנס זיך אַרויפצואַרבעטן. צוזאַמען מיט זיי זיינען אויך געקומען אַוואַנטוריסטן און אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרונט צו אַנטלויפן פון פוילן, ליטע און אויך פון אַנדערע

ווייטע לענדער, וואו עס האָט אויף זיי געוואַרט אַ שטראָף פאַר פאַר־שידענע חטאים און פאַרברעכנס. אויף די אוקראַינער סטעפּעס איז אַלץ פאַרגעסן און מ׳וועט ווידער ריין פון זינד ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

פון באַזונדערער באַדייטונג איז געווען דער צושטראָם פון פּויערים, אַן וועלכע עס וואָלט נישט מעגלעך געווען די אומגעהויער־גרויסע קאָלאָניזירונג־אַרבעט. אין 16־טן יאָרהונדערט איז אין פּוילן אין אַ גרויסער מאָס שוין געווען פאַרשוואונדן דאָס פרייע פּויערטום וואָס האָט בלויז געדאַרפט צאָלן אַ געוויסן צינז דעם פּריץ פאַר באַנוצן די ערד. דער סיסטעם איז דאָרט געוואָרן פאַנשטשיזנע לטובת דעם פּריץ. אין דער ערשטער העלפט פון זעלבן יאָרהונדערט האָט די פאַנ־שטשיזנע זיך אויסגעדריקט אין 2 טעג אַרבעט אַ וואָך. אין דער צווייטער העלפט פון זעלבן יאָרהונדערט איז דער סכום אַרבעט פאַרן פּאַן פאַרטאָפּלט געוואָרן אויף 4 טעג אַ וואָך. בלויז צוויי־דריי טעג אַ וואָך האָט דער פּויער געקענט אויסנוצן זיינע הענט פאַר זיין אייגע־נער בעל־הביתישקייט. דער פּאַן איז פאַקטיש געוואָרן דער בעל־הבית איבערן פּויער. פּויערישע ערד איז אויך ווייטער געווען, אָבער איר ראַל איז געוואָרן אַלץ קלענער. אויפן אויבנאָן האָבן זיך אַרויסגערוקט די גרויסע פאָלוואַרקעס. אויב פריער האָבן די פאָלוואַרקעס אַרומגענו־מען בלויז אַ פינפט־חלק פון דער באַאַרבעטער ערד, האָט שוין צו דער צייט פון לובלינער אוניע צו זיי געהערט אַ העלפט. דער פּריץ האָט נישט בלויז געווירטשאַפט מיט אַ העלפט פון דער גאַנצער אַקער־ערד, ער איז אויך געווען דער אייגנטימער פון וואַלד און טייך, פון די הכנסות, וואָס זיי גיבן. דאָס איז געווען די צייט, ווען אין דער פע־אָדאַלער נאַטוראַלער ווירטשאַפט האָט אַלץ מער און מער זיך אַריינ־געריסן דער געלט־סיסטעם, ווען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן האָבן אַלץ מער אָנגענומען די פאָרם פון סחורה. דער עקספּאָרט פון תבואה דורכן באַלטישן ים האָט זיך פאַרשטאַרקט און די הכנסה פון דער ערד איז געשטיגן. די עקספּלואַטאַציע פון פּויער ווערט גרעסער. זיין פרייהייט ווערט שטאַרק באַגרענעצט און צוגעשרויפט. דער דרייסטערער פּויער ראַטעוועט זיך דערפון דורך אַנטלויפן. אויף אַן

אַנטלאָפּענעם האָט אָבער שטענדיק געלויערט די סכנה, אַז דער פּאַן וועט אים כאַפּן, צוריקברענגען און שטרענג באַשטראָפן. דעריבער פלעגן די פּויערים בעיקר לויפן אין די ווייטסטע געגנטן פון רייסן און פּאָדאָליע. נאָך דער לובלינער אוניע האָט זיך געעפנט אַ ברייט פעלד, וואוהין צו לויפן — אין וואָלין, אין בראַצלאַווושטשיזנע און קיעוו־שטשיזנע.

כדי צוגעבן חשק די פּויערים צו באַזעצן זיך און צו באַאַרבעטן די ערד, האָבן די מאַגנאַטן און די שליאַכטע אין אוקראַינע געגעבן די פּויערים גרויסע פאַרלייכטערונגען. קודם איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ כלל: די ערשטע יאָרן איז דער פּויער פריי פון פּאַנשטשיזנע. די צאָל פון די דאָזיקע „ערשטע יאָרן" איז געווען פאַרשידן. זי האָט זיך געוואַקלט צווישן 10 און 40 יאָר. און ווען די פרייע יאָרן האָבן זיך געענדיקט, איז די פּאַנשטשיזנע אויך געווען אַ לייכטערע ווי אין פּוילן. בכלל איז די לאַגע פון פּויער און זיין וואוילשטאַנד געווען פיל בעסער אין די נייע אוקראַינישע טעריטאָריעס, ווי אין אַלע אַנדערע אַלטע טיילן פון דער פּוילישער מלוכה, הגם נאָך פאַר דער לובלינער אוניע איז שוין אַ טייל פון פּויערטום אין אוקראַינע נישט געווען פריי. נישט געקוקט דערויף וואָס בכלל האָט זיך די פּויערים אין אוקראַינע געלעבט בעסער, פלעגן דאָך פאָרקומען רייבונגען און סכסוכים. על פּי רוב פלעגט עס געשען ביים פאַרענדיקן זיך פון דער סלאָבאָדע — פון די פרייע יאָרן, אָדער בעת דער פּריץ האָט נישט געהאַלטן וואָרט און געוואָלט פאַר־קירצן די צאָל לגאָטנע, פרייע יאָרן. דעם פּויער האָט זיך נישט געגלוסט צו נעמען אויף זיך די לאַסט פון פּאַנשטשיזנע. נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז ווען ס׳האָט זיך געענדיקט די צייט פון דער סלאָבאָדע, איז ער אַנטלאָפן ווייטער אויף מזרח און אָנגעהויבן אַ נייע סדרה סלאָבאָדע אויף אַנדערער ערד. דער גרויסער גוט־באַזיץ האָט זיך געטיילט אין פיר קאַטעגאָריעס. קעניגלעכע גיטער, מאַגנאַטישע, שליאַכעצקע און צערק־ווישע. די צערקוועס האָבן פאַרמאָגט אַ סך ערד. די רייכערע צערקוועס און מאָנאַסטירן האָבן אָנגעווענדט צו די פּויערים דעם זעלבן סיסטעם פון פּאַנשטשיזנע, ווי די וועלטלעכע ערד־באַזיצער. ווי פריער פאַר דער לובלינער אוניע, אַזוי אויך נאָך איר, זיינען אין אוקראַינע געווען צוויי

טיפן פויערים: פרייע אָדער האַלב־פרייע און אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען געבונדן דורך פּאַנשטשיזנע.

אין זעלבן פעריאָד זיינען אַנטשטאַנען פיל שטעט. דער־פער זיינען דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון שטעטלעך. אייגנעפונדעוועטע שטעט האָבן באַקומען זעלבסטפאַרוואַלטונג — מאַגדעבורגער רעכט. דאָס האָט זיי באַפרייט פון דער יוריסדיקציע פון די קעניגלעכע באַאַמטע און פון די פּריצים אין די פּריוואַטע שטעט. די שטעט האָבן אויסגעביל־דעט אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פון די מיעשטשאַנעס. די מאַגדעבורגער רעכט מיט דער דערלויבעניש איינצו־אָרדנען מערק און ירידן האָט געגעבן אַ ברייטערע מעגלעכקייט פאַר דעם ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג און געזיכערט מער פּערזענלעכע פרייהייט די שטאָטישע איינוואוינער. כמעט אַלע אוקראַינישע שטעט האָבן ביז דער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט שוין געהאַט מאַגדעבורגער רעכט.

דער האַנדל און די אינדוסטריע אין די שטעט זיינען געווען שוואַך אַנטוויקלט. דער גרויסער רוב פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג האָט זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט און אויך מיט יאַגד און וואַלד־ווירטשאַפט. אין די וועלדער האָט מען געברענט אַש, אויסגעאַרבעט פּאָטאַש, סאַלעטרע, סמאָלע, דזשעגעכץ. צווישן אַנדערן האָט מען פּאָטאַש גענוצט צום אויסאַרבעטן גלאָז און די סאַלעטרע — פאַר פּראָדוצירן פּולווער. עס איז אויך אַנגעגאַנגען אין אַ ברייטן פאַרנעם פי־צוכט, בינען־צוכט און פיש־פאַנג. עס זיינען פאַר דער צייט אויסגעבויט גע־וואָרן אַ סך מילן. אין די שטעט האָט די מלאָכה באַפרידיקט פאַרשידענע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג.

אַ באַזונדערס וויכטיק אָרט האָט פאַרנומען די פּראָדוקציע און האַנדל פון משקאות. און נישט בלויז צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אַ סך געטרונקען און אויף דעם זיינען אַוועק היפשע חלקים פון דער פאָלקס־הכנסה, נאָר אויך צוליב דער גרויסער ראָל וואָס די אַלקאָהאָל־געטראַנקען האָבן גע־שפּילט אין פּאָליטישן ווי אויך אין מאָראַלישן לעבן פון פאָלק. כדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף ווי ווייט טיף די שיכרות איז אַריינגעדרונגען אין לעבן פון אוקראַינע, וועלן מיר הערן אייניקע שילדערונגען פון מענטשן פון יענער צייט.

אין דער פריער שוין דערמאָנטער שריפט, וואָס דער ליטווינער מיכאַלאָן האָט פאַרפאַסט פאַרן מלך זיגמונד אויגוסט, אין יאָר 1550, ווערט געזאָגט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון בראָנפן און ביר, אַז די קריגער נעמען דאָס מיט ווען זיי גייען אין קריג, די פּויערים לאָזן שטיין די פעלדער און גייען אין שענק אַריין שיכורן. „און דערפון קומט אַרויס דאָס, — זאָגט ער ווייטער, — אַז זיי פאַרלירן צוליב דעם זייער פאַרמעגן און דערגייען צו הונגער, נעמען זיך צו גנבה, און רויב. מחמת דעם ווערן אין יעדער ליטווישער פּראָווינץ אין איין חודש פאַר די דאָזיקע פאַר־ברעכנס פאַרמשפּט מער מענטשן צום טויט, ווי אין די טאָטערישע און מאָסקווער לענדער במשך פון הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָר. דער טאָג הויבט זיך אָן מיט טרינקען בראָנפן. ווען זיי זיינען נאָך אין בעט, שרייען זיי שוין: בראָנפן, בראָנפן! און עס טרינקען דעם דאָזיקן סם אי מענער, אי פרויען, אי יינגוואַרג — מיטרינקט אויף די גאַסן, אויף די פּלעצער.“

דער קאַטוילישער ביסקופּ ווערעשטשינסקי, אַליין אַן אוקראַאינער לויט נאַציאָנאַליטעט, וועלכער איז געוועזן טעטיק אין קיעוו אין לעצטן צענטליק פון 16־טן יאָרהונדערט, האָט געזאָגט וועגן בראָנפן, אַז „דער המון שיכורט זיך אָן דערמיט כמעט יעדן טאָג, כדי צו פאַרזיסן די ביי־טערע מערכה.“

די פאַרשפּרייטסטע משקאות זיינען געוועזן ביר, בראָנפן און מעד. געטרונקען האָבן אַלע שיכטן — פון מאַגנאַט ביזן פּויער, פון העכסטן מלוכה־מאַן ביזן קבצנישסטן מיעשטשאַן. סיהאָט געטרונקען דער פּראַ־וואָסלאַווונער פּאָפּ און דער קאַטוילישער קשאָנדז. עס זיינען געווען אַפילו אַזעלכע פּאָפּן, וועלכע האָבן פאַרברענגט אין די שענקען מער צייט, ווי אין די צערקוועס. גאַנץ אוקראַאינע איז געוועזן פול מיט שענקען; אין די ישובים האָט מען זיי באַגעגנט אויף טריט און שריט. מיט רעכט וואָלט מען אוקראַאינע פון יענער צייט געקענט אָנרופן — אַ לאַנד פון שענקען. אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן: אין דער שטאָט וויניצע זיינען געוועזן 42 שענקען. אין וויכטיקסטן צענטער פון לאַנד — אין קיעוו — זיינען געוועזן קרעטשמעס און שענקען אין יעדער גאַס און כמעט אין יעדן געסל. אין די צוואַנציקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט, ביי אַ באַפעל־

קערונג פון איבער 5 טויזנט נפשות, זיינען דאָרט געווען אַזש 58 שענקען און קרעטשמעס, וואו מ׳האָט פאַרקויפט אַלקאָהאָל־משקאות. אויף יעדע הונדערט נפשות אַ שענק. צערקוועס זיינען דעמאָלט געווען 10 און טרינק־הייזער — 58.

האַנט אין האַנט מיט דער אַלגעמיינער שיכרות זיינען געגאַנגען די אומוויסנהייט און אַבערגלויבן. אַחוץ אַ זייער דינעם שיכט מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שול און פאַרמאָגט אַ געוויסן סכום בילדונג, זיינען די פאָלקס־מאַסן געווען פאַרזונקען אין פולשטענדיקער עם־הארצות, האָבן נישט געקאָנט אַפילו לייענען און שרייבן. שטאַרק פאַרשפּרייט איז געווען דער אַבערגלויבן. מ׳האָט געגלויבט אין כישוף, דיבוקים, נישט־גוטע, עין־הרעס און ענלעכע זאַבאַבאָנעס. אַ באַזונדער אומצוטרוי האָבן זיי געהאַט צו מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און בכלל צו יעדן איינעם, וואָס האָט זיך מיט עפּעס אונטערשיידט פון דורכשניטלעכן אוקראַינער. מ׳האָט זיך דערציילט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע מעשיות וואָס מ׳האָט אַליין געזען אָדער געהערט דערציילן פון אַנדערע, מיט וועלכע ס׳האָט פּאַסירט. אין די חורבות האָט מען געזען ווילדע טייוולאָנישע אָרגיעס און שדים־טענץ, פון די קורהאַנעס זיינען אויפגעשטאַנען מחנות מתים.

אַ געשלעג אָדער אַפילו דערהרגענען אַ מענטש איז נישט געווען קיין זעלטנהייט. צוליב די כסדרדיקע סכנות מצד די טאָטערן, איז די באַ־פעלקערונג געווען באַוואָפנט. די אומאויפהערלעכע מלחמות און אָנפאַלן האָבן געשאַפן אַ מיליטערישן גייסט אין לאַנד. און נישט זעלטן האָט מען דאָס געווער אויסגענוצט בעת סכסוכים צווישן זיך אָדער בעת סתם אַוואַנ־טורעס אין שיכורן צושטאַנד.

# קאַפּיטל VI

פּויליש-יידישער קיבוץ פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט. — אָפּפלוס צו די מזרח-פּראָווינצן. — די סיבות. — יידישע פּרנסות. — האַנדל און מלאָכה. — אַרענדעס. — דאָס פאַרשווינדן פון יידישע פּריצים און פּויערים.

מיטן גרויסן שטראָם וואַנדערער, וואָס איז נאָך דער לובלינער אוניע געגאַנגען קיין אוקראַינע, זיינען אויך געקומען יידן. די סיבות, וואָס האָבן באַוואויגן יידן צו באַזעצן זיך ווייטער, אויף מזרח, זיינען געווען הן אַלגעמיינע, הן ספּעציפיש־יידישע. ווי די אַנדערע, האָט אויך די יידן אַהין געצויגן דער בעסערער מאַטעריעלער מצב און בכלל די מעגלעכקייט פון חיונה. אָבער נישט דאָס אַליין.

די צאָל יידן אין פּוילן איז כסדר געשטיגן. אי די נאַטירלעכע פאַר־מערונג, אי דער כסדרדיקער צושטראָם פון צענטראַל־אייראָפּע האָבן געדיכטער געמאַכט די יידישע ישובים. ס'איז געוואָרן ענג און ס'איז נויטיק געוואָרן אַן אָפּפלוס אין פרייערע פלעצער. אין 16־טן יאָרהונדערט האַלטן אָן די גירושים פון יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכיע. די פאַרטריבענע קומען קיין פּוילן צו געפינען אַ מקום־מנוחה. דער פליטים־שטראָם האַלט אויך אָן אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט. מ'איז געקומען קיין פּוילן אויך צוליב די בעסערע פּרנסה־מעגלעכקייטן. אין די יאָרן 1618—1648 באַווייזט זיך אַ נייער עלעמענט פליטים. יידן אַנטלויפן פון די דייטשע לענדער מחמת די שרעקן און פאַרוויסטונגען פון 30־יאָריקן קריג. אַ סך פון זיי זיינען באַלד אַוועק אין די מזרח־קרעסן — פון פּאָדאָליע אין דרום ביז ליטע אין צפון. דער יידישער ישוב אין פּוילן איז כסדר געוואַקסן און האָט אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט מיט זיין צאָל אַריבערגעיאָגט דעם דעמאָלטיקן גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט — פון טערקיי. דער פּויליש־יידישער קיבוץ האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט.

פאַר דער אויסגעוואַקסענער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אומ־מעגלעך צו בלייבן בלויז אין די רייך־פּוילישע פּראָווינצן. אַ טייל האָט געמוזט אָפּפליסן אין די ווייניק־באַפעלקערטע געגנטן. ס'האָבן דאָ גע־ווירקט אייניקע מאָטיוון. אין פּוילן האָבן די יידן קיינמאָל נישט געליטן פון קיין אַלגעמיינעם גירוש, וואָס פלעגט אין אַ ריי אַנדערע לענדער ווי מיט אַ מעסער אָפּשניידן די עקזיסטענץ פון יידישן ישוב. דערפאַר זיינען אין פּוילן יאָ געווען פיל אָרטיקע גזירות, וואָס האָבן געשטערט די נאָר־מאַלע אַנטוויקלונג פון די יידישע קיבוצים. קודם — וואוין־רעכט. אין אַ זייער גרויסער צאָל שטעט האָבן יידן בכלל נישט געטאָרט וואוינען און געדאַרפט פאַר זייער וואוין־רעכט ביטער קעמפן. אין יאָר 1629 איז פון 453 שטעט אין פּוילן אין קרוב אַ העלפט — אין 208 געווען גילטיק די פּריווילעגיע וועגן נישט טאָלערירן יידן. אויך אין די דערפער האָט מען פאַרבאָטן יידן זיך צו באַזעצן. אין אַ ריי שטעט, וואו יידן האָבן יאָ געמעגט וואוינען, איז פאַר זיי געווען באַשטימט בלויז איין גאַס, וואו די ענגשאַפט איז געוואָרן כסדר גרעסער. אמת, די יידן בשותפות מיט נישט־יידן האָבן עובר געווען אויף די פאַרבאָטן און געפונען אופנים צו וואוינען אַפילו אין די שטעט, וואו ס'איז געווען גילטיק דער „יוס דע נאָן טאָלעראַנדיס יודעיס", אָבער אָן ערנסטע שטערונג איז דאָס געווען. אויך די פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ מצד דעם קריסטלעכן סוחר און בעל־מלאכה, די באַגרענעצונגען וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון יידן האָבן געשטופּט די לעצטע צו זוכן אַ בעסערן פּלאַץ. אַדאַנק דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סטרוק־טור פון פּוילן איז אַ געזעץ, דעקרעט אָדער גזירה נישט אַלעמאָל געווען אַ חוק פאַרן גאַנצן לאַנד. זיינען יידן געגאַנגען אין יענע מקומות, וואו די פאַרבאָטן האָבן קיין האַפט נישט געהאַט און וואו ס'איז געווען נאָך פרייער פּלאַץ פאַר יידישער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. סוף פון 16־טן און אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט האָט אין די פּוילישע שטעט זיך אָנגע־הויבן אַ ווירטשאַפטלעכער קריזיס און ירידה. דאָס האָט אויך געטריבן יידן ווייטער אויף מזרח. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס סוף פון 16־טן יאָרהונדערט זיינען יידן שוין געווען אין כמעט אַלע שטעט פון קיעווער און בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפטן. פון אָנהויב 17־טן יאָר־

הונדערט באַזעצן זיך יידן אויפן לינקן ברעג דניעפּר. אויך די אַלטע יידישע קיבוצים ווערן באַדייטנדיק פאַרגרעסערט. אין וויניצע, למשל, זיינען בעת דער לובלינער אוניע געווען 15 יידישע הייזער, מיט 35 יאָר שפּעטער גרייכט שוין זייער צאָל 60. דער פּראָצענט פון יידן אין די אוקראַינישע פּראָווינצן איז בכלל נאָך אַלץ נישט געווען קיין הויכער, אָבער אין די שטעט איז שוין דער פּראָצענט געווען אַ היפּשער. אין יאָר 1578, נאָך איידער ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די גרויסע קאָלאָניזאַציע, האָבן יידן אויסגעמאַכט: אין רויט־רייסן — 5.2 פּראָצענט, אין וואָלין — 1,6, אין פּאָדאָליע — 6,1. נעמט מען אָבער בלויז די שטעט איז פאַראַן אַן אַנדער בילד: אין די שטעט פון רויט־רייסן באַטרעפן יידן 19,6 פּראָצענט, אין וואָלין — 11, אין פּאָדאָליע — 22,2. אין בראַצלאַווער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפטן איז די יידישע באַפעלקערונג דעמאָלט נאָך געווען אַ קליינע. אין די וויטערדיקע 70 יאָר האָט זיך דאָס בילד שטאַרק געביטן און מ׳טרעפט אַ ריי יידישע קיבוצים אויך אין די מזרח־טיילן פון אוקראַינע.

פון וואָס האָבן יידן געצויגן זייער חיונה? זייערע באַשעפטיקונגען זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע. צו די הויפּט־פּרנסות דאַרף מער פאַררעכנען: האַנדל, מלאָכה און אַרענדע. די יידישע פּרנסות האָבן אויף טריט און שריט אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן און באַגרענעצונגען און יידן האָבן געמוזט מאַכן כלערליי אָנשטרענגונגען זיי גובר צו זיין. נאָך דער לובלינער אוניע איז דער יידישער אָנטייל אין האַנדל כסדר געשטיגן, ער איז אָבער ווייט נישט געווען קיין דאָמינירנדיקער. אין פיל פאַלן איז די מלאָכה געווען ענג פאַרבונדן מיט האַנדל. די אייגענע אויסאַרבעטונגען זיינען פאַרקויפט געוואָרן אויף די מערק און ירידן. אין לוצק, אַשטייגער, האָבן יידן אויסגעאַרבעט און געמסחרט אין אַ גאַנץ ברייטער מאָס מיט מלבושים און פעלצן. לוצקער יידן האָבן מלבושים און פעלצן פאַרקויפט אויך אין קלעוואַן, טאַרטשין און אַנדערע וואָלינער שטעט און דערפער. ס׳איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט דער האַנדל מיט בהמות. וואָלינער יידן האָבן געברענגט פון וואַלאַכיע קיין פוילן סטאַדעס פון טויזנטער בהמות. די בהמות האָט מען געפּאַשעט אויף די פּעטע לאָנקעס פון פּאָדאָליע. פון וואָלין האָבן יידן געפירט קיין קעניגסבערג

און דאַנציג באַרקעס מיט תבואה, פּאָטאַש, סמאָלע און געהילץ. מ'האָט אויך אַרויסגעפירט וואַקס און פוטערוואַרג. פון אויסלאַנד האָבן זיי גע־ברענגט זאַלץ, וויין, טוך, אַטלאַס, צירונג, זילבער און טייערע חפצים. יידן אין רויט־רייסן האָבן געמסחרט מיט טוך, זיידנוואַרג, לעדער, פוטער־וואַרג, בהמות, חלב, וואַקס, געווירצן, מעד, זאַלץ, תבואה, וואַלד־פּראָדוקטן און אויך מ'יט מעטאַלענע אויסאַרבעטינגען. אַחוץ עקספּאָרטערן, אימפּאָרטערן און בכלל גרויסע סוחרים, איז צווישן יידן געווען אַ פיל גרעסערע צאָל קרעמער און קליין־הענדלער און אַ גרויסער טייל יידן האָט געהאַנדלט אין די דערפער און געפירט גראַשנדיקע געשעפטן. עס איז געווען אַ היפּשע צאָל גאַסן־הענדלער און דאָרף־גייער, וועלכע האָבן אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן פאַרשידענע סחורות.

שוין דעמאָלט האָבן זיך אַרויסגעוויזן צוויי יידישע אייגנשאַפטן אין מסחר: פאַרקויפן ביליק און אָנהייבן האַנדלען אָן אייגענעם קאַ־פּיטאַל — מאַכן געשעפטן מיט געבאָרגט געלט.

אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט און אַוודאי שפּע־טער ביזן מיטן 17־טן יאָרהונדערט איז שוין ביי יידן געווען פאַרשפּרייט מלאָכה. מ'האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט נישט בלויז פאַר יידישע קונים, נאָר אויך פאַרן מאַרק בכלל. בעיקר האָבן יידישע בעלי־מלאָכות פּראָ־דוצירט סחורות פאַר דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די צאָל פאַכן, אין וועלכע מ'האָט דעמאָלט געטראָפן יידישע בעלי־מלאָכות, איז אין פּוילן געווען אַ גאַנץ היפּשע: שניידער, קירזשנער, היטל־מאַכער, שוסטער, גאַרבער, רימאַרעס, זאָטל־מאַכער, סטעלמאַכערס, סטאָלאַרעס, קאָטלאַ־רעס, שלאָסער, קאָוואַלעס, מעסער־שלייפער, געווער־מאַכער, פּאַסעק־מאַכער, איינבינדער, גאָלדשמידן, ביר־ברויער און אַ ריי אַנדערע. נאָך שווערער און עקשנותדיקער ווי קרעמער און סוחרים האָבן יידישע בעלי־מלאָכות געדאַרפט קעמפן פאַרן רעכט אָנצוגיין מיט זייער באַשעפטיקונג.

שטאַרק פאַרשפּרייט איז געווען דאָס נעמען אין אַרענדע פאַרשי־דענע הכנסות און דאָס האַלטן שענקען. אויב אין פריערדיקן פּעריאָד האָבן יידן אַרענדירט גרויסע גיטער, דערפער גאַנצע און אַפילו שטעט, ווערט דאָס אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט אַ זעלטענע דערשיינונג, ביז זי פאַרשווינדט אינגאַנצן. דערמיט הערט אויף דער

יידישער אַרענדאַר צו זיין דער בעל־הבית איבער די פּויערים, וועלכע זיינען צוגעפּעסטיקט צו דער ערד. דאַקעגן מערן זיך די פאַלן פון אַרענ־דירן די הכנסות פון דער מלוכה אָדער פון גוט־באַזיצער: יידן אַרענדירן די רעכט אויף די וועלדער, פּאָטאַש־בודעס, מילן און ברויערייען; זיי נעמען אין פּאַכט דעם צאָל, די וועג־אָפּצאָלן, בראָנפן־אַקציז און פאַר־שידענע שטייערן. אַ סך יידישע אָנגעשטעלטע זיינען באַשעפטיקט ביים אויפמאָנען די אָפּצאָלן. אין פיל פאַלן זיינען דאָס געווען שותפות־געשעפטן פון יידן און קריסטן.

וואוכער, וואָס האָט אין די פריערדיקע צייטן פאַרנומען אַזאַ אָנגעַ־זעען אָרט, פאַרשווינדט אַלץ מער און מער און שפּילט נישט קיין באַדייטנדיקע ראָל אַלס מקור פון יידישער חיונה. פאַרקערט, יידן הויבן גאָר אָן צו לייען געלט פון רייך־געוואָרענעם אַדל און אַפילו פון קריסטלעכע גייסטלעכע.

עס גייט אונטער דער יידישער ערד־באַזיץ. ווי אַ צוגאָב־באַשעפטי־קונג, ד. ה. פאַרזייען אַ שטיקל פעלד, פאַרפלאַנצן אַ גאָרטן, כדי צו האָבן אַ סכום פּראָדוקטן פאַרן אייגענעם געברויך, דאָס איז געבליבן, אָבער ערד־אַרבעט ווי די הויפּט־פּרנסה איז פאַרשוואונדן. אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט זיינען נאָך אין אוקראַינע געווען יידישע ערד־באַזיצער. ס׳איז אויך געווען אַ צאָל יידישע פּויערים. שפּעטער איז דאָס געווען אַזוי גוט ווי אוממעגלעך. פון סוף 15־טן יאָרהונדערט האָט מען אין פּוילן פאַרבאָטן יידן צו קויפן ערד. דער פאַרבאָט איז אָנגענומען געוואָרן דורכן פּוילישן סיים אין יאָר 1496. אפשר נאָך וויכטיקער פון דעם יורידישן פאַרבאָט איז געווען אַ צווייטע סיבה: ס׳איז געווען ווייניק צו האָבן אייגנטום־רעכט, מ׳האָט געדאַרפט נאָך האָבן די פיזישע מאַכט איינצוהאַלטן די ערד. אין יענער תקופה איז געווען אַ מנהג, אַז מ׳פּלעגט אויסכאַפּן איינער ביים אַנדערן די גיטער. האָט אַ מאַגנאַט אָדער אַ שליאַכטשיץ דערפילט, אַז זיין שכן וועט זיך נישט קענען פאַרטיידיקן קעגן אַן איבערפאַל, פלעגט ער צונויפנעמען זיינע באַוואָפנטע דינער און מיט כוח צונעמען יענעמס באַזיץ. ס׳האָט געהערשט דער כלל פון כל דאלים גבר. אַ יידישער ערד־באַזיצער האָט נישט געהאַט קיין שאַנסן דערפאָלגרייך צו פאַרטיידיקן זיין נחלה.

אַחוץ דעם איז גרויסער ערד־באַזיץ געווען פאַרבונדן מיט שליאַכצטווע און בלויז געציילטע יידן האָבן געגאָסן פון דער זכיה. שפּעטער, ווען די רעכט צו נאָבּיליטירן איז צוגענומען געוואָרן פון קעניג און איז אַריבער צום סיים, האָט אַוודאי נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַריינגעמען יידן אין שטאַנד פון דער שליאַכטע. אָן דעם האָט די ערד נישט געקאָנט אַריבער בירושה צו ווייטערדיקע דורות. אויך דער יידישער פּויער איז פאַר־שוואונדן. כל־זמן ס׳איז נאָך געווען מעגלעך אַ פרייע פּויערישע ווירט־שאַפט, טרעפט מען נאָך אין אוקראַיִנע קליינע גרופּעס יידישע פּויערים. מיט דער פאַרשטאַרקונג פון פאַנשטשיזנע איז ביי יידן אַוועק דער חשק צו לעבן פון ערד־אַרבעט. צאָלן צינז דעם פּריץ פאַר באַנוצן די ערד, דערויף זיינען נאָך יידן געווען בעלנים, אָבער ווערן פאַרקנעכט דורך פאַנשטשיזנע — דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט. אמת, אין 17־טן יאָר־הונדערט פאַרגרעסערט זיך די צאָל יידן אין די דערפער, אָבער זיי באַ־שעפטיקן זיך דאָרט מיט האַנדל און מלאָכה, מיט האַלטן קרעטשמעס און מילן.

# קאַפּיטל VII

האַנדלס-פּריוויהיט. — קאַמף פון די מיעשטשאַנעס און מאַגיסטראַטן קעגן יידישן מסחר און מלאָכה. — שווערקייטן ביים קויפן שפּייז. — באַגרע-נעצונגען פון סוים און מלכים. — צעכן. — חברות פון יידישע בעלי-מלאָכות. — קרעטשמעס און שענקען.

וואָס זיינען געווען די שווערקייטן, אויף וועלכע יידן האָבן זיך אָנגעשטויסן אין זייער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג?

אויפן געביט פון מסחר האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויפן קריסט־לעכן סוחר און קרעמער. די לעצטע האָבן זיך באַמיט נישט צו דערלאָזן, אַז דער ייד זאָל פאַר זיי ווערן אַ קאָנקורענט, זיי האָבן געוואָלט, אַז מסחר זאָל זיין אַ פּריווילעגיע בלויז פון קריסטן. אַפּיציעל האָבן יידן געמעגט פריי און אומגעשטערט פירן מסחר. האָט דאָך מלך סטעפאַן באַטאָרי אין דער פּריווילעגיע, וואָס ער האָט אין יאָר 1576 געגעבן די לוצקער יידן, דערקלערט, אַז יידן מעגן האַנדלען אומעטום אין גאַנצן לאַנד. אין יאָר 1578 האָט דער זעלבער מלך מבטל געמאַכט די פּריווילעגיעס פון באַזונדערע שטעט וועגן פאַרבאָטן יידן דאָרט צו האַנדלען. ער האָט פּראָקלאַמירט דעם כלל, אַז יידן מעגן פריי האַנדלען אין אַלע שטעט. דער דאָזיקער כלל איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די ווייטערדיקע מלכים. זיגמונד דער 3־טער האָט די יידן פון ביאַלאָצערקעוו, וויניצע, לוצק, בראַצלאַוו, פּערעיאַסלאַוו און אַנדערע אוקראַיִנישע שטעט געגעבן אַ פּריווילעגיע פון פרייען האַנדל. אין יאָר 1600 האָט דער זעלבער מלך אין אַ פּריווילעגיע פעסטגעשטעלט, אַז אויפן שטח פון דער גאַנצער מלוכה זיינען יידן גלייכבאַרעכטיקט מיט די קריסטלעכע סוחרים וואָס שייך דער הויך פון צאָל. אויך זיגמונדס יורש, מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער האָט געגעבן יידישע סוחרים האַנדלס־פרייהייט.

די דאָזיקע פאָרמעלע פרייהייט איז אָבער געווען ווייניק צו פאַרהיטן יידן פון געוויסע באַגרענעצונגען און מניעות. די קריסטלעכע סוחרים

און קרעמער האָבן געהאַט גענוג כוח צו באַגרענעצן די רעכט און פרייהייט פון יידישן האַנדל. נישט שווער איז דאָס זיי אָנגעקומען אין די שטעט מיט מאַגדעבורגער רעכט, וואו די מאַגיסטראַטן האָבן זיך געשטעלט קעגן יידישן צד. דאָס זעלבע אין יענע פריוואַטע שטעט, וואו דער פריץ האָט נישט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא מיט יידן. אַפילו די זעלבע מלכים, וואָס האָבן אָנערקענט די רעכט פון יידן פריי צו האַנדלען, האָבן לויטן פאַרלאַנג פון קריסטלעכע סוחרים דאָ און דאָרט אַרויסגעגעבן לאָקאַלע פאַרבאָטן. אַ סך מאַגיסטראַטן נעמען אָן באַשלוסן צו באַגרענעצן דעם יידישן האַנדל און מלאכה. אין אַ ריי ערטער האָבן יידן געמעגט פאַרקויפן סחורה נאָר אין זייערע הייזער, אָבער נישט אין אָפענע געוועל־בער אָדער אין מאַרק; אין אַנדערע ערטער האָבן זיי געמעגט האַנדלען נאָר בעת די מערקטעג און ירידן. די מיעשטשאַנעס האָבן פאַרשיט מיט אַנקלאַגעס קעגן יידישן האַנדל. אין רעזולטאַט דערפון פלעגן קומען פאַרשידענע באַגרענעצונגען. דערביי האָבן די מיעשטשאַנעס זיך באַנוצט מיט אַלטע פריווילעגיעס, וואָס האָבן רעגלאַמענטירט דעם יידישן מסחר. ווי אַ כאַראַקטעריסטישן קוריאָז איז כדאי צו דערמאָנען אַ באַשלוס פון פוילישן סיים אין יאָר 1643. דער סיים האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון יקרות. מיהאָט געקלערט וועגן באַשטימען פעסטע און אייב־הייטלעכע פרייזן פון סחורות. דאָס האָט זיך פראַקטיש נישט געלאָזט דורכפירן. דערפאַר האָט דער סיים אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יעדער וואָס האַנדלט מיט וועלכער נישט איז סחורה אָדער פראָדוקט, זאָל שווערן נישט צו פאַרדינען מער ווי די באַשטימטע נאָרמע: אויב ער איז אַן אָרטיקער — זאָל ער נישט פאַרדינען מער ווי 7 פראָצענט; אויב אַן אויסלענדער — 5 פראָצענט; און אויב אַן „אומגלויביקער" (אַ ייד) — בלויז 3 פראָצענט. איבעריקנס האָבן יידן סיי ווי פאַרקויפט ביליקער ווי קריסטלעכע סוחרים און דערמיט געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם געשריי, אַז יידן רואינירן דעם מסחר און פאַרכאַפּן די קונים. ווען דיק טאָן די קריסטלעכע סוחרים אַ טובה, האָט דער סיים מיט זיין באַשלוס פשוט געצוואונגען די יידן צו אַ פאַרשאַרפטער קאָנקורענץ. דער דערמאָנטער סיים־באַשלוס איז, ווי פיל אַנדערע, געבליבן אויפן פּאַפּיר.

כדי צו קאָנען ציען חיונה פון מסחר, האָבן יידן געשטרעבט צו מאַכן

גרויסע אומזאַצן. דער יידישער סוחר האָט גאַנץ אָפט געדאַרפט אַרויס־ציען נישט בלויז פּרנסה פאַר זיין משפּחה, נאָר אויך פּראָצענט פאַרן געבאָרגטן געלט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די באַדערפעניש אין גרויסע און שנעלע אומזאַצן און במילא פאַרגרעסערט די קאָנקורענץ מיט די קריסטלעכע סוחרים און פאַרשטאַרקט זייער טומל וועגן יידישע אָפּרע־סיעס (אונטערדריקונגען). נישט זעלטן פלעגן מחמת דעם געשריי וועגן די כלומרשטע „יידישע אָפּרעסיעס" קומעןווירקלעכע באַגרענעצונגען און אונטערדריקונגען פון צווייטן צד.

באַזונדערס האָבן געהאַט אויסצושטיין שיקאַנעס און רדיפות מצד די מאַגיסטראַטן גראָד די קליינע קרעמער און גאַסן־הענדלער. דעם גרויסן סוחר, וואָס האָט געפירט געשעפטן מיט דער שליאַכטע, האָט דער מאַגיסטראַט געקאָנט מאַכן ווייניקער שטערונגען, ווי דעם אָרימען הענ־דלער, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע שיצער. מיט די ענינים פון האַנדלס־רעכט האָט מען אָפט געדאַרפט אָנשפּאַרן אַזש צום קעניג־לעכן הויף און פון דאָרט באַקומען אַ פּריווילעגיע. ווי ווייט מ'האָט געמוזט אויספּועלן יעדע קלייניקייט, זאָגט עדות אַ פּריווילעגיע, וואָס קעניג וולאַדיסלאַוו דער 4־טער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1634. אין איר דערלויבט ער לעמבערגער יידן צו מאַכן און פאַרקויפן פענטליצעס, קנעפּלעך, טאַשמעס, ווי אויך זייד־אויסאַרבעטונגען — אין דער היים און מאַרק. דערביי קומט אַ באַוואָרעניש, אַז די דאָזיקע זאַכן זאָל מען פון ערגעץ נישט ברענגען פאַרטיקערהייט, נאָר מ'זאָל פאַרקויפן אייגענע אויסאַרבעטונגען, כדי די יידן זאָלן זיך קענען לייכטער מפרנס זיין. אין יאָר 1638 האָבן די דובנער יידן געמוזט זיך אויפסניי פאַרשאַפן אַ פּרי־ווילעגיע פון זעלבן מלך, אַז זיי מעגן אַזוי גוט ווי פריער קויפן און פאַר־קויפן סחורה. אין אַ ריי פּריווילעגיעס פאַר פאַרשידענע שטעט האָט מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער באַשטעטיקט די האַנדלס־באַגרענעצונגען פאַר יידן, אַזוי ווי עס האָבן פאַרלאַנגט די מיעשטשאַנעס. אַזוי, למשל, האָט דער מלך אין יאָר 1641 באַשטעטיקט, אַז אין יאַוואָראָוו זאָל די „אומגלויביקע יידן" זיין פאַרווערט צו האַנדלען מיט ווייצן און קאָרן־מעל, גרויפּן און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. יידן טאָרן נישט פאַרקויפן קיין שום שפּייז אַחוץ געזאַלצענע פיש און הערינג. אַנדערע שפּייז מעג

מען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן נאָר פֿאַרן אייגענעם יידישן געברויך. יידישע בעלי־מלאָכות איז פֿאַרווערט געוואָרן צו אַרבעטן פֿאַר קריסטן.

אין פֿיל ערטער איז דאָס איינקויפֿן שפּייז פֿאַרן אייגענעם געברויך געווען אַ פּראָבלעם. אין דער צייט, ווען יידישע סוחרים האָבן געפֿירט גרויסע תבואה־מסחרים, האָט מען אין אַ ריי שטעט געדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר די עלעמענטאַרע רעכט זיך איינצוקויפֿן די טעגלעכע שפּייז. האָט דאָך נאָך מלך זיגמונד דער 3־טער אין אַ דעקרעט פֿון 25־טן מערץ 1588 געזאָגט, אַז יידן באַקלאָגן זיך וועגן דעם, וואָס אין טייל שטעט באַשווערט מען זיי שטאַרק דאָס קויפֿן שפּייז. ער פֿאָדערט דעריבער אויף נישט צו מאַכן קיין שטערונגען און צולאָזן יידן פֿריי צו קויפֿן שפּייז און סחורות, אַזוי גוט ווי אַנדערע אונטערטאַנען. עס ווערט דערביי אויסגענומען, אַז די יידן זאָלן נישט אויסכאַפּן פֿריער פֿון קריסטן, זאָלן נישט אַרויסגיין פֿאַר דער שטאָט אויפֿקויפֿן, אַחוץ בעת די הויפּט־ירידן. נישט געקוקט דערויף, האָט מען אויך שפּעטער אין אַ סך ערטער געמאַכט יידן שוועריקייטן ביים קויפֿן שפּייז.

אויך דער סיים האָט אונטערן דרוק פֿון די פֿאַראינטערעסירטע אָנגענומען האַנדלס־באַגרענעצונגען פֿאַר יידן. טיילמאָל איז אים אַליין אויסגעקומען פֿעסטצושטעלן די שעדלעכקייט פֿון אַזאַ פּאָליטיק, וואָס איז גורם אַ יקרות, און די באַגרענעצונגען אָפּגעשאַפֿט. דער סיים, אַזוי גוט ווי דער קעניג, האָט אָבער נישט געהאַט קיין קאָנסעקווענטע ליניע. ביידע האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין פֿאַרבאָטן אויפֿן יידישן האַנדל. זיי זיינען אויך נישט געווען קאַרג מיט פּריווילעגיעס וואָס האָבן די פֿאַרבאָטן מבטל געמאַכט. ביי אַזאַ לאַגע זיינען יידן אָפֿט אַרויס מיט היזק; זיי האָבן כסדר זיך געמוזט געפֿינען אין צושטאַנד פֿון פֿאַרטיידיקונג, פֿון אָפּשרייען די גזירות.

יידן האָבן געמוזט פֿירן אַ ביטערן קאַמף צו געניסן אַזוי גוט ווי קריסטן פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרלייכטערונגען. ס׳זיינען געווען שטעט, וואָס זיינען נישט געווען מחויב צו צאָלן דעם אַלטן צאָל. אין פֿיל פֿאַלן האָט מען די יידישע איינוואוינער פֿון די זעלבע שטעט נישט געלאָזט געניסן פֿון דער פּריווילעגיע. די יידן האָבן זיך געמוזט סטאַרען צו באַקומען

ספּעציעלע קעניגלעכע בריוו, אַז מ'זאָל אויך פון זיי אַראָפּנעמען די לאַסט פון אַלטן צאָל.

ווי אין גאַנצן לאַנד, האָט דער יידישער בעל־מלאָכה אויך אין אוקראַינע געמוזט פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט די צעכן פאַרן רעכט צו אַרבעטן. אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען אין אוקראַינע אַנטשטאַנען אַ סך צעכן. זיי זיינען אומעטום געווען פאַר־בונדן מיט די מאַגיסטראַטן און זייער אָפט זיינען זיי גלייכצייטיק געווען צערקאָוונע ברידערשאַפטן. ווי אַ כלל האָבן יידן צו זיי נישט געקאָנט געהערן. דאָס זיינען געווען אָרגאַניזאַציעס פון קריסטלעכע בעלי־מלאָכות. על פי כלל האָט מען געמוזט האָבן שטאָטישע בירגער־רעכט צו קאָנען געהערן צו די בעל־מלאָכהשע אָרגאַניזאַציעס. אַחוץ דעם איז פאַר אַנדערשגלויביקע דאָרט קיין אָרט נישט געווען. שוין די ביידע טעמים האָבן פאַקטיש אוממעגלעך געמאַכט, אַז יידן זאָלן געהערן צו די צעכן. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער ווילן פון די צעכן־ברידער וואָס ווייניקער בעלי־מלאָכות צו לאָזן זיין באַשעפטיקט, וואָס האָט פאַרמאַכט די טיר פון די צעכן אַפילו פאַר אַ טייל קריסטלעכע בעלי־מלאָכות. מיט זייער שטרענ־גער דיסציפּלין און מאַכט האָבן זיי געשטרעבט צו מאָנאָפּאָל, צו אויס־שליסלעכע רעכט אויף מלאכה פאַר זייערע מיטגלידער. די צעכן האָבן געהאָט די אונטערשטיצונג פון די מאַכט־אָרגאַנען. די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס האָבן אין פאַרשידענע ערטער פאַרבאָטן צו אַרבעטן די האַנטווערקער, וועלכע געהערן נישט צו די צעכן. די לעצטע האָבן זיך באַמיט, אַז די פאַרבאָטן זאָלן אויך חל זיין אין די דערפער, וואָס ס'איז זיי ווייניקער געלונגען. צו באַקומען רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאָכה אין די שטעט, האָבן די יידן פון יעדן אָרט באַזונדער געמוזט אויספועלן פאַר זיך אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע. אַלגעמיינע תקנות פאַרן גאַנצן לאַנד האָבן נישט געגאָלטן. די מאַגיסטראַטן האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז יידן זאָלן נישט טאָרן אַרבעטן אין די שטעט און די יידן האָבן געמוזט האָבן ספּעציעלע דערלויבענישן פון דער קעניג־לעכער מאַכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאָכה קעגן ווילן פון די קריסט־לעכע צעכן און די מאַגיסטראַטן, וואָס האָבן זיי געשטיצט. אין אַ ריי ערטער האָבן די צעכן אַפילו פאַרבאָטן זייערע מיטגלידער צו פאַרקויפן

זייערע אויסאַרבעטונגען צו יידישע הענדלער. אין אַזעלכע פאַלן האָבן יידן זיך געמוזט באַגרענעצן צו פאַרקויפן אויסאַרבעטונגען פון יידישע בעלי־מלאָכות, ווי אויך פון קריסטלעכע בעלי־מלאָכות אין די דערפער און אַזוי־גערופענע פאַרטאַטשעס אין די שטעט. די פאַרטאַטשעס האָבן טאַקע על פּי רוב אָפּגעזעצט זייערע אויסגעפאַרטיקטע סחורות דורך יידן. די צעכן האָבן זיך אויך באַמיט צו שלאָגן די יידישע בעלי־מלאָכות דורך נישט דערלאָזן זיי צו האַלטן קריסטלעכע טשעלאַדניקעס.

אין אַ יידישן בעל־מלאָכה האָבן די צעכן־מיטגלידער געזען אַ ברע־כער פון זייער מאָנאָפּאָל־רעכט. פון דעם איז געקומען אַ כסדרדיקער קאַמף צווישן די צעכן און יידישע בעלי־מלאָכות. אין אַ ריי ערטער פלעגט פון צייט צו צייט איינטרעטן אַ וואָפנשטילשטאַנד דורך שליסן אָפּמאַכן. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין וועלכע פאַכן יידן מעגן זיין באַשעפטיקט. אין אַ ריי ערטער האָבן יידישע בעלי־מלאָכות געמוזט געבן די קריסטלעכע צעכן אַ געוויסן אָפּצאָל. אין טייל פאַלן האָט מען זיי צוגעלאָזט אַלס פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער. עס פלעגט טרעפן, אַז סחורות פון יידישע בעלי־מלאָכות זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן. די אומ־געהויערע מניעות האָבן נישט באַוויזן אָפּצוטויטן ביי די יידן דעם דראַנג צו מלאָכה. דער יידישער מסחר איז געווען אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער יידישער מלאָכה. יידן־סוחרים האָבן געגעבן יידישע בעלי־מלאָכות רוי־מאַטעריאַל אויף אויסצואַרבעטן סחורות, וואָס זיינען דערנאָך פאַרקויפט געוואָרן אין די געוועלבער און אויף די ירידן. אַ טייל בעלי־מלאָכות האָבן אַליין פאַרקויפט זייערע אויסאַרבעטונגען. אין אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט הויבן זיך אָן צו שאַפן און אַנטוויקלען אויך יידישע צעכן, חברות פון בעלי־מלאָכות. ווי די קריסטלעכע זיינען פאַרבונדן מיט די מאַגיסטראַטן, אַזוי זיינען די יידישע אָפּהענגיק פון קהל. דער סטאַטוט פון אַ יידישן צעך האָט געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורך די קהלשע עלטסטע און זיי האָבן געהאַט רעכט צו האָבן השגחה איבער זיין טעטיקייט און צו זאָגן אַ דעה.

יידישע סוחרים האָבן זיך אויך אַ סך באַנוצט מיט אויסאַרבעטונגען פון קריסטלעכע בעלי־מלאָכות, וועלכע זיינען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו די צעכן. אַט די נישט־אָרגאַניזירטע קריסטלעכע בעלי־מלאָכות האָבן

געאַרבעט ביליקער ווי די צעך־ברידער. די צעכן האָבן זיי דערקלערט פאַר „פאַרטאַטשעס“ און נישט דערלויבט צו אַרבעטן. זיי האָבן זיך אָבער אַן עצה געגעבן און געאַרבעט אין די דערפער, וואו דער צעך האָט קיין שליטה נישט געהאַט. אויך יידישע בעלי־מלאָכות פלעגן אַזוי טאָן, ווען דער צעך איז געווען בכוח אַרויפצוצווינגען אַ פאַרבאָט. די יידישע בעלי־מלאָכות האָבן זיך מערסטנטייל באַזעצט אויף די „יורידיקעס“ — אויף דער ערד פון דער שליאַכטע און אין געוויסע פאַלן אויך פון דער צערקווע אין אַ פאַרשטאָט אָדער אַפילו אין מיטן שטאָט. אויף דער דאָזיקער ערד זיינען נישט געווען חל די אַלגעמיינע שטאָטישע געזעצן און יידן ווי אויך קריסטלעכע „פאַרטאַטשעס“ האָבן דאָרט געקאָנט אַרבעטן.

פאַרביסן איז אויך געווען דער קאַמף פאַרן רעכט צו האַלטן קרעטש־מעס און שענקען. בכלל איז די קרעטשמע געווען אַ נויטווענדיקע אינ־סטיטוציע אין דעמאָלטיקן לעבן. אויף די וועגן איז דאָס געווען אַן אָרט, וואו רייזנדע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעסן, איבער־גענעכטיקט און געפּאַשעט די פערד. אָן די קרעטשמעס וואָלטן לאַנגע נסיעות, בפרט אין די קאַלטע ווינטערן, געווען נאָך מער באַשווערט. די קרעטשמעס, ווי אויך די שענקען, זיינען געווען אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה צוליב דעם בראָנפן, ביר, מעד, וויין און אַנדערע משקאות וואָס מ׳האָט דאָרט פאַרקויפט. הכנסה פון דעם האָבן געצויגן: די מלוכה — פון „טשאָפּאָווע“ (משקאות־שטייער) און פון אַרענדירן די קרעטשמעס און שענקען אין די קעניגלעכע גיטער; די שליאַכטע — פון געבן אין אַרענדע די ברויערייען און די טרינק־הייזער, וואָס זי האָט געהאַט אַ רעכט צו האָבן אויף איר ערד; די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, וואָס האָבן אויך געהאַט די זעלבע רעכט; די גרויסע צערקוועס, וואָס האָבן פאַרמאָגט אייגענע גיטער מיט אַלע פּריצישע פּריווילעגיעס.

ווי מיר האָבן שוין איינמאָל דערמאָנט, איז שיכרות געווען זייער פאַרשפּרייט אין אוקראַינע און די הכנסה פון אַלקאָהאָל־פאַרקויף איז געווען אַ זייער פעטער ביסן. איז דעריבער אומאויפהערלעך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף ווער עס זאָל דערפון באַקומען אַ גרעסערן חלק. עס האָבן קודם צווישן זיך געקעמפט די, וועלכע האָבן געהאַט די גרונט־רעכט אויף די ברויזן, ברויערייען, קרעטשמעס און שענקען. די שטאָט־פאַרוואַלטונגען

האָבן דערפון געצויגן אַ באַדייטנדיקן טייל פֿון זייער הכנסה. זיי האָבן געשטרעבט, אַז זיי זאָלן האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף צו פֿאַרשיכורן די, וועלכע טרינקען אין שטאָט. זיי האָבן אָבער געהאַט דריי מעכטיקע קאָנקורענטן: די סטאַראָסטעס, די פּריצים ווי אויך די צערקוועס, מאָנאַסטירן און רעליגיעזע ברידערשאַפֿטן. די רעליגיעזע אינסטיטוציעס האָבן אויף זייער אייגענער ערד, אויף וועלכער דער מאַגיסטראַט האָט קיין שליטה נישט געהאַט, אויפגעשטעלט קרעטשמעס און שענקען און אָפּגעצויגן אַ טייל קונים. עס איז אַוועק אַ סדרה מיט אָנקלאַגעס און לאַדונגען. באַזונדערס לאַנג האָבן זיך וועגן דעם פּראָצעסירט די קיעווער מיעשטשאַנעס מיט די דאָרטיקע צערקוועס און מאָנאַסטירן, וועלכע האָבן אַפֿילו נישט געוואָלט פֿאָלגן די אורטיילן פֿון געריכטן. ווען אַ שטאָט האָט באַקומען רעכט פֿון זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, האָט זי פֿון קעניג אויך באַקומען רעכט צו עפֿענען קרעטשמעס און שענקען. אויב די שטאָט האָט קיין מאַגדעבורגער רעכט נישט געהאַט, זיינען די סטאַראָסטעס געווען די בעלי־בתים פֿון די קרעטשמעס און שענקען; און אויב ס'איז געווען אַ פּריוואַטע שטאָט, זיינען דאָס געווען די פּריצים. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגן די מיעשטשאַנעס דאָ און דאָרט אויספֿועלן פֿאַר זיך אַ קליינע צאָל פֿרייע שענקען.

די בעלי־בתים פֿון די שענקען האָבן אַ לאַנגע צייט געפֿירט אַ קאַמף מיט דער אומלעגאַלער אויסאַרבעטונג פֿון בראָנפֿן און ביר. עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מען מוז קויפֿן די געטראַנקען נאָר אין שענק. בפֿרט איז דאָס געווען אין די ערשטע צייטן, ווען אַלקאָהאָל־משקאות זיינען געוואָרן אַ מאָנאָפּאָל־אַרטיקל. מ'פֿלעגט אויסזוכן די געהיימע ברייזלעך און די קאָך־מכשירים צעקלאַפּן. פֿיל פּריצים, וועלכע האָבן שטאַרק געזאָרגט און געהיטן, אַז די פּויערים זאָלן טרינקען בלויז אין זייערע הויף־קרעטשמעס און שענקען, האָבן אָבער געמאַכט אויסנאַמען: בעת אַ חתונה אָדער טויפֿונג פֿון אַ קינד האָבן זיי דערלויבט די פּויערים אַליין צו קאָכן ביר, כּדי זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ גרויסע שמחה מיט קליינע הוצאות.

אַ שאַרפֿער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אויך פֿאַרן רעכט צו אַרענדירן די קרעטשמעס און שענקען. אין דעם דאָזיקן קאַמף זיינען שוין געווען

פאַרמישט יידן. מיט שענקערײ האָבן יידן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט. אין די ערשטע 50 יאָר האָט אָט די נייע פרנסה ביי יידן געשפּילט אַ קליינע ראָל. ערשט פון אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט מערט זיך באַדייטנדיק די צאָל יידישע קרעטשמער און שענקער. נישט געקוקט דערויף איז אין מיטן פון 17־טן יאָרהונדערט די ווייט גרויסע מערהייט קרעטשמעס און שענקען נאָך אַלץ געלעגן אין נישט־יידישע הענט. אין אַ ריי שטעט, באַזונדערס אין די גרעסערע מיט מאַגדעבורגער רעכט, טרעפט מען בכלל נישט קיין יידישע קרעטשמער און שענקער. אין אַנדערע פאַלן טרעפט מען אויף צענטליקער קריסטלעכע קרעטשמער און שענקער בלויז איינעם אָדער צוויי יידישע. די מאַגיסטראַטן האָבן שוין אַכטונג געגעבן, אַז די פעטע פרנסה זאָל נישט אַריינפאַלן אין יידישע הענט. מערער טרעפט מען שוין די יידישע שענק־פרנסות אין די דערפער. דער פריץ האָט צו דעם ענין געהאַט בלויז אַ געשעפטלעכן צוגאַנג און ער האָט פאַרדונגען די קרעטשמע יענעם, וואָס האָט געגעבן אַ העכערן פּרייז. ווי דער סוחר און בעל־מלאכה, האָט אויך דער אוקראַינישער שענקער געוואָלט האָבן מאַנאָפּאָל־רעכט, און מיט דער הילף פון די מאַגיסטראַטן איז עס אים אין אַ גרויסער מאָס געלונגען אין די שטעט מיט מאַגדעבורגער רעכט. אין אַ ריי שטעט האָבן יידן לחלוטין נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פרנסה. למשל, אין דער שטאָט קרעמעניץ, וואָלין, האָבן יידן נישט געהאַט קיין רעכט אויסצואַרבעטן בראָנפן, ביר און מעד און אויך נישט געטאָרט פאַרקויפן קיין אַלקאָהאָל. שפּעטער האָט מען זיי דערלויבט צו האָבן צוויי קרעטשמעס מיטן תנאי, אַז דעם ביר זאָלן זיי קויפן אין די שטאָטישע שענקען.

אין לעמבערג האָט דער מאַגיסטראַט געהאַט די אויסשליסלעכע רעכט צו פאַרקויפן בראָנפן. יידן האָבן בלויז אין די יריד־טעג געמעגט דערמיט זיך פאַרנעמען. יידישע שענקער זיינען אַרומגעגאַנגען טיילווייז דעם פאַרבאָט אויף אַזאַ אופן: זיי האָבן אויף די יורידיקעס אין די פאַר־שטעט געעפנט שענקען, וואָס זיי האָבן געקענט האַלטן אָפן אַ גאַנץ יאָר. דער לעמבערגער שטאָט־ראָט האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט, אָבער דער פּראָטעסט האָט קיין פעולה נישט געהאַט. אַן ענלעכער מצב איז געווען

אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אין טייל ערטער, אַקעגן, האָבן די שטאָט־פּאַרוואַלטונגען געגעבן יידן אין אַרענדע שענקען.

יידן זיינען אויך געווען פּאַרמישט אין אַן אַנדערער פּרנסה, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט משקאות. זיי האָבן גענומען אין אַרענדע „טשאָפּאָווע" — דעם אַקציז־שטייער פון בראָנפן, ביר, מעד און וויין. דער סיים האָט באַשטימט שטייערן־מאָנער פאַר יעדער וואָיעוואָדשאַפט. אין יעדן אָרט איז געווען אַן אַגענט, וועלכער האָט אויפגעמאָנט דעם אַקציז־שטייער. יידן האָבן אָפט גענומען אין אַרענדע „טשאָפּאָווע" („צאָפּן־שטייער"), וואָס איז אויפגעמאָנט געוואָרן פון יעדן פעסל משקה. אויך דאָ זיינען געווען פאַלן, ווען יידן האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט דער אַרענדע. אין געוויסע פּראָווינצן האָט די אָרימערע שליאַכטע אַליין געהאַט חשק צו ציען חיונה פון אַרענדירן דעם שטייער. די קריסט־לעכע קאָנקורענטן האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז יידן פאַרכאַפּן אַלץ און ווערן די מושלים אין לאַנד. אין טייל פּראָווינצן פון פּוילן האָבן מחמת דעם יידן אַליין אַרויסגעגעבן אַ תקנה, וואָס האָט פאַרווערט יידישע פאַכטער צו נעמען אין אַרענדע „טשאָפּאָווע". אויך ביי אַנדערע אַרענדעס האָבן יידן אָנגעטראָפן אויף שטאַרקע ווידערשטאַנדן.

# קאַפּיטל VIII

ייִדן און מיעשטשאַנעס. — גזירות. — די באַציאונג פון דער שליאַכטע. — דער יורידישער מצב. — ייִדן מער געבונדן מיט דער שליאַכטע.

אין טייל ערטער סיי פון פּוילן, סיי פון אוקראַינע איז די קריסט־לעכע קאָנקורענטן טאַקע געלונגען צו באַזייטיקן די ייִדן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען ייִדן זיינען מיט איין קלאַפּ באַזייטיקט געוואָרן פון גאַנצע געגנטן. אַזוי איז, למשל, געווען מיט דער גזירה, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער זון פון מלך זיגמונד דעם 3־טן, דער שפּעטער־דיקער פּוילישער מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער. דעם 8־טן פעברואַר 1623 האָט ער אין גראַדנע אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס פאַרווערט ייִדן צו וואוינען אין באַשטימטע געגנטן פון אוקראַינע, ווי אויך דאָרט צו פירן מסחר און מלאָכה אָדער האָבן אַרענדעס. אין דעקרעט ווערן „די אומ־גלויביקע ייִדן" פאַרגעשטעלט ווי אַ שעדלעכער עלעמענט, וואָס „שטערט אין די שטעט און שטעטלעך און די אַנדערע ישובים דאָס לעבן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג סיי אין האַנדל, סיי אין אונטערהאַלטן אַ גוטע פאַרוואַלטונג און דעם פונאַנדערבלי פון די שטעט". דעריבער קומט ער צום אויספיר, אַז די ייִדן „זאָלן נישט געדולדעט ווערן אין ערגיץ אין טשערניגאָווער און באָוואַגראַד־סיעווערסקער ראַיאָנען". ער דריקט אויס זיין „אומדערשיטערלעכן ווילן, אַז אין די אַנגעוויזענע ערטער זאָל מען נישט צולאָזן ייִדן זיך באַזעצן און וואוינען, אַז מען זאָל נישט וואַגן אַריינצונעמען זיי אין די שטעט. נישט בלויז זאָלן זיי נישט נעמען קיין שום אַרענדעס, נאָר זאָלן אויך נישט פירן קיין האַנדל און פאַרקויף, כדי זיי זאָלן זיך נישט פאַרשפּרייטן צום שאָדן פון די אונטערטאַנען".

אין אַ ריי ערטער האָט מען באַלד ביים גרינדן די שטאָט אָדער ביים געבן איר מאַגדעבורגער רעכט גלייכצייטיק איר געגעבן אַ פּריווילעגיע נישט אַריינצולאָזן קיין ייִדן. אַ פּאָר אילוסטראַציעס:

י. ש. הערץ

בעתן גרינדן אין יאָר 1614 די שטאָט פּלאָצק, אין בעלזער וואָיעוואָדשאַפט, איז אין דעם כתב, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די גרונט־רעכט פון דאָזיקן ישוב, געזאָגט געוואָרן, אַז יידן איז פאַרווערט צו לעבן, בויען הייזער און האַנדלען אין דער שטאָט. דער מאַגיסטראַט האָט רעכט בלויז צו דערלויבן פרעמדע יידן צו האַנדלען אַ קורצע צייט.

אין יאָר 1577 האָט דער מלך סטעפאַן באַטאָרי געגעבן מאַגדעבורגער רעכט דער שטאָט מאָהילעוו ביים דניעפּר. ער האָט דעמאָלט פאַרבאָטן יידן צו וואוינען אין דער שטאָט. נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט האָבן יידן זיך פאַרט באַזעצט. מיט 8 יאָר שפּעטער קומט אַ צווייטער פאַרבאָט. אָבער אויך דאָסמאָל האָט עס נישט געהאָלפן. אין אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט זיינען אין דאָזיקן וויכטיקן האַנדלס־צענטער שוין געווען אַ סך יידן. די קריסטלעכע סוחרים האָבן אָבער נישט אָפּגעשטעלט די באַמיאונגען צו באַזייטיקן די יידן. מלך זיגמונד דער 3־טער האָט אין יאָר 1626 באַוויליקט די מיעשטשאַנעס דאָס רעכט צו באַזייטיקן די יידן פון האַנדלס־פּלאַץ אין שטאָט גופא. מ׳האָט זיי דערלויבט צו וואוינען מחוץ דעם שטאָטישן וואַל, אויף דער שול־גאַס. יידן האָבן געשטעלט אַ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד און דער באַפעל איז נישט דורכגעפירט געוואָרן. אין יאָר 1633 האָט דער נייער מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער באַנייט די גזירה פון פאָטער און דערלויבט די מיעשטשאַנעס תיכף צו פאַרטרייבן די יידן פון צענטער שטאָט. ער האָט עס געטאָן אויפן פאַרלאַנג פון די קריסטלעכע סוחרים־אָרגאַניזאַציעס און בעל־מלאָכהשע צעכן. אין יאָר 1646 האָט דער מאַגיסטראַט אָנגענומען אַ פאַרבאָט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מלך וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן, צו פאַרדינגען יידן הייזער סיי אין שטאָט, סיי אין די פאָרשטעט. דער פאַרבאָט איז מאָטיווירט געוואָרן מיט אַ פאַלשן תירוץ, אַז דאָס ווערט געטאָן, כדי צו פאַרהיטן פון שרפות, וואָס קומען כלומרשט פאָר אין יידישע דירות. אַזוי האָבן די יידן אומאויפהערלעך געמוזט פאַרטיידיקן זייער עלעמענטאַרע וואוינרעכט.

אין אַנדערע ערטער, וואו יידן האָבן יאָ געמעגט וואוינען, זיינען זיי באַגרענעצט געוואָרן איז זייערע רעכט. גרויס איז די צאָל שטעט, וואו עס האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען.

די מיעשטשאַנעס האָבן כסדר זיך באַמיט צו בינדן די יידן הענט און פיס און די יידן פון זייער זייט האָבן געמאַכט אַנשטרענגונגען צו באַפרייען זיך פון די אַרויפגעצוואונגענע פּענטעס. בעת די שטאָט פּערעיאַסלאַוו האָט אין יאָר 1621 באַקומען מאַגדעבורגער רעכט, איז אין דעם כתב אויסגענומען געוואָרן, אַז יידן טאָרן נישט נעמען אין אַרענדע קרעטש־מעס, פאַרקויפן בראָנפן און געניסן פון אַנדערע רעכט, וואָס עס האָבן די מיעשטשאַנעס. מיט צוויי יאָר שפּעטער זיינען יידן דורכגעקומען מיטן מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל זיי אויסגלייכן אין זייערע רעכט מיט די אַנדערע שטאָטישע איינוואוינער.

דער קעניג איז זייער אָפט אַנטקעגנגעקומען די פאַרלאַנגען פון די מיעשטשאַנעס צו באַשווערן און באַגרענעצן די יידישע פּרנסות. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אין די צענטליקער. געוויינלעך, איז עס צוגעגאַנגען אַזוי: די מיעשטשאַנעס האָבן דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע, אַז די יידן האָבן „אַלץ פאַרכאַפּט“, אַז די יידן „אונטערדריקן“ זיי א. ד. גל. די אַלע אָנקלאַגעס וועגן „אָפּרעסיעס“ זיינען קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען אויפן יסוד פוןווירקלעכע אונטערדריקונגען, וואָס יידן זיינען עס נישט געווען בכוח צו טאָן, נאָר זיינען געוואָרן דיקטירט פון פּשוטע קאָנקורענץ־אינטערעסן. אַ פּאָר ביישפּילן: אין יאָר 1620 האָט מלך זיגמונד דער 3־טער געגעבן דער שטאָט באָהוסלאַוו אַ פּריווילעגיע, ווערט אין איר געזאָגט: אַזוי ווי די מיעשטשאַנעס האָבן זיך געקלאָגט אויף דער יידישער אָפּרעסיע, באַפעלן מיר: קיין שום ייד זאָל נישט האַלטן אין אַרענדע בראַווארן, סלאָדאָוניעס און אַזשניצעס, וואו מען מאַכט בראָנפן, ווי אויך נישט פאַרנעמען קיין שטאָטישע גרונטן. אַזוי ווי נישט ווייניק יידן האָבן מיט זייערע הייזער און קראָמען באַזעצט כמעט דעם גאַנצן מאַרק און די גאַסן, און טוען מיט אַנדערע זאַכן אַ רעה די מיעשטשאַנעס, ווערן געשיקט קאָמיסאַרן צו באַטראַכטן זייערע טענות. דער זעלבער מלך האָט אין יאָר 1619 אויפן פאַרלאַנג פון די מיעשטשאַנעס, אונטער־געשטיצט דורכן קאַזאַקישן העטמאַן סאַהיידאַטשני, שטרענג פאַרבאָטן יידן צו קויפן הייזער, האַנדלען, אָדער וואוינען אין קיעוו. קיינער פון די קיעווער מיעשטשאַנעס האָט זיי נישט געטאָרט אַריינלאָזן אויף זיין באָדן. אויב אַ ייד וועט וואַגן עובר צו זיין אויף דער גזירה, זאָל מען צונעמען

ביי אים, אַן אַפּעלאַציע, די סחורה און דעם גאַנצן פאַרמעגן. אין דער אַנקלאַגע, וואָס האָט גורם געווען די גזירה, איז געזאָגט געוואָרן, אַז קיעווער מיעשטשאַנעס געשעט אַ גרויסע עוולה און אומגערעכטיקייט מצד די יידן און אַנדערע פרעמדע סוחרים. די „אומגלוביקע" יידן און אַנדערע סוחרים פון קעניגלעכע און שליאַכעצקע שטעט, ווען זיי קומען קיין קיעוו, מיידן אויס דאָס שטאָטישע גאַסט־הויז, שטעלן זיך אָפּ אין שליאַכעצקע און קאָזאַקישע הייזער און ברענגען גרויס שאָדן אין האַנדל און קניות. אַחוץ דעם ווילן די יידן בויען אייגענע הייזער און צונעמען ביי די אַלט־איינגעזעסענע מיעשטשאַנעס די סוחרישע הכנסות.

אויך די שליאַכטע איז נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. וואו ס'האָט איר געלוינט, דאָרט האָט זי אַליין מעגלעך געמאַכט יידישע אַרענדעס און זיך אַנגענומען פאַר יידן; וואו איר אינטערעס איז געווען אַ פאַרקערטער, דאָרט איז זי נישט אָפּגעשטאַנען אין איינפירן באַגרע־נעצונגען.

די האַלטונג פון דער שליאַכטע איז געווען באַזונדערס וויכטיק צוליב איר אויסגעוואַקסענער פאָליטישער מאַכט אין דער תקופה נאָך דער לובלינער אוניע. זיינען דאָך די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן און די פּאָליטישע טריבונעס פון לאַנד — דער אַלגעמיינער סיים און די פּראָווינציעלע סיימיקעס צונויפגעשטעלט געוואָרן פון שליאַכטע־פאַר־שטייער. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען זייער פיל אַנטי־יידישע באַ־שלוסן פון דער שליאַכטע. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאָר ביי־שפּילן. דער סיימיק פון ווישניאַ, וואָס האָט פאַרטרעטן די שליאַכטע פון רייסן, האָט אין יאָר 1628 געגעבן אַן אינסטרוקציע זיינע דעפּוטאַטן צום פּוילישן סיים, אַז „יידן זאָלן אין די זשופּעס (זאַלץ־גרובנס) נישט זיין קיין אַרענדאַרן און קיין שום אַנדערע אויפזעער און בעלי־רשות, און זאָלן מיט קיין זאַלץ נישט האַנדלען". די שליאַכטע האָט זאַלץ גע־וואָלט מאָנאָפּאָליזירן פאַר זיך אַליין. אין יאָר 1645 האָט דער סיימיק פון דערזעלבער רייסישער שליאַכטע געגעבן אַן אינסטרוקציע די דעפּו־טאַטן צום פּוילישן סיים, אַז „יידן זאָלן לויטן געזעץ און אַלטע רעכט נישט האַלטן קיין שום גיטער דורך אַרענדע". אַחוץ קרעטשמעס, סטאַוון און מילן. עס זאָל זיי אויך זיין פאַרבאָטן „צו האַנדלען מיט פערד און

כאָוועץ קריסטלעכע טשעלאַדניקעס״. אין יאָר 1618 איז אין די אינ־סטרוקציעס פון זעלבן סיימיק פאַר די דעפּוטאַטן צום סיים געזאָגט געוואָרן, אַז יידן ״זאָלן האַנדלען בלויז מיט די זאַכן, וואָס דאָס געזעץ האָט זיי דערלויבט, צו קיין שום אַנדערע מסחרים און אַמטן זאָלן זיי זיך נישט נעמען״. בעת די מיעשטשאַנעס האָבן געהאַט חשק די יידן אײַנצאַנצן צו באַזײַטיקן פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין די שטעט, האָט די שליאַכטע אַזאַ אינטערעס נישט געהאַט. איז דאָך פאַר אַ שליאַכ־טשיץ געווען פאַרוועדט זיך צו פאַרנעמען מיט קליין־האַנדל און מלאָכה. פאַר אַ נאָבלמאַן איז דאָס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מלאכה בזויה און סיהאָט אַפילו געדראָט מיט פאַרלירן די שליאַכעצטווע. איז ער געווען ווויליק די פּרנסות איבערצולאָזן פאַרן ייד, בפרט, אַז אים האָט נישט גע־שמעקט די מאָנאָפּאָל־שטרעבונגען פון קריסטלעכן סוחר און בעל־מלאָכה. אין דעם זין איז כאַראַקטעריסטיש אַן אינסטרוקציע, וואָס דער סיימיק פון דער רייסישער שליאַכטע האָט אין יאָר 1590 אָנגענומען פאַר זײַנע דעפּוטאַטן צום פּוילישן סיים. די אינסטרוקציע איז געווענדעט קעגן דער שטאָט לעמבערג, פון וועלכער עס ליידט דאָס ״שליאַכעצקע פאָלק״. דהיינו: די לעמבערגער מיעשטשאַנעס ״פאַרבאָטן יידן יעטוועדן מסחר, כדי זיי זאָלן אַליין פאַרקויפן טייערער, ווי עס ווענט זיך זיי גלוסטן. דעריבער דאַרפן די הערן דעפּוטאַטן בעטן, אַז דער מלך זאָל תיכף די ענינים באַטראַכטן און באַווויליקן די יידן, נישט אַזוי פאַר זייערטוועגן, ווי פאַרן גוטס פון דער מלוכה און פון אונז אַלעמען, צו לאָזן זיך פאַר־נעמען מיטן פרייען מסחר פון טערקישע און אַלע אַנדערע סחורות, אין הסכם מיט זייערע פּריווילעגיעס. בפרט, אַז זיי בויען אויך וואַלן און באַטייליקן זיך גלייך מיט די אַנדערע מיעשטשאַנעס אין דער שטאָטישער פאַרטיידיקונג״.

אין דער זעלבער תקופה האָט זיך די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין פּוילן, די אוקראַינישע יידן בתוכם, פאַרערגערט. ס׳איז כסדר גע־גאַנגען פון בעסערן צום ערגערן. כל־זמן די יידישע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין באַדייטנדיקן שיכט פון אָרטיקע קאָנקורענטן, איז דער יורידישער מצב פון די יידן רעגולירט געוואָרן בלויז דורכן אינטערעס פון די קעניגן און פירשטן. יידן זײַנען

פאַר זיי געווען אַ קוואַל פון הכנסה, דעריבער האָבן זיי געהיט, אַז דאָס לעבן פון די יידן זאָל זיין געזיכערט און זיי זאָלן קענען אומגעשטערט אָנגיין מיט זייערע באַשעפטיקונגען. אַזוי איז געווען אין די צייטן פון די ערשטע פוילישע מלכים — פון דער פּיאַסטישער דינאַסטיע — און פון די ערשטע ליטווישע גרויס־פירשטן. אין דער צווייטער עפּאָכע — פון דער יאַגעלאָנער־דינאַסטיע — שלאָגן זיך שוין דורך די טענ־דענצן פון פאַרשטאַרקטן און אַנטיסעמיטישן בירגערטום, ווי אויך פון דער קלעריקאַלער רעאַקציע. באַדייטנדיק ערגער ווערט נאָך דער לובלינער אוניע, אין דעם צייט־אָפּשניט 1569—1648, ווען ס'איז שוין געווען די עפּאָכע פון געוויילטע מלכים. די שליאַכטע ווערט אַלמעכטיק. די שטעט ווערן אויך אַ פּאָליטישער כוח אַדאַנק די באַקומענע מאַגדעבורגער רעכט. דער קלער באַהערשט די מוחות און איז בכוח אַנצואוואַרפן זיין ווילן. ווער מער און ווער ווייניקער — אָבער אַלע האָבן זיי וואָס אויס־צושפּילן קעגן יידן. דער קעניג איז אָפּט אַ ווערקצייג אין זייערע הענט, אַלנפאַלס קען ער נישט קאָנסעקווענט דורכפירן זיין אייגענעם ווילן. די יידן קענען פאַר זיך אַרויסרייסן בלויז אַזויפיל רעכט און פרייהייט, וויפיל עס דערלויבט דער אינטערעסן־קעגנזאַץ און ווידערשפּיל פון די דערמאָנטע כוחות. נאָך דער לובלינער אוניע האָבן די קעניגן שוין נישט געקענט געבן יידן אַפילו די אָפּגעשוואַכטע שוץ, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין די צייטן פון דער יאַגעלאָנער־דינאַסטיע. איבער דעם קעניגלעכן ווילן איז שוין געשטאַנען די שליאַכטע, וועלכע האָט דעצידירט אין די מלוכהשע פראַגן. אויך אין די שטעט מיט מאַגדעבורגער רעכט האָט דער ווילן פון קעניג קיין אַבסאָלוטע באַדייטונג נישט געהאַט. אַ דעקרעט פון קעניג האָט געהאַט נאָר אַ קראַפט, ווען דער סיים פון דער שליאַכטע האָט דערויף געגעבן זיין הסכמה.

וועגן דער יורידישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַנץ פוילן אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט גיט אַ באַ־גריף אַ דעקרעט פון מלך וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן. נאָכן פאַרנעמען דעם טראָן, האָט ער דעם 16־טן מערץ 1633 באַשטעטיקט די גרונט־פּריווי־לעגיעס, די פריערדיקע רעכט און פרייהייט פון די יידן. אין דעם זעלבן דעקרעט ווערט ווייטער געזאָגט: אַז אַ ספּעציעלער קעניגלעכער דער־

לויבניש טאָרן יידן נישט בויען קיין נייע בוזשניצעס (בתי־תפילה) און בית־עולמס, אַחוץ די וואָס זיי האָבן שוין. וואָס שייך אַרויספירן סחורה פון לאַנד און צאָל־אָפּצאָל, דאַרפן יידן געניסן פון די זעלבע רעכט, וואָס אַלע אַנדערע סוחרים. זיי דאַרפן אויך באַשיצט ווערן קעגן גוואַלט־אַקטן, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אונטערטאַנען. עס ווערט אויך באַשטימט, אַז יידן זאָלן נישט געמשפּט ווערן דורך קיין שום אַנדער געריכט, ווי נאָר דורכן קעניגלעכן און וואָיעוואָדישן און אויף זיי זאָלן נישט זיין חל קיין שום אַנדערע דינים, ווי נאָר די, וואָס זיינען פאַר זיי גאַראַנטירט אין די אַלטע סטאַטוטן, פּריווילעגיעס און מנהגים. דער דעקרעט פאַרווערט די מאַגיסטראַטן צו נעמען זיך די רעכט צו משפּטן יידן. וועגן זיכערקייט אין די שטעט ווערט אין קעניגלעכן דעקרעט געזאָגט: אַזוי ווי דורך די טומלען קעגן די יידן אין די שטעט און שטעטלעך ווערן אָפט פּערזאָנען, בתי־תפילה, הייזער און פאַרמעגן פון די יידן געשטעלט אין סכנה און געשעדיקט, ווערט באַשטימט, אַז להבא זאָלן אַזעלכע טומלען און עקסצעסן נישט פאָרקומען. די שטאָטישע מאַגיסטראַטן און די מיעשטשאַנעס זיינען מחויב צו באַשיצן די יידן קעגן גוואַלט־אַקטן. די שולדיקע דאַרפן ווערן אַרעסטירט און באַשטראָפט. וואָס שייך די משפּטים איבער יידן, איז נאָך פון פריערדיקע מלכים געווען אַ פּריווילעגיע, אַז די פאָד־וואָיעוואָדעס דאַרפן דעם משפּט דורכפירן נישט אַנדערש ווי נאָר אין שול מיט 2 יידישע עלטסטע דערביי.

מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּוילישן טראָן אין די יאָרן 48—1633, האָט נישט געזשאַלעוועט קיינעם קיין גוטע צוזאָגן. ער האָט אָפט געגעבן יידן און קריסטן קעגנזעצלעכע פּריווילעגיעס. אין זיין צייט האָט די דעמאָראַליזאַציע, הפקרות און קאָרופּציע פון דער שליאַכטע און פון די קעניגלעכע באַאַמטע דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך אַדורכצופירן אַן אַלגעמיינע קאָנסעקווענטע פּאָליטיק בכלל און בנוגע יידן בפרט. יידן הויבן אָן צו זוכן אַלץ מער און מער שוץ ביי די מאַגנאַטן און שליאַכטע. קיינמאָל האָבן זיי נישט געניאָסן פון קיין פּאָליטישע רעכט. נישט אין סיים און סענאַט, נישט אין די פּראָווינציעלע סיימיקעס און אויך נישט אין די שטאָטישע מאַגיסטראַטן האָבן זיי געקענט האָבן זייערע פאָרשטייער. אין די פריער־

דיקע עפּאָכעס, ווען דער קעניג אָדער גרויס־פירשט האָבן געהאַט די ווירקלעכע מאַכט, האָבן יידן געלעבט מיט זייער חסד. שפּעטער, ווען דער שווערפּונקט פון דער מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו דער שליאַכטע, זיינען יידן געווען פּאַראינטערעסירט צו געניסן פון איר חסד. אין אַ ריי פּריווילעגיעס ווערט אַפילו אָנגעוויזן אָפּיציעל, אַז דער קעניג האָט זיי געגעבן אויפן פּאַרלאַנג פון געוויסע סענאַטאָרן. אויך אויפן פּאַרלאַנג פון דער שליאַכטע פון באַשטימטע ראַיאָנען ווערן אָנגענומען מאַנכע געזעצן לטובת יידן. אַזוי ווי קיינער אין לאַנד האָט נישט געהאַלטן קיין געזעץ פאַר הייליק, האָבן יידן זיך אויך באַמיט דורכצוברעכן די אַנטי־יידישע געזעצן. אין אַ גרויסער מאָס איז זיי דאָס אויך געלונגען. איבערהויפּט האָבן יידן, אין פיל פאַלן צוליב דער פּראָטעקציע פון דער שליאַכטע, געבראָכן די האַנדל־ און מלאָכה־באַגרענעצונגען, וואָס די שטעט האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט. אַדאַנק דער שליאַכטע האָבן יידן באַקומען די מעגלעכקייט צו גרינדן נייע ישובים. עס זיינען געווען פאַלן, ווען יידן האָבן אין די שטעט מיט מאַגדעבורגער רעכט נישט געטאָרט האָבן קיין געוועלבער, ווערקשטאַטן און שענקען, אָבער אין נאָנטער שכנות געפינט זיך אַ שטיק ערד פון פּריץ, וואו דער מאַגיסטראַט האָט קיין שליטה נישט. באַזעצן זיך דאָרט יידן, עפענען געוועלבער, ווערקשטאַטן און קרעטשמעס. די העכערע גייסטלעכע, וואָס האָבן זיך געוויינלעך ווערבירט פון דער שליאַכטע, פירן אויך אָן ענלעכע פּאָליטיק און דערלויבן יידן אויף זייער ערד צו טאָן דאָס, וואָס ס'איז זיי פאַרבאָטן אין די אַנדערע טיילן פון שטאָט. בכלל האָבן יידן געפירט פאַרשידענע ווירט־שאַפטלעכע עסקים מיט פאַרשטייער פון דער קירך.

די שליאַכטע האָט נישט פאַרמאָגט קיין סענטימענטן פאַר יידן. אין איר פּסיכישער איינשטעלונג צום ייד איז זי אַפילו געווען אַנטיסעמיטיש. זי האָט אָבער געטראַכט אין ווירטשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס און דאָס האָט באַשטימט איר יידן־פּאָליטיק. באַזונדערס איז עס געווען אין אוקראַינע. די קאָלאָניזאַציע, וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, דער אויפקום פון הונדערטער און הונדערטער נייע דערפער און שטעט, האָבן באַוואויגן די מאַגנאַטן און די שליאַכטע אויסצונוצן די ענער־גיע און ווירטשאַפטלעכע פעאיקייטן פון די יידן. זיי האָבן גערן געזען,

ווי יידן באַזעצן זיך אין זייערע דערפער און פּריוואַטע שטעט. די פּריצים האָבן געפירט אַ פעאָדאַלעווירטשאַפט. דער פעאָדאַליזם האָט אין יענער תקופה שוין נישט געקענט אייננעהאַלטן ווערן אין ריינער געשטאַלט. ער האָט שוין געמוזט האָבן קאַפּיטאַליסטישע איינשפּריצונגען. יידן האָבן אין אַ גרויסער מאָס געדאַרפט אויספירן אָט די פונקציע. דערביי האָט דער יידישער אַוואַנגאַרד פון קאַפּיטאַליזם געהאַט די קאָאָפּעראַציע און שטיצע פון די הויפּט־זיילן פון פעאָדאַליזם, פון דער מאַגנאַטעריע און שליאַכטע, בעת ער האָט אָנגעטראָפן אויפן העפטיקסטן ווידערשטאַנד און אָנגריף מצד די קלענערע פאַקטאָרן פון דער פעאָדאַליסטישער תקופה — מצד די צעכן, סוחרישע גילדיעס און זייערע מאַגיסטראַטן. די לעצטע האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט געזעצלעכע פאַרבאָטן און גזירות, נאָר האָבן אויך אָנגעטאָן כלערליי נגישות און גורם געווען אַנטי־יידישע טומלען און עקסצעסן. די פּריצים האָבן נישט איינמאָל זיך געשטעלט אין שוץ פון די יידן. די וואָלינער שליאַכטע האָט אין יאָר 1623 געגעבן אירע דעפּוטאַטן צום וואַרשעווער סיים אינסטרוקציעס אָנצונעמען שטרענגע געזעצן וועגן היטן אָרדנונג. אין די מאָטיוון ווערן צווישן אַנדערע אָנגעוויזן, אַז דער המון באַפאַלט יידישע הייזער און סינאַגאָגעס און מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו דעם.

# קאַפּיטל IX

חדרים און ישיבות. — רבנישע אויטאָריטעטן. — פרומקייט. — די מאַכט פון קהל. — חרם. — טהרת-המשפחה. — גוטע מידות. — סכסוכים. — אַנזעצער און בעטלער. — מסירות. — לוקסוס. — אַזאַרט-שפּילן. פאַרברעכער. — ערלעכקייט אין מסחר. — דאָס קהלשע לעבן.

אין פאַרגלייך מיט דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, זיינען יידן געווען אַ סך מער געבילדעט. בעת קיין אַלגעמיין שול־וועזן איז בכלל נישט געווען, האָבן עס יידן שוין פאַרמאָגט אין דער פאָרם פון חדרים און ישיבות. ס׳איז נישט געווען קיין ישוב אָן אַ חדר. אין די גרעסערע קהילות זיינען אויך געווען ישיבות. קיין שום יידיש קינד איז נישט געבליבן אָן די קענטעניש, וואָס עס האָט געגעבן דער חדר־לימוד. פאַר די גאָר אָרימע אָדער יתומים, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף שכר־לימוד, האָט געצאָלט די מלמדים קהל אָדער די פאַרמעגלעכע בעלי־בתים. אין די חדרים האָט מען געלערנט דאַוונען און חומש, אין אַ גרויסן טייל — אויך גמרא. ביי די, וועלכע האָבן נישט ממשיך געווען דאָס לערנען אין די ישיבות, איז ווייניק וואָס פאַרבליבן פון לערנען אין די קינדער־יאָרן, אָבער דאַוונען און לייענען האָבן אַלע געקענט, הגם דעם פירוש המילות פון לשון־קודש האָבן די עם־הארצים נישט געוואוסט. אין פאַרגלייך מיט דעם כמעט פולשטענדיקן אַנאַלפאַבעטיזם, וואָס האָט געהערשט ביי דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, אַחוץ אַ דינעם שיכט פון גייסטלעכע און שליאַכטע, איז דאָס שוין געווען אַ מדרגה. אין די גרעסערע שטעט, וואו מ׳האָט כסדר געלערנט אין די ישיבות, האָבן פּראָסטע יידן געהאַט אויך אַ מעגלעכקייט צו נאַשן פון די שיריים, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן פון די תורה־טישן. די גרעסטע צאָל עם־הארצים זיינען געווען אין די דערפער. עס האָט זיי געפעלט די אַטמאָספער פון יידישן גייסטיקן לעבן, וואָס זאָל זיי באַווירקן. בלויז אין די גרויסע יום־טובים זיינען זיי מיט

זייערע משפחות געקומען אין די שכנישע שטעט און שטעטלעך צו דאַוונען בציבור, זיך זען מיטן רב, פרעגן אים שאלות און דערליידיקן אַנדערע רעליגיעזע הצטרכותן. די אַלגעמיינע חדר־בילדונג איז געווען חל בלויז אויף די ייִנגלעך אין עלטער ביז בר־מצוה, מיידלעך זיינען דער־פון געווען פטור. פונדעסטוועגן איז געווען אַ צאָל אינטעליגענטערע פרויען, וואָס האָבן געקענט דאַוונען, אָדער האָבן געלייענט עברי־טייטש. אויך אַ טייל מענער עם־הארצים האָבן זיך באַנוצט מיט עברי־טייטש. דער שול־סיסטעם איז געווען אונטער דער השגחה פון קהל. די חדרים זיינען געווען פּריוואַטע אונטערנעמונגען פון די מלמדים. די ישיבות האָט אויסגעהאַלטן קהל, ווי אויך די חדרים פאַר אָרימע קינדער און יתומים.

אין וואָלין און אַנדערע פּראָווינצן פון אוקראַינע האָבן אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט געווירקט אַ טייל פון די גרעסטע לומדישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט, באַרימטע מפורשים פון תלמוד. זיי האָבן דאָרט פאַר־נומען רבנישע שטעלעס און געווען די ראשי־ישיבות. לערנער פלעגן דע־ריבער קומען אַהין פון די ווייטסטע עקן פון פוילן, ליטע און אַפילו פון לענדער מחוץ די פוילישע גרענעצן. אין די יאָרן 1550—68 האָט די ישיבה אין אָסטראָה געפירט שלמה לוריע, וואָס איז ביז היינט באַרימט ביי יידן אונטערן נאָמען — דער מהרש״ל. ער איז געווען הויפּט־רב פאַר גאַנץ וואָלין. אין די ערשטע צענטליקער יאָרן פון 17־טן יאָר־הונדערט ביז זיין טויט אין יאָר 1632, איז דער ראש־ישיבה אין אָסטראָה געווען דער רב שמואל אידלש, דער מהרש״א, וואָס איז באַרימט עד־היום מיט זיין פירוש צום תלמוד. פון 1631 ביז 1644 האָט אין אוקראַינע — פריער אין נעמיראָוו און דערנאָך אין לודמיר — געווירקט יום־טוב ליפּמאַן העלער, באַרימט ווי דער בעל תוספות יום־טוב. אין אוקראַינע איז אַ צייט אויך געווען רב יואל סירקיס. אויסער די דערמאָנטע, האָבן אין פאַרשידענע אוקראַינישע געגנטן געווירקט נאָך אַ ריי גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן. זיי האָבן נישט בלויז פאַרוואַנדלט זייערע קהילות אין גייסטיקע צענטרען, וואָס האָבן צוגעצויגן פון די ווייטסטע מקומות ישיבה־בחורים און למדנים, נאָר האָבן זיך אויך באַמיט משפיע צו זיין

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דער יידישער מאַסע. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די פרומקייט ביי יידן האָט זיך געשטאַרקט. מ׳האָט זיך באַמיט מחמיר צו זיין דאָס יידישע לעבן. די רבנים און דער יידישער בית־דין האָבן פאַרשאַרפט די דינים און איינגעפירט כלערליי גדרים. זיי האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז יידן זאָלן נישט פורץ־גדר־זיין און דער יידישער דין זאָל אָפּגעהיטן ווערן במחשבה ובמעשה. דער שולחן־ערוך איז געווען דער וועג־ווייזער. יידן האָבן אין טאָג־טעגלעכן לעבן זיך געמוזט צופּאַסן צו די יידישע דינים און צו די אויסטייטשונגען פון די רבנים. די לעצטע האָבן מיט דער הילף פון קהל געהאַט אַ מאַכט צו באַשטראָפן יעדן ווידערשפּעניקן. מ׳האָט אַזעלכן געקענט שלאָגן און שמייסן — מיט אַ שטעקן און מיט אַ רצועה — אָדער געבן אַ געלט־שטראָף — עונש גוף ועונש ממון. ס׳איז אויך געווען איינגעפירט עפנטלעך צו מעלדן וועגן עמיצנס חטאים און אים פאַרשעמען. דאָס שטאַרקסטע געווער פון די רעליגיעזע און קהלשע אויטאָריטעטן איז געווען דער חרם, וואָס האָט באַדייט שטעלן מחוץ למחנה — אַ מאָראַלי־שער טויט און די פולע אוממעגלעכקייט ווייטער צו לעבן צווישן יידן.

אין דער צייט ווען ביי די קריסטלעכע אוקראַינישע שכנים האָט געהערשט אַן אומגעהויערע צעלאָזנקייט און זנות, איז ביי יידן געווען אָפּגעהיטן דער כלל פון טהרת־המשפחה. אין דער הינזיכט איז די יידישע באַפעלקערונג געווען הימל־ווייט פון דער אוקראַינישער. אויסגעלאַסנ־קייט איז ביי יידן געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע זינד און חרפה. ס׳זיינען דעריבער אָנגענומען געוואָרן מיטלען, אַז יידן זאָלן נישט געשטעלט ווערן פאַר קיין נסיון. די קהילות האָבן אַרויסגעגעבן געוויסע תקנות וועגן דעם. אין ישובים, וואו ס׳איז נישט געווען קיין שטענדיקע יידישע באַפעלקערונג, איז דורך קהל געווען פאַרבאָטן אַן איינציקער יידישער משפחה זיך דאָרט צו באַזעצן אָן אַ פריערדיקער דערלויבניש און פאַר־שטענדיקונג מיטן שכנישן ראש בית־דין. דאָס איז מאָטיווירט געוואָרן בעיקר דערמיט, וואָס די פרוי און טעכטער פון אַזאַ ייד דאַרפן באַקומען אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך אויפצופירן לגבי קריסטן. ס׳איז בכלל פאַר־באָטן געוואָרן אַ ייד מיט זיין פרוי צו וואוינען אַליין אין אַ ישוב אָן יידן, אויב עס וואוינט נישט דאָרט נאָך איין יידישע פאַמיליע, אָדער —

אויב ער האָט נישט ביי זיך אין שטוב נאָך איין ייד, וואָס איז מחויב צו בלייבן אין דער היים מיט דער פרוי, ווען דער מאַן איז נישטאָ. אַ פרוי וואָס האָט געדאַרפט אַריינגיין אין אַ קריסטלעכער שטוב אין געשעפט־לעכע ענינים, האָט דאָס נישט געטאָרט טאָן אָן דער באַגלייטונג פון מאַן אָדער אירס אַ קינד. די פרויען פון די ראשי־הקהל האָבן געדאַרפט געבן די אָרימע פרויען, וועלכע פלעגן געוויינלעך טראָגן גראָבע קאָלירטע העמדער, צו צוויי דינע ווייסע העמדער צו טראָגן אין צייט פון חודש־פעריאָד. פאַר אָרימע מיידלעך, ווען זיי זיינען געוואָרן 15 יאָר אַלט, האָט די קהילה געדאַרפט זאָרגן זיי חתונה צו מאַכן און דערביי געבן זיי אַ געלט־שטיצע. באַוויבטע יידן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, אונטער אַ שטראָף, צו זיין שטענדיקע איינגייער אין נישט־יידישע שענקען.

די יידן האָבן פאַרמאָגט אַ סך גוטע מידות. מ׳פלעגט טאָן טובות איינער דעם אַנדערן, אַרויסהעלפן אין אַ נויט, געבן אַ גמילת־חסד, מכניס־אורח זיין א.ד.גל. ווי אַ מוסטער האָט געגאָלטן די אויפשריפט אויפן הויז פון מהרש״א, פון רב שמואל אידלש אין אָסטראָה: „בחוץ לא ילין גר, דלתי לאורח אפתח״ (אויף דער גאַס וועט נישט נעכטיקן אַ פרעמדער, איך וועל עפנען מיין טיר פאַרן אורח).

מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די יידן זיינען געווען כולו צדיקים. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אַ ריי מענטשלעכע שוואַכקייטן און חסרונות. עס זיינען געווען גענוג סכסוכים און קריגערייען צווישן יידן. מען האָט זיך געמשפט איינער מיטן אַנדערן, איינער איז דעם צווייטן געגאַנגען אין דער פרנסה אַריין. אָפט האָט מען זיך געקריגט אין דער אייגענער משפחה — וועגן נישט־געסילוקטע נדנס, וועגן קעסט פאַר די איידעמס, וועגן ירושות א.אַז.וו. פיל סכסוכים זיינען געווען וועגן נישט־צאָלן קיין חובות. אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט איז געווען זייער פאַרשפרייט אַנזעצעריי. אַן אַנזעצער פלעגט אָפט ווערן אַ בורח — אַן אַנטלאָפענער. אין אוקראַינע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך יידן, וועלכע זיינען אַהין אַנטלאָפן פון פוילן צוליב באַנקראָט. אוקראַינער באַנק־ראָטשיקעס האָבן עוקר געווען פון איין פראָווינץ און פאַרשוואונדן אין אַ צווייטער. יידן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט מסירה. עס איז געווען פאַרשפרייט בעטלעריי. בעטלער האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט גנבה,

שווינדל און אַנדערע טונקעלע עסקים. ס׳איז נישט געווען כשורה אין אַזאַ ווי׳כטיקן ענין, ווי באַזעצן די כסא־הרבנות. מען האָט פאַר געלט געקויפט ביי די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס רבנישע אַמטן. יום־טוב ליפּמאַן העלער האָט געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם. אין יאָר 1635 האָט ער אויף דער סעסיע פון וועד פון די וואָלינער קהילות דורכגעפירט אַ פאַר־באָט צו קויפן רבניש׳ע שטעלעס. אין זעלבן יאָר האָט דער ועד אַרבע ארצות דעם פאַרבאָט באַשטעטיקט. פאַר עובר זיין דעם פאַרבאָט האָט געדראָט חרם.

אויך מיט אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון יידישן לעבן איז גע־פירן געוואָרן אַ קאַמף. דורך דרשות פון רבנים, קו֗ל־קוראס, תקנות פון קהל אָדער פון וועד־סעסיעס פון די קהילות האָט מען מעורר געווען די יידן צו גיין אויפן דרך־הישר. באַזונדערס האָט מען געהיטן, אַז יידן זאָלן נישט טראָגן קיין טייערע מלבושים, און פרויען זאָלן זיך נישט פוצן, און רייסן די אויגן מיט צירונג, זיידנס און טייערע פוטערס. דאָס איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, אַז ס׳קען רייצן די קריסטלעכע באַפעל־קערונג. מיהאָט בכלל באַקעמפט לוקסוס און אַ ברייט לעבן ביי יידן. מיהאָט געוואָרנט צו זיין באַשיידענער ביי שמחות — חתונות, בריתן אדג״ל. קהל האָט אויך געזאָרגט וועגן ערלעכקייט אין מסחר. אין יעדער קהילה איז געווען אַ נאמן אַכטונג צו געבן אויף דער ערלעכקייט פון דער וואָג און מאָס און בכלל אויף דער ראַיעלקייט פון די געשעפטן. די וועד־סעסיעס פון די קהילות האָבן אין זייערע באַשלוסן דערמאָנט, אַז מיזאָל דאָס אָפּהיטן. די קהילות האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן קינסטלעך אויפ־שרויפן די פרייזן און שאַפן אַ נישט־באַרעכטיקטן יקרות. זיי האָבן אַכטונג געגעבן, אַז יידן זאָלן אין מסחר האַלטן וואָרט, היטן הן די מינד־לעכע הן די שריפטלעכע התחייבותן. צו די נעגאַטיווע זייטן דאַרף מען אויך פאַררעכנען די אַזאַרט־שפּילן. קהל האָט שטרענג פאַרבאָטן צו שפּילן אין קאָרטן, ווערפל (ביינדלעך) און אַנדערע מינים אַזאַרטן. האָט מען איינעם געכאַפּט ביי אַזאַ עבירה, האָט מען אים געקאָנט געבן עונש גוף ועונש ממון און רודפן עד חרמה. אַ פּראָבלעם שווער צו לייזן איז געווען אויסצוקויפן פאַרברעכער פון דער שטראָפנדיקער גויאישער האַנט. אַ מנהג איז געווען אויסצוקויפן פאַרברעכער פון שטראָף. געטאָן האָט מען

עס, ערשטנס, ווייל מאַנכע פאַרברעכער, כדי זיך באַפרייען פון שטראָף, האָבן זיך געשמדט; צווייטנס, האָט מען מורא געהאַט, אַז די משומדים וועלן אויסטראַכטן בלבולים אויף יידן (אַזעלכע פאַלן זיינען טאַקע געווען). טייל רבנים האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם מנהג. זיי האָבן געטענהט, אַז די מצווה פון פדיון שבויים ווערט שלעכט אָנגעווענדט און מ׳טאָר אויך נישט זיך רעכנען מיט דער סכנה, אַז די פאַרברעכער וועלן זיך שמדן, ווייל דאָס אויסקויפן זיי פון שטראָף — געוויינלעך דורך געבן כאַבאַר די באַאַמטע — דראָט מיט אַ געפערלעכער דעמאָראַליזאַציע, וואָס קען גורם זיין צום וואוקס פון פאַרברעכנס ביי יידן.

דאָס קהלשע לעבן איז בכלל געווען שטאַרק אַנטוויקלט. צוזאַמען מיטן בית־דין האָט קהל זיך באַמיט צו קאָנטראָלירן די זיטן און מנהגים פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַכטונג געבן צי איר לעבנס־פירונג איז לויט די יידישע דינים. ווי ווייט דאָס איז געגאַנגען, קען מען זען דערפון, וואָס מיהאָט זיך נישט געטאָרט מאַכן קיין מלבוש פון אַ נייעם מין שטאָף איידער דער רב האָט אַרויסגעגעבן אַ היתר, נאָכדעם ווי ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז אין אים נישטאָ קיין שעטנ״ז. די קהל־עלטסטע האָבן אויך געזאָרגט, אַז אַ יחיד זאָל נישט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס קען שאָדן ברענגען דעם כלל, אויפרייצן די קריסטלעכע שכנים אָדער גורם זיין צרות פאַר יידן. אויב אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און פון די איינצלנע שטעט האָבן יידן קיין רעכט און דעה נישט געהאַט, האָבן זיי דערפאַר געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע אין זייער אייגן לעבן. קיין אויסערלעכער פאַקטאָר האָט זיך נישט געדאַרפט אַהין אַריינמישן, אַלץ האָט געדאַרפט רעגולירט ווערן דורך דער יידישער אויטאָנאָמיע — די קהילות.

עס זיינען געווען הויפּט־קהילות — די גרעסערע צענטרען — און זייערע סביבות, וואָס זיינען געווען צו זיי אָנגעשלאָסן. די הויפּט־קהילות מיט זייערע סביבות זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ פּראָווינציעלן פאַרבאַנד, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין וועד פון דער גאַנצער מלוכה. אין וואָלין זיינען אין 17־טן יאָרהונדערט געווען 4 הויפּט־קהילות: לוצק, אָסטראָה, לודמיר און קרעמענעץ. צו זיי האָבן געהערט די אַרומיקע נאָענטע און ווייטערע שטעטלעך. אַלע צוזאַמען האָבן זיי געבילדעט דעם

וואַלינער קהילות־פאַרבאַנד. אַחוץ וואָלין זיינען אוקראַאינער יידן געווען אָרגאַניזירט אין די קהילות פון רייסן, פּאָדאָליע און בראַצלאַווער וואָיע־וואָדשאַפט. זיי זיינען אויך געווען אָנגעשלאָסן אין וועד ארבע ארצות — דעם קהילות־פאַרבאַנד פון פוילן און אוקראַאינע. יידן פון ווייס־רוסלאַנד האָבן געהערט צום ליטווישן וועד פון די קהילות. די בריסקער הויפּט־קהילה האָט אַריינגענומען אַזעלכע ווייטע מקומות, ווי מינסק, מאָהילעוו און אָרשע. צוויי עלעמענטן האָבן געזיכערט די דעה אין דער קהילה־אָנפירונג: תורה און עשירות. די אָרימע פשוטע יידן, די גרונט־מאַסע פון דער באַפעלקערונג, האָבן קיין השפעה אויף דער קהלשער טעטיקייט נישט געקענט האָבן. דאָקעגן האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַרשידענע תקיפים, וועלכע האָבן געפירט דעם רעדל ביד חזקה. דער אַלגעמיינער כלל, וואָס איז געווען גילטיק פאַרן גאַנצן לאַנד, אַז נאָר די רעליגיעזע און וועלטלעכע פעאָדאַלן האָבן די דעה און די מאַכט, האָט אויך געהאַט זיין אָפּשפּיגלונג אין דער ענגער יידישער גאַס. דער מהלך צווישן רייך און אָרעם איז געווען אַ גרויסער — אויף אַ הייפל גבירים, וואָס האָבן געפירט ריזן־געשעפטן, איז געווען אַ מאַסע קבצנים, וואָס האָבן מיט מי און מאַטערניש זיך אויסגעאַרבעט אַן אָרימע חיונה. אויך אויפן געביט פון בילדונג זיינען געווען באַדייטנדיקע אונטערשידן. די בילדונג פון יידן איז בעיקר באַשטאַנען פון יידישע קענטענישן, אייניקע האָבן אויך פאַרמאָגט וועלטלעכן וויסן. פיל יידן האָבן זיך געקענט באַנוצן מיט פויליש און אוקראַאיניש.

די בתי־תפילות זיינען געווען אויך צענטערן פון גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן נישט געטאָרט זיין אַזוי הויך ווי די קריסטלעכע קאַשטשאָלן און צערקוועס. דערפאַר אינעווייניק האָט מען זיי געמעגט אויספּוצן און שיין איינאָרדנען. די דערנידערונג, וואָס האָט געשטעקט אין דער גזירה, אַז דער דאַך פון דער שול דאַרף זיין נידעריקער פון קלויסטער־דאַך, האָבן יידן געוואָלט אָפּמעקן דורך קינסטלערישע באַ־פּוצונגען פון די ווענט און סופיט, פאַרשידענע שניצונגען פון אָרון־קודש, טייערע פרוכתן און תורה־באַצירונגען. אין טייל גרויסע שולן זיינען אויך געווען איינגעאָרדנט תפיסות פון קהל.

אין די גרעסערע שטעט האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט קאָנ־

צענטרירט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, אין די קלענערע — אין איין גאַס אָדער געסל. דער שטח פון וואוינרעכט אין אַ געגעבענער שטאָט איז געווען זייער באַגרענעצט. אויסשפרייטן זיך איז געווען גאַנץ שווער. ביי דער גרויסער געבורטיקייט איז דעריבער געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. די הייזער זיינען געווען הילצערנע. אויסנאַמען זיינען געווען אין די גרעסערע ישובים, וואו איינצלנע הייזער פון גרויסע גבירים זיינען געווען געמויערטע.

# קאַפּיטל X

נאַציאָנאַליטעטן־קאַמף. — די באַציאונג צווישן יידן און פּויערים. — אַנטי־יידישער אָנגריף אין די שטעט. — אַלע מיטלען כשר. — די וואַנט צווישן ייד און קריסט. — די הילף פון דער שליאַכטע. — יידן אויף צערקאָוונער ערד. — אָנקלאַגעס קעגן יידן און קעגן־אָנקלאַגעס. — אָפּמאַכן. — הויכע שטייערן. — קריזיס און נויט.

פּוילן בכלל איז געווען אַ מלוכה מיט פיל נאַציאָנאַליטעטן. אַזוי אויך די פּראָווינצן מיט אַן אוקראַינישער באַפעלקערונג. וואו מער און וואו ווייניקער — אומעטום איז געווען אַ צומיש פון אַנדערע פעלקער. ס׳איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די שכנישע פעלקער — פאַר פאַרנעמען די ערשטע און בעסטע פּאָזיציעס אין לעבן — אויפן ווירט־שאַפטלעכן, פּאָליטישן און רעליגיעזן געביט.

אַמשטאַרקסטן איז אָט דער קאַמף געווען אין די שטעט, שוואַ־כער — אין די דערפער. אַזוי איז אויך געווען וואָס שייך יידן, וועלכע האָבן דעם נאַציאָנאַליטעטן־קאַמף אַמשאַרפסטן געפילט. שוין דער פאַקט, וואָס יידן זיינען געווען בעיקר אַ שטאָטישער עלעמענט, האָט געמוזט גורם זיין, אַז אין די שטעט זאָל זיין שטאַרקער דער אַנטי־יידי־שער דרוק. אַחוץ דעם איז דאָרט אויך געווען אַ סך מער באָדן פאַר אַנטאַגאָניזמען און קאָנקורענץ. דער קריסטלעכער סוחר, בעל־מלאָכה און שענקער האָבן געשטרעבט פּטור צו ווערן פון יידישן קאָנקורענט, האָבן זיי געפאָדערט אים נישט צו געבן קיין רעכט צו וואוינען, האַנדלען און אַרבעטן. און אויב זיי האָבן עס נישט געקענט אויספירן אויף הונ־דערט פּראָצענט, האָבן זיי געשטרעבט צו דערפירן די רעכט פון ייד צו וואוינען און צו זיין ווירטשאַפטלעך טעטיק ביז אַ מינימום. אַנדערש — אין די דערפער. פאַרן פּויער האָט דער ייד נישט געקענט זיין קיין קאָנקורענט, און דערמיט איז אָוועקגעפאַלן די הויפּט־טרייבקראַפט פון קאַמף קעגן יידן. אויב דער פּויער האָט דאָ און דאָרט געהאַט אַ סכסוך

מיט אַ יידן, איז עס געווען אויפן גרונט דערפון, וואָס דער פויער האָט נישט געוואָלט צאָלן דעם אַרענדירטן וועג־אָפּצאָל אָדער אַן אַנדערע אַרענדע־הכנסה, פונקט ווי ער האָט עס אויך נישט געוואָלט צאָלן, ווען די אַרענדע האָט געהאַלטן אַ קריסט. אַקעגן האָט דער פויער געהאַט אַן אינטערעס צו שטיין אין ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט יידן. דער ייד האָט ביי אים געקויפט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און אים פאַרקויפט סחורה — צו ביליקערע פּרייזן, ווי דער קריסטלעכער סוחר. נאָך מער: דער ייד האָט אים אויך געגעבן אויף באָרג און האָט אים געברענגט די סחורה פון שטאָט אין דאָרף אַריין. יידן האָבן געצאָלט טייערע פּרייזן פאַר פּראָדוקטן און פאַרקויפט סחורה ביליקער. אין דעם איז דער פויער געווען פאַראינטערעסירט, אַקעגן די מיעשטשאַנעס האָבן דאָס פאַרביסן באַקעמפט. דאָרט, וואו זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָבן זיי אַדורכגעפירט אַ פאַרבאָט דערויף. יידן האָבן געמעגט קויפן נאָר אין די שפּעטערע שעהן, נאָך די קריסטן; מ׳האָט זיי אויך אין אַ ריי פאַלן פאַרבאָטן צו פאַרקויפן ביליקער. וואָס שייך דער שליאַכטע, האָט זי נישט געוואָלט צולאָזן יידן בלויז צו אַזעלכע פונקציעס, וואָס זי אַליין האָט געהאַט חשק און געקאָנט אויספירן. אַפילו ביים דורכפירן געוויסע באַגרענעצונגען האָט זי נאָך איבערגעלאָזט פאַר יידן אַ פעלד פון טעטיקייט. בעת אין דער שטרעבונג פון די שטאָטישע עלעמענטן איז געווען פולשטענדיקע עלימינירונג פון יידן, איז ביי די דאָרפישע עלעמענטן — סיי ביי דער שליאַכטע, סיי ביים פויער — געווען נאָר אַ באַגרענעצטער באָדן פאַר רייבונגען און אַ גענוג ברייט פעלד פאַר אַ פריידלעך צוזאַמענלעבן. כדי איינער זאָל ווערן אַ שליאַכטשיץ אָדער אַ פויער, האָט ער נישט געדאַרפט באַזייטיקן קיין ייד; פאַרקערט, אַ ייד האָט געקענט אַמאָל צונוץ קומען. אַפילו אַ בעל־מלאָכה אין דאָרף האָט גוט געלעבט מיט יידן, ווען ער האָט פאַרקויפט זיינע אויסאַרבעטונגען, בעת אַ שטאָטישער צעך־האַנטווערקער האָט מיט אַ ייד נישט געטאָרט האָבן קיין מגע ומשא. פאַר אַ מיעשטשאַן צו ווערן אַ סוחר אָדער בעל־מלאָכה האָט ער געדאַרפט, אָדער ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף, באַזייטיקן דעם יידישן קרעמער און האַנטווערקער, וואָס נעמט צו דעם קונה. אויך דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס האָט זיך צעווילדעוועט אין

16־טן און 17־טן יאָרהונדערט, און דער אַנטיסעמיטיזם, זיינען אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער געקומען צום אויסדרוק אין די שטעט, ווי אין די דערפער. דער אַנטי־יידישער קאַמף אין די שטעט איז געוואָרן כמעט אַ פערמאַנענטער, ווייל יידן זיינען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, האָבן זיך געווערט און דורכגעבראָכן די גזירות. דאָס האָט ווידער געגעבן אַ געלעגנהייט אָנצוהויבן דעם אַנטי־יידישן אָנגריף פון דאָס נײַ.

די אַלגעמיינע מאָראַל איז געווען אַ נידעריקע. מיט די קאַמף־מיטלען איז מען דעריבער נישט געווען איבערקלייבעריש. מיט ליגן און גוואַלט האָבן זיך באַנוצט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — פון די נידעריקסטע ביז די סאַמע שפּיצן פון דער געזעלשאַפט, דעם קעניג איינגעשלאָסן. וועגן דער הערשנדיקער מאָראַל וועט אַמבעסטן עדות זאָגן דאָס דעמאָלטיקע פאָלקס־ווערטל: „צו באַגנבענען דעם פּאַן איז נישט קיין עבירה, דעם גלח — איז נישט קיין שאָד, און דעם ייד — אַ מצווה.״ אַזוי איז געווען בכלל אין פּוילן. אין אוקראַיִנע, וואו דאָס קולטורעלע לעבן איז געשטאַנען אויף נאָך אַ נידעריקערער מדרגה, וואו די לאַגע איז געווען מער אומרואיק און די אויפפירונג פון די מענטשן מער ברוטאַל — איז די „מצווה״ שלעכטס צו טאָן יידן געווען נאָך גרעסער. פאַר די, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן יידן, זיינען אַלע מיטלען געווען כשר.

אין די פריערדיקע צייטן זיינען געווען פיל פריינטלעכער די באַציאונגען צווישן יידן און אוקראַיִנער. מ׳פלעגט אַפילו צוזאַמען פאַרברענגען אין די שענקען. פון דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט איז די מחיצה און די פיינטשאַפט צווישן זיי כסדר געוואַקסן. מיט פאַרשידענע מיטלען האָט מען זיך באַמיט אויפצובויען אַ וואַנט צווישן זיי און פעסטשטעלן בפני כל עם ועדה, אַז ייד און קריסט זיינען צוויי וועלטן, וואָס טאָרן נישט זיין אין נאָנטער באַרירונג. כאַראַקטעריסטיש זיינען אייניקע מלוכהשע באַשלוסן. דער פּוילישער סיים האָט אין יאָר 1565 שטרענג פאַרבאָטן יידן צוצונעמען קריסטן אַלס דינער. די ליטווישע סטאַטוטן פון 1566 און פון 1588 פאַרווערן יידן צו האָבן קריסטלעכע דינסטן.ביידע צדדים האָבן זיך נישט צוגעהערט צו די שטרענגע פאַרבאָטן און די קהילות האָבן שפּעטער פיל מאָל אויפגעפאָדערט די יידן זיך צוצופּאַסן צו די גזירות. יידישע בעלי־מלאָכות

האָבן אויך נישט געטאָרט האָבן קריסטלעכע טשעלאַדניקעס; אויך דאָס האָט מען נישט אומעטום אָפּגעהיטן.

דער שליאַכטע איז נישט געווען צום האַרץ די מאָנאָפּאָל־שטרע־בונגען פון די צעכן און האַנדלס־גילדיעס; זי האָט זיך באַמיט ברעכן דעם האַנדל־ און אַרבעט־מאָנאָפּאָל פון די סוחרישע און האַנטווערקערישע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט במילא געטאָן אַ זאַך, אין וועלכער יידן זיינען געווען פאַראינטערעסירט. אָפטמאָל האָט זי זיך דירעקט אָנגענומען פאַר יידן און זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן זייערע האַנדלס־רעכט. פון אומגעהויערער באַדייטונג איז געווען דער פאַקט, וואָס די שליאַכטע, איינשליסנדיק אויך העכערע גייסטלעכע, האָט געגעבן וואויך־מעגלעכקייטן אין שטעט, וואו די מאַגיסטראַטן האָבן די יידן נישט אַריינגעלאָזט. דאָס האָט געטאָן אי פוילישע, אי אוקראַינישע שליאַכטע; אי קאַטוילישע, אי פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע. אי די שליאַכטע, אי די יידן האָבן באַקעמפט די פּאָליטיק פון די שטעט — דאָס האָט די יידן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַקעמפן די אַנטי־יידישע פּריווילעגיעס. דער קריסטלעכער בעל־מלאָכה פון צעך האָט געהאַט אַן אינטערעס צו צאָלן ביליקע פּרייזן פאַר רוי־מאַטעריאַל און נעמען הויכע פּרייזן פאַר פאַר־טיקע סחורה. דאָס דאָרף האָט געהאַט אַ פונקט פאַרקערטן אינטערעס. יידן זיינען געגאַנגען אַנטקעגן דעם אינטערעס פון דאָרף, וואָס זיי האָבן געצאָלט טייערע פּרייזן אויף רוי־מאַטעריאַל און שפּייז־פּראָדוקטן און פאַרקויפט פאַרטיקע סחורות ביליקער. די יידן האָבן אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר מאַסן־פּראָדוקציע, אַ זאַך, אין וועלכער עס איז געווען פאַר־אינטערעסירט די אָרימע באַפעלקערונג בכלל. שטעלט דאָך פעסט אַ פוילישער היסטאָריקער: „די יידן האָבן אין פוילן זיך באַשעפטיקט אין אַ באַדייטנדער מאָס מיט נוצלעכע מלאָכות״ . . . „אויסגעשטעלט אויף דער גיריקייט, קנאה, פינסטערניש און פאַנאַטיזם פון יענע צייטן, האָבן זיי כמעט יעדע רגע געמוזט מורא האָבן פאַר אַ ביטערן סוף. אין אַזאַ לאַגע איז זיי נישט געבליבן קיין אַנדער מיטל צו ראַטעווען זיך, ווי בלויז טייער אויסקויפן פאַר געלט פּריווילעגיעס ביי די פירשטן און מעכטיקע. הגם דאָס האָט בלויז שוואַך זיי געשיצט קעגן די סכנות, האָט דאָס נאָך מער געררייצט דעם אומווילן פון די אַנדערע איינוואוינער

פון לאַנד״ . . . „שטענדיק גערודפט, האָט דער ייד אַלעמאָל טייער געמוזט באַצאָלן פאַר דער לופט, וואָס מ׳האָט אים דערלויבט צו אָטעמען״ — (וואָזשיניעץ סוראָוויעצקי: „וועגן דער ירידה פון דער אינדוסטריע און די שטעט אין פוילן״).

ווי ווייט יידן פלעגן אויסנוצן די מעגלעכקייטן, וואָס עס האָט זיי געגעבן די שליאַכטע, ווי אויך די העכערע גייסטלעכע, קען מען זען פון אַ פּאָר ביישפּילן. דער סינאָד פון דער קאַטוילישער קירך, אויף זיין סעסיע פון יאָר 1643 אין וואַרשע, האָט פעסטגעשטעלט, אַז טייל ביסקופּן גיבן אָוועק זייערע ביסקופּישע גיטער צו יידן אין דזשערזשאַווע. דער סינאָד פאָדערט זיי אויף מער דאָס נישט צו טאָן, ווייל דערמיט ווערן די קריסטלעכע אונטערטאַנען געשטעלט אין רשות פון די יידן. אויך פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע האָבן פאַרדונגען זייערע גיטער אָדער הייזער צו יידן. דאָס האָט זיי געגעבן אַ גוטע הכנסה. געווען פאַלן, ווען די פּאָפּן האָבן צווישן זיך געפירט אַ קאַמף ווער פון זיי זאָל פון דער הכנסה געניסן. אין פּינסק, למשל, האָבן יידן געוואוינט אויף צערקאָווגער ערד. די פּאָפּן האָבן געוואָלט די הכנסה דערפון צונעמען פאַר זיך און די העכערע היעראַרכיע האָט דערצו נישט דערלאָזט. אין יאָר 1640 האָט דער עפּיסקאָפּאַט אַרויסגעגעבן אַ שריפט, אַז די יידן זאָלן צאָלן אים און נישט די פּאָפּן פאַרן רעכט צו וואוינען, האַנדלען און אַרבעטן אויף דער צערקאָוונער ערד אין פּינסק. ער וואָרנט דערביי די פּאָפּן, נישט צו שטערן די יידן בויען אויף דער צערקאָוונער ערד קרעטשמעס, קאָמערן, ברויערייען, ברויזן, בעדער און אַלץ וואָס עס וועט זיי נויטיק זיין. אויסער דעם, וואָס יידן האָבן געוואוינט אויף שליאַכעצקער ערד אין די פאָרשטעט אָדער אַפילו אין מיטן שטאָט, אויף שטחים וואו די מאַגיס־טראַטן האָבן קיין דעה נישט געקאָנט זאָגן, האָבן זיי אויך פיל געוואוינט אין שליאַכעצקע שטעטלעך, וואו ס׳האָט קיין מאַגדעבורגער רעכט בכלל נישט עקזיסטירט. די שליאַכטע האָט זיך באַמיט מיט דער הילף פון יידן אָפּצוציען אַהין, ווי אויך אין אירע דערפער אַריין, דעם האַנדל און מלאָכה. אין קאַמף מיט די מיעשטשאַנעס האָבן יידן אין די קעניגלעכע שטעט זיך באַנוצט מיט דער הילף פון די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס. עס זיינען נאַטירלעך אויך געווען אויסנאַמען, ווען יידן זיינען דירעקט

דורכגעקומען מיט די מיעשטשאַנעס. די לעצטע האָבן איינגעזען, אַז סיקאָן זיין פּלאַץ פאַר ביידע און צוזאַמען קענען זיי הויבן דעם וואויל־שטאַנד פון שטאָט. באַזונדערס זיינען אַזעלכע פאַלן געווען אין ערטער, וואו עס האָט עקזיסטירט אַן עקספּאָרט־האַנדל. אַזעלכע דערשיינונגען פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון יידן און מיעשטשאַנעס זיינען גיכער אויסנאַמען און נישט דער אַלגעמיינער כלל.

יידן איז געווען אוממעגלעך נאָכצוקומען די פאַרלאַנגען פון די מיעשטשאַנעס. דאָס וואָלט געהייסן זיך אָפּזאָגן פון די רעכט צו וואוינען, האַנדלען און אַרבעטן. אַן דעם וואָלט די יידישע עקזיסטענץ געוואָרן אוממעגלעך. דעריבער זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען אַזוי פאַר־שאַרפט געוואָרן. אין דער אייגענער צייט האָבן די אינטערעסן פון די יידן און שליאַכטע און אַפילו פון דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג זיך צונויפגעטראָפן אין איין און דערזעלבער ריכטונג. אויב אַפילו די אָרימערע שליאַכטע האָט געשטרעבט צוצונעמען ביי יידן געוויסע אַרענ־דעס, אָבער אין גאַנצן עלימינירן די יידן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן איז זי נישט געווען פאַראינטערעסירט. יידן האָבן דעריבער איר גיכער גע־קאָנט נאָכגעבן. זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוריקציען אויף אַנדערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. זיי האָבן דאָס טיילוויז אויך גע־מוזט טאָן, ווייל די שליאַכטע איז דאָך געווען דער הערשנדיקער געזעצ־געבערישער שיכט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די קהילות האָבן אויפגעפאָדערט נישט צו נעמען אין אַרענדע געוויסע הכנסות, וואָס די שליאַכטע האָט רעזערווירט פאַר זיך.

אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט האָבן די סוחרים און האַנטווערקער פאַרשטאַרקט דעם אַנגריף קעגן יידן. זיי פאַרשיטן מיט אָנקלאַגעס, פול מיט גוזמאות און בלבולים. אָט איז אַ מוסטער:

אין יאָר 1639 האָבן די לעמבערגער מיעשטשאַנעס געשיקט צום קעניג אַן אָנקלאַגע, אין וועלכער ס׳איז געזאָגט געוואָרן: „סיקען שוין נישט דער סוחר זיין מסחר פירן, דער האַנטווערקער — זיין פּשוטע מלאָכה, דער הענדלער — זיין האַנדל, דער פורמאַן — זיין בעל־עגלהש־קייט. און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס דאָס בייזווילליקע און אומגלויביקע יידישע פאָלק שטערט... יידן האָבן פאַרנומען אַלע באַשעפטיקונגען,

ביי זיי איז דער גאַנצער האַנדל און מסחר, און פאַר די קריסטן איז געבליבן נויט און צאָלן שטייערן... זיי האָבן שוין כמעט באַהערשט דריי פערטל פון לעמבערג, און פאַר די קריסטן איז פאַרבליבן קוים אַ פערטל."

ענלעכע אַנקלאַגעס מיט פאַנטאַסטישע גוזמאות זיינען אויך געקומען אין יענע יאָרן פון דובנע, וויניצע, קרעמענעץ, פשעמישל, כמעלניק, קאַמענעץ, קיעוו און אַ ריי אַנדערע ערטער. אין אַלע צרות האָט מען באַשולדיקט די יידן. די לעצטע זיינען אויך נישט געזעסן מיט פאַר־לייגטע הענט און געשיקט קעגן־אַנקלאַגעס. אין אַזעלכע פאַלן האָט דער קעניג באַשטימט קאָמיסיעס אויסצופאָרשן דעם ענין און ברענגען די סכסוכים צו אַ טאָלק. פון דער איינשטעלונג פון די קאָמיסיע־מיט־גלידער און פון דער ווירקונג אויף זיי, איז געווען אָפּהענגיק ווי אַזוי עס זאָלן ווערן איינגעשטעלט די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידן אין דער געגעבענער שטאָט. אין די געשלאָסענע אָפּמאַכן צווישן די פאַר־טרעטער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און די פאָרשטייער פון די „אומגלויביקע" יידן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן וואו יידן מעגן יאָ וואוינען און וואו — נישט, וואָס זיי מעגן אַרבעטן און האַנדלען און וואָס ס'איז זיי פאַרבאָטן. מאַנכע אָפּמאַכן האָבן אַנטהאַלטן גאַנץ ווערזנטלעכע באַגרענעצונגען און דערמיט פאַרמשפּט די יידישע באַפעלקערונג צו נויט און פיין. יעדע שטאָט באַזונדער איז געווען אַ פעלד פון קאַמף פאַרן רעכט צו אָטעמען און שאַפן זיך חיונה. גלייכצייטיק מיט די לאָקאַלע זיינען פון צייט צו צייט אויך געקומען אַלגעמיינע באַגרענעצונגען דורך באַשלוסן פון סיים. באַזונדערס איז דער סיים געווען אַקטיוו ביים באַ־לייגן די יידישע באַפעלקערונג מיט הויכע שטייערן. די גרויסע צאָל שטייערן, וואָס יידן האָבן בכלל געדאַרפט צאָלן, האָבן זיך געטיילט אויף עטלעכע קאַטעגאָריעס: פאַר דער מלוכה; אָרטיקע — פאַר די שטעט אָדער פריצים, און פאַר יידישע צוועקן. אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל, ווי מיהאָט געזוכט געלעגנהייטן צו באַלאַסטן יידן מיט אָפּצאָלן, אַחוץ די נאָרמאַלע שטענדיקע און עקסטרע שטייערן, איז די אינסטרוקציע פון דער רייסישער שליאַכטע פאַר אירע דעפּוטאַטן צום סיים אין יאָר 1624, אַז יידן זאָלן אין גאַנצן לאַנד צאָלן אַ געוויסע סומע געלט אויף אויסצו־

קויפן קריסטן פון טאַטערישע הענט. די רייסישע שליאַכטע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז יידן מוזן אויסגעבן אַ סך געלט אויף אויסקויפן ביי די טאַטערן יידישע געפאַנגענע, און קיין שום צושטייער מצד קריסטן קענען זיי דערביי נישט האָבן.

ווי ווייט יידן זיינען געווען געטראָפן פון די כלערליי באַגרענעצונגען, באַלאַסטונגען און גזירות, קען מען זען דערפון, וואָס אַ ריי קלענערע יידישע ישובים האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק און זיינען זיך צעפאַלן. וועגן דעם דערציילט אַ באַשלוס פון ליטווישן וועד הקהילות, וואָס האָט געהאַט זיין טעטיקייט־געביט אויף שטחים אויך מיט אַ גרויסער אוקראַיניש־פּראַוואָסלאַוונער באַפעלקערונג. אויף זיין סעסיע פון יאָר 1637 אין סיעלץ האָט דער ליטווישער וועד פעסטגע־שטעלט: יידן ווערן פאַראָרימט צוליב דעם פאַרערגערטן ווירטשאַפט־לעכן מצב און יקרות, און קענען נישט מפרנס זיין די משפחות, בעת די הוצאות אויף שטייערן און אַנדערע הצטרכותן פאַרגרעסערן זיך כסדר און ווערן אומדערטרעגלעך. מענטשן ווערן אָפּגעלאָזן און בדיל־הדל. און דאָס איז גורם, אַז קליינע קהילות זאָלן זיך צעפאַלן. וואָרים יעדער גייט זיך זיין וועג, זוכנדיק אַ מקום־מקלט און מקום־מנוחה. ער באַזעצט זיך דאָרט וואו ער קען געפינען חיונה פאַר זיך. כדי יידן זאָלן קענען עקזיסטירן, זיין תושבים און זאָלן זיך נישט דאַרפן וואַלגערן אין דער פרעמד, „ווי אַ דערשראָקענער פויגל, וואָס איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון זיין נעסט", איז באַשלאָסן געוואָרן: אין אַ קליינער קהילה, פון וועלכער די אָרימערע זיינען זיך צעלאָפן, זאָל מען זיך באַמיען אייַנ־צוהאַלטן די קהילה דורך געבן יידן אַ מעגלעכקייט דאָרט זיך מפרנס צו זיין. צו דעם צוועק דאַרף מען אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצן די חזקה־רעכט פון אַרענדאַר און אָנווענדן אַנדערע מיטלען, אַז אַלע זאָלן קענען ציען חיונה.

# קאַפּיטל XI

אַנטיסעמיטיזם. — בלבולים. — יידן אויפֿן שייטער-הויפֿן. — יידישע קינדער ווערן צוגעגנבֿעט. — פּסדרדיקע העצע. — רויבערייען און הריגות. — אַנטי-יידישע עקסצעסן און פּאָגראָמען. — „שילער-געלויף“. — געשלעגן און צוזאַמענשטויסן.

מיטן וואוקס פון די שטעט, מיט דער אויסבילדונג פון אַ שטאַרקן אָרטיקן קריסטלעכן מיטלשטאַנד, איז געוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. מ׳האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט יורידישע באַגרענעצונגען און פּראַקטישע מיטלען צו האַלטן אין צוים די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. מ׳האָט אויך גענומען אַלץ מער אָנווענדן „אידעאָלאָגישע“ מיטלען. דאָס זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע מיטלען — פון טעאָלאָגישע וויכוחים ביז עלילת־דם. אין פוילן איז אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט שוין געווען אַ גרויסע אַנטיסעמיטישע ליטע־ראַטור. אין בראָשורן און „פּאָעזיע“, ווי אויך אין די דרשות פון די גלחים אין די קירכעס זיינען יידן געשילדערט געוואָרן ווי אַ פאָלק פון ערגסטע פאַרברעכער, אויסוואורפן און עקלהאַפטע ברואים, וואָס זיינען פעאיק אויף כלערליי געמיינקייטן.

נאָך פאַר דער לובלינער אוניע איז שוין אין פוילן און אוקראַינע געווען פאַרשפּרייט דער בלבול, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט צו מצות און שענדן האסטיעס. אין יאָר 1566 האָט דער מלך זיגמונד אויגוסט אַרויסגעגעבן אַ כתב, וואָס שיצט די יידן קעגן דאָזיקן בלבול. אין אים ווערט געזאָגט, אַז די בלבולים ווערן אויסגעטראַכט מיטן צוועק אַרויס־צושטופּן יידן פון קעניגלעכע שטעט. אין זייער פיל ערטער האָבן די מיעשטשאַנעס ביי דער מיטהילף פון שליאַכטע דעם כתב נישט געלאָזט אַריינטראָגן אין די שטאָטישע און זיעמסקע ביכער, כדי ווייטער צו קאָנען אָנגיין מיט דעם בלבול. יידן האָבן געמוזט אויספועלן אַ ספּעציעלן

בריוו, אַז מ׳זאָל נישט שטערן אַריינטראָגן אין די ביכער דעם קעניגלעכן כתב קעגן בלבול; אויך דאָס האָט נישט געקענט אָפּשטעלן די פאַר־שפּרייטונג פון בלוט־בלבולים. מלך סטעפאַן באַטאָרי האָט דעריבער אַרויסגעגעבן אַן אוניווערסאַל, אַז מ׳זאָל יידן נישט באַשולדיקן אין ריטועלן קינדער־מאָרד, ווייל דאָס האָט נישט קיין יסוד אין זייער רעליגיע.

קעגן די יידן זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן אַן אַ שיעור שווערע, אָבער גרונטלאָזע באַשולדיקונגען. אויסער אין עלילת־דם און שענדן האָסטיעס, האָט מען זיי באַשולדיקט, אַז זיי פאַרסמען די ברונימער, פאַרשפּרייטן עפּידעמיעס, טוען כישוף, פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש, באַגייען מלוכה־פאַרראַט, העלפן די טאַטערן אין זייערע אָנפאַלן, פאַר־שפּרייטן פאַלש געלט, מאַכן אַ יקרות, יידישע דאָקטוירים פאַרסמען קריסטלעכע פּאַציענטן, יידן זיינען מגייר קריסטן, זיינען מל קריסט־לעכע קינדער אד״גל. דער קיעווער ביסקופּ ווערעשטשינסקי האָט כאַ־ראַקטעריזירט די יידן, אַז זיי זיינען „אָפענע פאַררעטער״. דורך די אַרמענער און ציגיינער, — האָט ער געזאָגט, — שיקן זיי אַרויס מלוכה־סודות צו אַנדערע פעלקער. איבערהויפּט האָט מען באַשולדיקט אוקראַינער יידן, אַז זיי שפּיאָנירן פאַר טערקיי. האָט דאָך שפּעטער, אין די פערציקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט, ווען פּוילן האָט זיך געגרייט צו אַ מלחמה מיט טערקיי, דער פּוילישער מלוכה־מאַן, דער קעניגלעכער פּאָד־קאַנצ־לעזש פּראַלאַט יענדזשיי לעטשטשינסקי געזאָגט פון דער סיים־טריבונע: אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווייס מען גוט וואָס עס טוט זיך אין פּוילן. „צי זיינען ווייניק ביי אונז פאַראַן אַזעלכע, וועלכע גיבן וועגן אַלץ צו וויסן! וויפיל אַרמענער, וויפיל יידן עס זיינען פאַראַן אין אוקראַינע, אַזוי פיל זיינען דאָ שפּיאָנען. אויף די גרויסע ירידן אין יאַראָסלאַוו, באַר, קאַמענעץ, יאַזלאָוויעץ זיינען דאָ אַזוי פיל פאַררעטער״. אין דער אמתן האָט טערקיי אַחוץ פון ספּעציעל־געשיקטע שפּיאָנען, פיל וויכטיקע ידיעות וועגן פּוילן געהאַט דירעקט און אומדירעקט פון די העכסטע פּוילישע מאַגנאַטן. אין זייער ברייטער קאָרעספּאָנדענץ מיט דער אַרי־סטאָקראַטיע אין אויסלאַנד האָבן זיי געהאַט אַ טבע אויסצופּלאַפּלען מלוכה־סודות.

אַ צאָל יידן זיינען געפאַלן קרבנות פון די העצעס און בלבולים.

אין יאָר 1623 זיינען אין הושאָטין די דריי ברידער: ניסן, שמחה און מאַרק, אַרענדאַרן, באַשולדיקט געוואָרן אין שעכטן קריסטלעכע קינדער צוליב ריטועלע צוועקן. די פּריצהטע קאַלינאָווסקאָ און איר זון מאַרצין האָבן דורך אַן אייגענעם משפּט אין זייער שלאָס און אָן עדות די יידן, זייערע אַרענדאַרן, פאַראורטיילט צו ווערן געפּייניקט און פאַרברענט. די קרובים פון די אומגליקלעכע האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער משפּט זאָל פאָרקומען אין אַ רעגולערן געריכט, אָבער די פּריצהטע האָט די ווענדונג אָפּגעוואָרפן און אַפילו נישט דערלאָזט קיין פאַרטיידיקונג אויף איר אייגענעם חוזק־געריכט. די דריי ברידער האָבן נישט מודה געווען די פאַרגעוואָרפענע שולד, דאָך האָט מען זיי אין זעלבן טאָג פון משפּט פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן נאָך דעם ווי מען האָט זיי פריער אָנגעטאָן שרעקלעכע יסורים דורך ברענען זיי דעם גוף מיט אָנגעגליטע אייזנס, מיט שאַרקע און פולווער.

אין יאָר 1646 האָבן די פאַרשטייער פון דער אוקראַינישער באַפעל־קערונג און פון די פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע אין פּשעמישל דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע קעגן „די אומגלויביקע שונאים פון הייליקן קרייץ". אויסרעכנדיק די נעמען פון אַ צאָל יידן, ווערט דערציילט אין דער אָנ־קלאַגע, אַז זיי האָבן אין אַ שטוב דערמאָרדעט אַ קריסטלעך דינסט־מיידל. עס ווערט דערציילט, אַז די יידן האָבן מיט מעסערס און אַנדערע ספּעציעלע אינסטרומענטן אַרויסגעלאָזט איר בלוט. ווייטער זאָגט די אָנקלאַגע, אַז יידן זיינען איינגעאיבט אין דער מלאָכה פון צאַפּן קריסט־לעך בלוט, אין הסכם מיטן געצענדינערישן יידישן תלמוד. עס ווערט דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט דאָס בלוט געצאַפּט און געשונדן די הויט, כדי וואָס מער בלוט אַרויסצובאַקומען.

איינע פון די פּלאָגן, פון וועלכע יידן האָבן געהאָט צו ליידן, איז געווען דאָס צוגנבענען יידישע קינדער, כדי זיי צו דערציען אין קריסטלעכן גלויבן. אין דער יידישער רעליגיע האָט מען געזען אַ פאַלשע לערע און זאַבאַבאָנעס, וואָס מוזן רייצן און באַליידיקן די קריסטן. צווישן המון איז געפירט געוואָרן אַ העצע מיט דער באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן אומגעברענגט קריסטוסן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס יידן זיינען געווען תושבים אויף דער

אוקראַינישער ערד שוין הונדערטער יאָרן, האָבן אָבער אָרטיקע גירושים, וואויך־פאַרבאָטן און כסדרדיקע גזירות, דאָס אָנרופן אין אָפיציעלע מלוכהשע דאָקומענטן די יידן — אומגלויביקע, ביי די קריסטלעכע פאָלקס־מאַסן געהאַלטן וואַך דאָס געפיל, אַז יידן זיינען פרעמדע און אומווירדיקע. בפרט, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ מאַטעריעלן געווינס: נאָך אַ גירוש האָבן קריסטן צוגענומען די יידישע הייזער און אומבאַוועגלעכע גיטער, האָבן פאַרכאַפּט די יידישע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. ביי אַזאַ שטימונג האָט יעדער שריט פון ייד געשטאָכן אין די אויגן, און יעדער דערפאָלג זיינער איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פאַנטאַסטישע גוזמאות. יעדער בלבול האָט זיך „געלייגט אויפן שכל״. אין מאַנכע קאָשטשאָלן און צערקוועס האָט מען אַריינגעשטעלט טויטע קינדער, דערהרגעטע כלומרשט צו יידישע ריטועלע צוועקן. אויף די ווענט האָט מען אויפגעהאַנגען בילדער מיט סצענעס פון בלוט־צאַפּן, וואָס האָבן נישט געלאָזט אָפּשטאַרבן די פאָרשטעלונג וועגן יידישע גרויזאַמקייטן. דער טעמפּער המון האָט געפילט זיין פיזישע גבורה לגבי די שוואַכע יידישע קיבוצים און דאָך מורא געהאַט פאַר עפּעס אַ געהיימע יידישע שטאַרקייט. און דאָס האָט אים נאָך מער גערייצט. די יידישע באַמיאונגען אויפצוקלערן די אַרומיקע שכנים, די פּרואוון פאָרצושטעלן דעם ייד און זיינע לערעס און גלויבונגען אין ריכטיקן ליכט האָבן קיין ממשותדיקע פּעולה נישט געקענט האָבן: די שוואַכע פאַרטיידיקונג־שטים איז פאַרהילכט געוואָרן דורך דעם ווילדן גערויש פון די אומגעצוימטע האַס־געשרייען און פאַרטיליקונג־רופן. אויף דער אוקראַינער פּראַוואָסלאַוונער באַפעלקערונג האָט אויך נישט געקענט בלייבן אָן ווירקונג דער פאַקט, וואָס דאָס שכנותדיקע פּראַוואָסלאַוונע רוסלאַנד איז געווען כולו יידן־ריין, און אַ ייד האָט דאָרט זיין פוס נישט געטאָרט אַריינשטעלן.

די אַנטיסעמיטישע העצעס און בלבולים האָבן שטאַרק געפּלאָגט דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן. מיט דעם ענין האָבן אָפּט זיך פאַרנומען די אָרטיקע קהילות און די סעסיעס פון זייערע פאַרבאַנדן. בלויז אַ פּאָר ווערטער פון אָנגענומענע באַשלוסן וועלן באַלויכטן די לאַגע. דער ליטווישער וועד הקהילות האָט אויף זיין סעסיע אין יאָר 1634, אין סיעלץ, פעסטגעשטעלט, אַז אין די קהילות און ישובים אַנטשטייען, ווערן

אונטערגעהאַלטן און פאַרשפּרייט פאַלשע באַשולדיקונגען און סכסוכים. אַלץ נייע און נייע כיטרעקייטן, וואָס טוישן זיך איינע נאָכן אַנדערן, קומען פון די, וועלכע וואַרפן אַן אויג אויפן יידישן פאַרמעגן. און דער־זעלבער וועד הקהילות דערקלערט מיט דריי יאָר שפּעטער וועגן עלילת־דם און באַשולדיקונגען וועגן שענדן האָסטיעס: „אַ סך בלבולים און פאַלשע באַשולדיקונגען ווערן אויסגעטראַכט און פאַרשפּרייט פאַר אונזערע חטאים. איין צרה קומט נאָך דער צווייטער. מ׳האָט קוים פאַרגעסן די פריערדיקע אומגליקן, באַווייזן זיך שוין נייע.״

מיט די „אידעאָלאָגישע״ אַרגומענטן, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרמיאוסן און פאַרהעצן די יידן, האָט דער אַנטי־יידישער צד זיך נישט באַגנוגענט. נישט זעלטן איז דאָס געווען אַ צוגרייטונג־שטאָפּל צו די פויסט־אַרגומענטן, צו פיזישע אָנפאַלן, רויבערייען, אונטערציג־דונגען און מאָרדן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געליטן פון אָנפאַלן, וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. ספּעציעל סוחרים האָבן פיל געליטן פון די רויבערייען און רציחות אויף די וועגן — פון אָנפאַלן, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין ספּעציעל אַנטי־יידישן כאַראַקטער. אין אומזיכערסטן טייל פון פוילן — אין אוקראַינע — זיינען די וועגן מער ווי אומעטום געווען באַדראָט דורך רויב־ און מערדער־באַנדעס. זיי זיינען באַפאַלן די סוחרישע קאַראַוואַנען, זיי צעקלאַפּט, באַרויבט און די מענטשן אָפט געממיתט. דער מסחר איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט די ירידן, צו וועלכע מ׳האָט געמוזט פאָרן, אָדער איז געווען אָפּהענגיק פון עקספּאָרט און אימפּאָרט אין די לענדער ביים שוואַרצן ים, און ס׳איז נישט געווען קיין ברירה, ווי ריזיקירן דאָס לעבן און פאַרמעגן. אַ סך יידן זיינען געגאַנגען אויף דער ריזיקע, און אַ סך, אויב זיי האָבן גע־ראַטעוועט זייער לעבן, זיינען געבליבן קבצנים און אַנזעצער. און טאָמער איז דער סוחר נישט צוריקגעקומען פון אַזאַ נסיעה, איז געבליבן אַן אלמנה מיט יתומים, אָדער גאָר אַ וויסטע עגונה, וואָס איז יאָרן לאַנג אַרומגעלאָפן זוכן עדות פון דער הריגה אָדער אַ היתר פון רבנים, אַז זי מעג אויפסניי חתונה האָבן. נישט זעלטן האָט אַזאַ אָנפאַל גורם געווען דעם ווירטשאַפטלעכן רואין פון אַ גאַנצן יידישן ישוב. די אָנפאַלער

זיינען געווען קאַזאַקן, טאַטערן אָדער סתם קרימינעלע פאַרברעכער. אין מאַנכע פאַלן זיינען בראש פון די באַנדעס געשטאַנען שליאַכטשיצעס־יורדים. אין יאָר 1632 האָט מען אויפן וועג אין געגנט פון פערעיאַסלאַוו דערהרגעט אַ צאָל יידן, וועלכע זיינען געפאָרן אין געשעפטלעכע ענינים. ווען מ׳איז געקומען אָנזאָגן די טרויעריקע בשורה, האָבן יידן פון ישוב מורא געהאַט אַרויסצופאָרן ברענגען די מתים צו קבר ישראל. זיי האָבן דעריבער געדונגען אַ פּאָר צענטליק קאַזאַקן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויפזוכן די יידישע הרוגים.

אַחוץ די רויב־אָנפאַלן, פון וועלכע אויך יידן האָבן אַ סך געליטן, זיינען געווען ספּעציעלע אַנטי־יידישע עקסצעסן און הריגות. אין די מער מערבדיקע געגנטן, וואו די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע — אַ פּויליש־אוקראַינישע — זיינען אין אַזעלכע פּאָגראָמען אויך געווען פאַרמישט פּאָליאַקן. אַ גרויסע פּלאָג זיינען געווען די טומלען און אָנפאַלן פון דער שטודירנדיקער יוגנט, באַקאַנט אונטערן נאָמען „שילער־געלויף״. דער ליטווישער וועד־הקהילות האָט אין זיינע באַשלוסן פעסט־געשטעלט: „יעדע שטאָט, וואו עס געפינט זיך אַ קהילה, איז מחויב צו האַלטן אַ וואַך קעגן „שילער־געלויף״, הן אין שטאָט גופא, הן אין די נאָנטסטע דערפער און שטעטלעך.״ אויב די קהילה האָט אַליין נישט קיין געלט אויף דעם צוועק, דאַרף די קהלשע קאַסע פון דער מדינה איר העלפן. כדי נישט צו דערלאָזן, אַז קליינע סכסוכים צווישן אַ ייד און קריסט זאָלן זיך צעפלאַקערן, זיינען די קהילות אויפגעפאָדערט געוואָרן אָנצושטעלן שמשים, וועלכע זאָלן אַמטירן אויף די ירידן. זייער אויפ־גאַבע איז געווען צו זען אויסמיידן סכסוכים און צרות און ליקווידירן אַנטשטאַנענע קאָנפליקטן. די לאַנג־דויערנדיקע רייבונגען און אָנגעצ־שטרענגטע באַציאונגען צווישן די מיעשטשאַנעס און די יידן האָבן זיך אין אייניקע ערטער אויסגעלאָזן אין פּאָגראָמען. איינער פון זיי איז פאָרגעקומען אין בריסק אין יאָר 1637. ס׳איז דערגאַנגען צו אַ צוזאַמענ־שטויס, און לסוף זיינען יידישע הייזער און קראָמען אונטערגעצונדן געוואָרן. נאָכן פּאָגראָם האָבן די יידן און מיעשטשאַנעס געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן איינשטעלן פרידלעכע באַציאונגען און זען פאַרמיידן אויף להבא אומרוען. צו היטן די זיכערקייט איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן

וואַכן — אַ העלפּט פון קריסטן און אַ העלפּט פון יידן. ס׳איז דערלויבט געוואָרן צוריק אויפצובויען די אָפּגעבּרענטע יידישע הייזער און קראָמען, אָבער בלויז אין פריערדיקן פאַרנעם. נישט געקוקט אויף דעם אָפּמאַך זיינען ווייטער פאַרגעקומען געשלעגן. יידן האָבן אויך צוריקגעשלאָגן. און אין יאָר 1644 האָט דער רעקטאָר פון דער יעזואיטישער קאָלעגיע דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע, אַז יידן שלאָגן די שילער. אין זעלבן יאָר האָבן בריסקער יידן געליטן פון אַ „ראַבונעק״ און זיי האָבן אָנגעקלאָגט דעם מאַגיסטראַט פאַרוואָס ער האָט נישט אָנגענומען באַצייטנס די געהעריקע מיטלען, וואָס ער איז געווען מחויב צו טאָן.

אין יאָר 1644 איז אויף די גאַסן פון לעמבערג במשך פון 3 טעג פאַרגעקומען אַ פאַרמעלע שלאַכט צווישן די יידן און פּאָליציי פון סטאַראָסטע פון איין זייט, און די קריסטלעכע מיעשטשאַנעס און סטודענטן פון דער צווייטער זייט. מיט גרויס מי האָט זיך דער שטאָטישער מאַכט איינגעגעבן איבערצורייסן די בלוטיקע געשלעגן און צווינגען די צדדים מסכים צו זיין, אַז זייערע קאָנפליקטן זאָלן אויסגעגליכן ווערן דורך אַ געריכטלעכן פּסק־דין.

אין מאָהילעווביים דניעפּר, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די מיעשטשאַנעס און יידן, איז אין יאָר 1645 פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם. דאָס איז געווען ראש השנה. נאָכן דאַווענען זיינען יידן אַוועק צו תשליך. ווען זיי זיינען געשטאַנען ביים דניעפּר איז אַ באַוואָפנטער המון מיטן בירגערמייסטער רעבּראָוויטש בראש באַפאַלן די יידן און זיי צעשלאָגן. ביינאַכט האָט דער המון זיך אַריינגעריסן אין שול, אויסגעהאַקט די שויבן און געמאַכט אַ חורבן.

# קאַפּיטל XII

קאָזאַקן. — זייערע בונטן. — קאָזאַקישע שחיטות. — טאָטערן. — מענטשן־כאַפּעריי. — אומאויפהערלעכע אינוואַזיעס. — דער אינטערעס פון סולטאַן און כאַן. — יידישע זעלבסטשוץ. — די שול — אַ פאַרטיידיקונג־צענטער. — פאַרזיכטיקייט און זעלבסט-באַגרענעצונג.

פיל ערנסטער, און מיט מער קרבנות, זיינען געווען די אָנפאַלן אין די ווייטערע דרום־מזרח־פּראָווינצן. בעיקר זיינען זיי געקומען פון די קאָזאַקן, טיילמאָל אין פאַרשטענדיקונג מיט די מיעשטשאַנעס. דאָס וואָרט קאָזאַק — פון טאָטערישער אָפּשטאַמונג — האָט געהאַט פאַרשידענע טייטשן. עס האָט געקענט הייסן: אַ גנב, אַ נאַכאַלניק, אַ רויבער, אַ הולטאַי, אַ דראַב, אַ וואַלד־גזלן, אַ הפקר־יונג, אַן אָנפאַלער, אַן אַוואַנטורניק, אַ בראַדיאַגע; גלייכצייטיק האָט עס אויך געקאָנט באַדייטן: אַ פרייער מענטש, אַן אומאָפּהענגיקער, אַ נישט־געהאָרכזאַמער, אַ שומר, אַ קריגער, אַ פרייער זעלנער, אַ דרייסטער. די קאָזאַקן זיינען געווען אַ געמיש פון דעם אַלעם. אוקראַאינער יידן האָבן פון זיי זייער אַ סך געליטן: אי פון די פשוטע רויב־אָנפאַלן, אי בעת די אָפטע מרידהס קעגן פוילן, אי פון די ספּעציעלע אַנטי־יידישע רציחות.

שוין ביי די ערשטע קאָזאַקישע בונטן אין לעצטן צענטליק פון 16־טן יאָרהונדערט — די מרידות אונטער דער אָנפירונג פון קאָסינסקי און נאַליווייקאָ — האָבן יידן געליטן. אין בראַצלאַוו האָט מען צעראַבעוועט יידישע הייזער און קראָמען און יידן האָט מען געטויט אָן רחמנות. בעת די אָפטע קאָזאַקישע בונטן אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען אַ ריי יידישע ישובים צעשטערט געוואָרן ביזן גרונט און הונדערטער משפחות זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. בעת דעם קאָזאַקן־בונט אונטער דער אָנפירונג פון העטמאַן זשמאַילאָ, אין יאָר 1625, זיינען פיל יידן אויף אַ באַרבאַרישן אופן געממיתט געוואָרן. וועגן דעם

קולטורעלן מצב פון די דאָזיקע קאָזאַקן קען געבן אַ באַגריף דער פאַקט, וואָס זייער נייער העטמאַן דאָראָשענקאָ, וועמען זיי האָבן אויסגעקליבן אויף זשמאַילאָס אָרט נאָך דער צעשמעטערנדיקער מפלה וואָס זיי האָבן געליטן פון קאָניעצפּאָלסקיס חייל, האָט זיך אַפילו נישט געקענט אונטערשרייבן. וועגן דער קאָזאַקישער מאָראַל זאָגט אויך עדות דער מנהג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ צייט, צו דערטרינקען די לאָקאַלע העטמאַנס, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ נישט־איינגעגעבענעם איבערפאַל. מיפלעגט אים אַרומבינדן מיט זעקלעך שטיינער און זאַמד און אַריינוואַרפן אין טייך אָדער אין אַזערע. זייער זעלטן פלעגט טרעפן, אַז אַ לאָקאַלער קאָזאַקישער העטמאַן זאָל ענדיקן זיין לעבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

פון די קאָזאַקישע שחיטות דאַרף מען דערמאָנען „די נאַכט פון טאַראַסן". געווען איז דאָס אין יאָר 1628, אין פּערעיאַסלאַוו. הן דאָרט, הן אין די דערפער זיינען אַ גרויסע צאָל יידן אומגעבראַכט געוואָרן בעת דעם קאָזאַקישן בונט אונטער דער אָנפירונג פון טאַראַס טרי־אַסילאָ. די רוצחים האָבן אַרויסגעוויזן אומגעהויערע ווילדקייט און גרויזאַמקייט. אין 1631 האָבן די קאָזאַקן אויך דערהרגעט אַ גרעסערע צאָל יידן. פון קאָזאַקישן מאָרד־לוסט האָט שטאַרק געליטן די יידישע באַפעלקערונג אין באָהוסלאַוו, קיעווער ראַיאָן. ס'איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די יידן און מיעשטשאַנעס. די לעצטע האָבן צום מלך זיגמונד דעם 3־טן געשיקט אַן אָנקלאַגע, אין וועלכער זיי האָבן דערציילט, אַז יידן פאַרכאַפּן אַלץ און „אונטערדריקן" זיי. אין יאָר 1620 האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן די מיעשטשאַנעס אַ פּריווילעגיע, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז קיין שום ייד זאָל נישט האַלטן אין אַרענדע בראָווארן, בראַנפן־ברענערייען און שטאָטישע גרונטן. ער האָט אויך אַרויסגעשיקט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די באַדינגונגען, אין וועלכע יידן לעבן און צו באַשטימען וויפיל זיי דאַרפן צאָלן שטייערן. די באַגרענעצונגען האָבן די באָהוסלאַווער מיעשטשאַנעס נישט צופרידנגעשטעלט. זיי האָבן געדונגען קאָזאַקן צו לייזן די יידן־פראַגע. די קאָזאַקן, וועלכע האָבן אויסגעקוקט אַזעלכע געלעגנהייטן, האָבן זיך גענומען צו דער פאַרניכטונג־מלאָכה מיט גרויס ענערגיע. קיין איין יידיש הויז אָדער קראָם איז

נישט געבליבן גאַנץ, קיין שום ייד איז אַ לעבעדיקער נישט געבליבן אין שטאָט. זייער בלוטיקע רוצחישע מלאָכה, באַצאָלט דורך די קריסט־לעכע קאָנקורענטן פון די יידישע קרעמער און אַרענדאַרן, האָבן די קאָזאַקן צוגעגעבן אַ הייליקן שיין. פאַרשיכורנדיק נאָכדעם דעם באַקומענעם לוין אין די אוקראַינישע שענקען, האָבן זיי געשריגן, אַז זיי האָבן געשאָכטן די יידן, ווייל די לעצטע זאָלן האָבן פאַרגאָסן קריסטלעך בלוט. מיט אַן ענלעכן תירוץ האָבן זיי אויך באַרעכטיקט די שחיטה, וואָס זיי האָבן געמאַכט איבער די יידן אין שטעטל קאָרסון. פאַר די קאָזאַקן זיינען נישט געווען פרעמד אויך אַנדערע טריקן צו באַרעכטיקן זייער רויב און רציחה מיט „הייליקן צאָרן". באַרויבנדיק אַ רייכן יידן אין ביאַלאָ־צערקעוו, בעת זיי האָבן מאַרשירט קיין כאָטין צו שלאָגן זיך מיטן טער־קישן מיליטער, האָבן זיי זיך פאַרענטפערט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין יידס קעלער כלומרשט געפונען אַ בילד פון קריסטוסן, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס צו דער ערד.

דעם 20־טן דעצעמבער 1637 האָבן די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון קיזשימענקאָ אונטערגעצונדן לובני. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. די פּאָליאַקן און יידן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

נתן־נטע האַנאָווער גיט איבער אין „יון מצולה", אַז בעת דער מרידה פון די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון פּאַווליוקן (1637) זיינען פיל שולן חרוב געוואָרן און בערך 200 יידישע נפשות זיינען אומגעקומען.

נישט בלויז פון אָנפאַלן, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון די באַציאונגען מיט אָרטיקע איינוואוינער, האָבן יידן געליטן. זייער פיל אָנפאַלן זיינען אויך געווען פון אַן אויסערלעכן שונא — מצד די טאָטערן. אמת, די טאָטערישע אָנשיקעניש איז נישט געווען קיין ספּעציעל אַנטי־יידישע, אָבער די יידישע היזקות און קרבנות זיינען אויך פון דעם געווען גאָר גרויסע. פון קרים זיינען געקומען די טאָטערן כמעט יאָר נאָך יאָר אין גרויסע מחנות, וואָס האָבן געציילט צענטליקער טויזנטער. זיי האָבן אַרומגערינגלט די ישובים פון אַלע זייטן, צעראַבירט דאָס פאַרמעגן, אונטערגעצונדן הייזער און דערהרגעט ביי יעדן פּרואוו פון ווידער־שטאַנד. געזונטע מענער, פרויען און קינדער, ווי אויך בהמות און פערד האָבן זיי אַוועקגעפירט מיט זיך. פרויען זיינען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן

פאַר די אויגן פון זייערע מענער און קינדער. די געפאַנגענע האָט מען אַוועקגעפירט קיין קרים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע שטעט ביים שוואַרצן ים, וואו אַ טייל פון זיי האָט מען פאַרקויפט אויף די שקלאַפן־מערק און די אַנדערע זיינען געווען געצוואונגען צו טאָן שקלאַפן־אַרבעט אָדער דינען ווי קעפּס־ווייבער ביי די באַצווינגער.

וועגן פאַרנעם פון די טאַטערישע אָפּעראַציעס וועלן עדות זאָגן די פּאָר פאַקטן און ציפערן. אין יאָר 1575 זיינען פון אוקראַינע אַוועקגע־פירט געוואָרן אין יאַסיר — אין טאַטערישער געפאַנגענשאַפט — 55 טויזנט נפשות; אַלס רויב האָבן די טאַטערן אויך אַוועקגעפירט 150 טויזנט פערד, הונדערטער טויזנטער בהמות און שאָף, ווי אויך זעק מיט גאָלד, זילבער און טייערע חפצים. וואָס שייך מענטשן, האָט מען גע־מאַכט אַ שטרענגען אָפּקלייב — פון די געפאַנגענע האָט מען מיט־גענומען אין קרים בלויז די געזונטע און אַרבעטס־פעאיקע, די אַנדערע האָט מען געטויט. אין יאָר 1615 האָט דער כאַן דזשאַמאַ־גירי בראש פון אַ הונדערט טויזנט קעפּיקער האָרדע פאַרוויסט וואָלין און פּאָדאָליע. אין יאָר 1624 האָבן טאַטערישע אָפּטיילונגען זיך דורכגעריסן אַזש ביז דער ווייסל. דאָס פּוילישע מיליטער האָט די טאַטערן געגעבן אַ שלאַכט ביי מאַרטינאָוו (רייסן). אָפּטרעטנדיק שנעל אויף די פערד, האָבן די טאַטערן דערהרגעט די געפאַנגענע, וועלכע האָבן נישט געקענט מיט־לויפן. איבערגעלאָזט הפקר אויפן פעלד האָבן זיי בלויז די קליינע קינדער, אַ צאָל אויסגעקליבענע מענער און פרויען האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. אין יאָר 1640 האָבן די טאַטערן נאָכן פאַרוויסטן די געגנט צווישן קאָרסון און פּערעיאַסלאַוו אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט 30 טויזנט נפשות.

די סכנה פון די טאַטערישע אָנפאַלן איז געווען אַ שטענדיקע. ווען מיהאָט דערהערט, אַז די טאַטערן קומען, איז מען פון אַ סך שטעט און דערפער זיך צעלאָפן אין די וועלדער און זומפּן און אַלץ געלאָזט אויף הפקר. וואו ס׳זיינען געווען שלאָס־פעסטונגען, האָט מען זיך דאָרט באַהאַלטן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט פיל געליטן פון די כסדרדיקע טאַטע־רישע רויבערייען, פאַרוויסטונגען און רציחות. פון די שטעט מיט יידישע קיבוצים, וואָס האָבן שטאַרק געליטן פון די טאַטערן, וועלן מיר דאָ דער־

מאָנען: אין יאָר 1606 האָבן די טאָטערן באַרויבט זשיטאָמיר און אַוועקגעפירט פון דאָרט אַ סך מענטשן אין יאַסיר. ראָוונער יידן האָבן אַ סך געליטן פון טאָטערישע אָנפאַלן אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט. אין מערץ 1617 און אין מאַי 1619 האָבן די טאָטערן דעראָבערט די שטאָט ראָוונע און זי אונטערגעצונדן. ענלעך איז געווען אויך אין אַנדערע שטעט, וואו יידן האָבן געלעבט.

דער קאַמף מיט די טאָטערן איז געווען כמעט אַ פּערמאַנענטער. עס האָט געקעמפט די באַפעלקערונג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך געווער, ווי אויך דאָס מיליטער און די קאָזאַקן. אויך יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן מיט די טאָטערישע רויבער, מענטשן־כאַפּער און רוצחים. דאָס לאַנד איז געווען פול מיט שלעסער, וואַלן און אקאָפּעס, וואָס האָבן געדינט פאַר פאַרטיידיקונג־צוועקן. דאָס האָט אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן די טאָטערישע אָנפאַלן. הויכע בערג, וואָס זאָלן בילדן אַ נאַטירלעכע שוץ־וואַנט, זיינען נישט געווען. די לאַנגע גרענעצן פון לאַנד זיינען שטענדיק געשטאַנען אָפן פאַר אַ שונא. די אָרטיקע גאַרניזאָנען זיינען געווען צו שוואַך צו שטעלן אַ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד. און ביז מיהאָט צוזאַמענגענומען גרויסע מיליטערישע כוחות, האָבן די רויבער און פאַרוויסטער שוין געהאַט אָפּגעטאָן זייער מלאכה און מיטן רויב זיך אומגעקערט אַהיים. די טאָטערן האָבן געהאַט אַ מעלה — שנעלקייט. די פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַ חסרון — פאַמעלעכקייט. דערצו זיינען זיי נאָך געווען שלעכטע אָרגאַניזאַטאָרן. אָבער גוטע קעמפער זיינען די פּאָליאַקן יאָ געווען, דאָס זעלבע די קאָזאַקן, מיט וועלכע מיהאָט זיך באַנוצט קעגן די טאָטערישע אינוואַזיעס. אין זעלטענע פאַלן איז עס אָבער דערגאַנגען צו גרויסע שלאַכטן מיט די טאָטערן. ווען מ׳איז געווען פאַרטיק מיט דער אַרמיי, זיינען די אָנפאַלער שוין געווען אויפן וועג אַהיים. אין אייניקע פאַלן האָט מען זיי צעקלאַפּט. אין 1643 האָט יערעמי ווישניאָוויעצקי מיט זיין חייל צעקלאַפּט די טאָטערן צווישן כאָראָל און סולאַ. אין יאַנואַר 1644 איז ביי אָכמאַטאָוו, קיעווער ראַיאָן, פאָרגעקומען אַ שלאַכט מיט גרויסע טאָטערישע כוחות. בלויז אין טויטע זאָלן די טאָטערן, אונטער אָנפירונג פון טאָהיי־ביי, האָבן פאַרלוירן

4 טויזנט מאַן. עס זיינען געווען אויך שלאַכטן, אין וועלכע די טאַטערן האָבן געהאַט נאָך פיל גרעסערע פאַרלוסטן.

קיין שום קלעפּ זיינען אָבער נישט געווען בכוח אָפּצושטעלן די טאַטערישע אינוואַזיעס. אוקראַינע איז געווען אַ רייך און פעט לאַנד, מ'פלעגט עס רופן — אַ לאַנד פון מילך און האָניג. און דאָס האָט די טאַטערן שטאַרק געלאָקט. פּאָליטישע אָדער אַנעקסיאָניסטישע צילן האָבן די טאַטערן מיט זייערע מלחמות אין אוקראַינע זיך נישט געשטעלט. דער אייינציקער צוועק איז געווען רויב — פון פאַרמעגן און מענטשן. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער נאָרמאַלער נאַציאָנאַלער הכנסה. ס'האָבן פון דעם געלעבט, און רייך געוואָרן, די אָנטיילנעמער פון די אינוואַזיעס. דער הערשער, דער קרימער כאַן, האָט זיך אויך געהאַט זיינע אינטערעסן דערביי. קודם האָט ער גענומען אַ פינפט־חלק פון אַהיימגעבראַכטן רויב. אויסער דעם האָט ער די ענערגיע פון די אומצופרידענע עלעמענטן געלענקט אין אַן אַנדערער ריכטונג. ס'האָט אויך געהאַט אַן אינטערעס דער טערקישער סולטאַן, צו וועמען דער קרימער כאַנאַט איז געווען אַ וואַסאַל. טערקיי האָט געהאַט אַן אינטערעס, אַז די שכנישע גרויס־מאַכט פּוילן זאָל וואָס מער אָפּגעשוואַכט ווערן דורך אָט די אומאויפ־הערלעכע אינוואַזיעס.

צוליב די טאַטערישע אָנפאַלן, ווי אויך כדי זיך צו שיצן קעגן די אייגענע רוצחישע באַנדעס, האָבן די אָרטיקע איינוואוינער שטענדיק ביי זיך געהאַט געווער. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַפילו פאַרפליכטעט די ציווילע באַפעלקערונג צו זיין צוגעגרייט מיט געווער אין האַנט זיך צו שיצן קעגן די אָפטע אָנפאַלן. די יידן זיינען אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. אויך זיי האָבן געהאַלטן ביי זיך געווער און זיך געלערנט דערמיט צו באַנוצן. מ'האָט גענוצט שווערדן און שיס־געווער—ביקסן און האַרמאַטן. אין אַ ריי שטעט האָט מען ביים געבן אַ דער־לויבניש צו בויען אַ שול אויסגענומען, אַז זי זאָל זיין געבויט אַזוי, זי זאָל קאָנען אויסגענוצט ווערן צו פאַרטיידיקונגס־צוועקן בעת אַן איבער־פאַל פון שונא. אין אַזאַ פאַל האָבן די ווענט געדאַרפט זיין דיקע, גע־מויערטע. ס'האָט געדאַרפט זיין פּלאַץ פאַר אַ האַרמאַט, ווי אויך אַ טורעם

פאַר אַ באַאָבאַכטונג־פּונקט. קהל האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ גרופּע מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג קעגן שונא.

אַזוי האָבן יידן געמוזט שטענדיק זיין אויף דער וואַך אי קעגן די שונאים אין אייגענעם לאַנד, אי קעגן די שונאים פון דרויסן. אַ פאַר־זיכט־מיטל קעגן די מעגלעכע צרות און נגישות פון די שכנים איז געווען זעלבסט־קאָנטראָל און זעלבסט־באַגרענעצונג. זייער אָפט האָבן די קהילות דערמאָנט אַלעמען, און באַזונדערס די פרויען, נישט צו טראָגן קיין לוקסוס־מלבושים און גלענצנדיקע צירונג, וואָס רייסן די אויגן. מ׳האָט אויך פאַרלאַנגט צו זיין איינגעהאַלטענער ביים פּראַווען שמחות און סעודות, און אויך ביים געבן נדנס. דאָס האָט געהאַט נאָך אַ ציל: ס׳זיינען געווען נישט־אָפּגעהיטענע סוחרים, וואָס האָבן געמאַכט זייערע קינדער רייכע חתונות און בכלל געלעבט ברייט. פאַרמעגלעכע פרויען האָבן זיך פאַרשאַפט זיידענע קליידער און שאַלן, גאָלדענע פינגערלעך, אויערינג־לעך און בראָשן אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן און אַנדערע איידלשטיינער. דאָס האָט דערפירט צו באַנקראָטן. בעת דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט האָט דאָס נאָך מער פאַר־שאַרפט די מהומה אין מסחר. דיביידע דערמאָנטע מאָטיוון האָבן גורם געווען, אַז די קהילות זאָלן זיך כסדר אומקערן צו דער פראַגע.

כדי יידן זאָלן זיין פאַרזיכטיק און אויסמיידן סכסוכים מיט קריסטן, האָבן די קהילות אַרויסגעלאָזט אַ ריי וואָרנונגען און איינגעשטעלט פאַר־שידענע באַגרענעצונגען. מ׳האָט, למשל, פאַרבאָטן יידן צו מאַכן הלוואות ביי גוט־באַזיצער, מלוכה־באַאַמטע, גייסטלעכע און מאָנאַסטירן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבניש פון קהל. מ׳האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט דער ייד נישט קענען אָפּגעבן דעם חוב, וועלן דערפון אַרויסקומען צרות פאַרן כלל. די ישובים פון ליטווישן קהילות־פאַרבאַנד האָבן געהאַט אַ באַשלוס נישט צו דערלאָזן, אַז אַ ייד זאָל נעמען געלט, סחורה אָדער אַן אַרענדע ביי אַ נישט־ייד, אויב ס׳איז קלאָר, אַז דער ייד האָט נישט בדעה צו דערפילן זיינע פאַרפליכטונגען. אין אַזאַ פאַל זיינען די פאַר־שטייער פון דער קהילה געווען מחויב צו וואָרנען דעם פריץ אָדער סוחר, אַז זיי זאָלן דעם ייד נישט באָרגן. אויב אָבער דער קריסט האָט נישט גע־נומען אין אַכט די וואָרנונג און דאָך געטרויט אַזאַ ייד, זיינען די ראשי־

הקהל געווען מחויב ביים ייד צוצונעמען די סחורה אָדער אַרענדע „ביד חזקה ובזרוע נטויה", צו צעשטערן דעם גאַנצן עסק און אומקערן די זאַכן דעם פּריץ אָדער סוחר, כדי אַנדערע זאָלן דערפון נישט דאַרפן ליידן. אויב קהל האָט זיך דערוואוסט אחר המעשה און דאָס געלט איז שוין פאַרנוצט געוואָרן, האָט מען געדאַרפט ביי אַזאַ ייד צונעמען די חזקה אויף וואוין־רעכט און פאַרטרייבן פון שטאָט. אויב מ'איז פאַר אַזאַ עסק אַריינגעפאַלן אין תפיסה, האָט מען בשום אופן נישט געטאָרט געבן קיין איין פּרוטה אויף העלפן באַפרייען דעם אַרעסטירטן.

דער ליטווישער וועד האָט אויף זיין סעסיע אין בריסק, אין יאָר 1623, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די קהילות דאַרפן וואָרנען אַלע יידן זיך צו היטן חוזקן פון גויים אָדער פאַרפירן מיט זיי אַ געשלעג. אויב עמיצער וועט אָן אַ יסוד רייצן אָדער שלאָגן אַ גוי און וועט צוליב דעם געשטעלט ווערן אונטער אַ באַשולדיקונג, דאַרף מען אים נישט העלפן, אַפילו ווען ס'זאָל אים דראָען די גרעסטע שטראָף.

בכלל זיינען די זעלבסט־באַגרענעצונגען פון די יידן געווען האַר־בערע אין די מערב־פּראָווינצן פון פּוילן, וואו דער אַנטי־יידישער דרוק פון דער קירכע און שליאַכטע איז געווען שטאַרקער. דאָרט האָבן זיי אַרומגענומען אַפילו אַזעלכע ענינים, וואָס זיינען געווען מותר אויף די קרעסן, אויף די מזרחדיקע טיילן פון לאַנד. שוין אין יאָר 1581 האָט דער וועד ארבע ארצות, אויף זיין סעסיע אין לובלין, אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון די גרויסע און צאָלרייכע אַרענדעס און פאַרבאָטן צו אַרענ־דירן „טשאָפּאָווע" אין גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן און מאַזאָוויע. מ'האָט אויך פאַרבאָטן אין די זעלבע פּראָווינצן צו אַרענדירן די מינץ, זאַלץ־גרובן און צאָל. פאַר עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט האָט מען געדראָט מיט אַריינלייגן אין חרם. דער דאָזיקער, ווי ענלעכע פאַרבאָטן, זיינען געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די שליאַכטע אַליין האָט געהאַט חשק דערמיט זיך צו פאַרנעמען און די קהילות האָבן מורא געהאַט מיט איר איינצורייסן. אויף די קהילות פון די אוקראַאינישע פּראָווינצן האָבן געהאַט זעלבסט־באַגרענעצונגען פאַר געוויסע אַרענדעס, דאָס איז אָבער נישט געגאַנגען אַזוי וויט, ווי אין די מערבדיקע טיילן פון פּוילן. די שליאַכטע האָט אויף די קרעסן געהאַט נאָך גענוג אַנדערע מעגלעכקייטן

פון הכנסה; אויך די פּראָוואָסלאַוונע און אוניאַטישע צערקווען, וואָס האָבן דאָ דאָמינירט, זיינען נישט געווען אַזוי אַלמעכטיק ווי דער קאַטוילישער קלער. יידן האָבן דעריבער דאָ געהאַלטן אויך אַזעלכע אַרענדעס, וואָס זיינען געווען אונטער אַ חרם אַנדערשוואו. די קהילות האָבן דאָ מער אַכטונג געגעבן, אַז מיזאָל נישט מיסברויכן מיט די אַרענדעס — נישט נעמען העכערע אָפּצאָלן פון דער נאַרמע און נישט באַשטימען נייע באַלאַסטונגען. ווי ס׳איז צו זען פון די תקנות פון ליטווישן וועד־הקהילות, איז אונטער דער דראָאונג פון חרם געווען שטרענג פאַרבאָטן צו באַמיען זיך דורך אַ שררה וועגן דורכפירן דעם נייעם שטייער „פּאָבאָר״, איידער די רעגירונג האָט אים פאַראָרדנט. וואָס שייך נייע שטייערן און אָפּצאָלן, אָדער איינפירן העכערונגען פון דער נאַרמע, האָבן די קהילות געהאַט זייער שטרענגע באַשלוסן וועגן דעם. אויב אַ ייד האָט געהאַט אַ האַנט דערין, אַלץ איינס צי ער איז געווען דער אַרענדאַטאָר אָדער בלויז אַ שרייבער, האָט מען אים דערפאַר געדאַרפט אַריינלייגן אין חרם. דערביי האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַרענטפערן, אָדער פאַרשטעלן דערמיט, וואָס זיין שותף איז אַ נישט־ייד. אויב אַ ייד איז געוואָרן אַ שותף צו אַ נישט־ייד, איז ער געווען מחויב פריער מיט אים אָפּצוריידן און באַמיען זיך, אַז ס׳זאָלן נישט זיין קיין נייע באַלאַסטונגען און מיזאָל נישט נעמען מער ווי די פריער־באַשטימטע נאַרמע.

די ווירקונג פון דער קהילה־אָרגאַניזאַציע אין יידישן לעבן איז געווען זייער אַ גרויסע. יידן האָבן געהאַט פולע אויטאָנאָמיע אין זייער אינערלעכן לעבן און די קהילה, די אָרטיקע, אַזוי גוט ווי די פּראָווינציעלע און מלוכהשע פאַראייניקונגען, זיינען געווען די אָרגאַנען פון דער אויטאָנאָמיע. אויף אַלע זייטן פון יידישן לעבן האָבן די קהילות אַכטונג געגעבן: אויף דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, אויפן רעליגיעזן און מאָראַלישן מעמד, ווי אויך אויף דער פּאָליטישער אַקטיוויטעט, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אין שתדלנות אין קעניגלעכן הויף, ביי די סענאַטאָרן און מלוכה־באַאַמטע, ווי אויך ביי די פּאָסלעס פון די פּראָווינציעלע סיימיקעס און פון מלוכהשן סיים. אונטער דער דראָאונג פון קערפּערלעכער און פינאַנציעלער שטראָף, און אָפּילו חרם, האָט קהל פאַרבאָטן צו פאָרן קיין וואַרשע בעת די סיים־סעסיעס אָן אַ ספּעציעלער

שריפטלעכער דערלויבניש פון בית־דין. אַלע קהילות אויפן וועג זיינען געווען מחויב צו פאַרהאַלטן איינעם, וואָס היט נישט אָפּ דעם פאַרבאָט. דאָס האָט געהאַט אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. פון איין זייט האָט עס פאַרהיט פון הפקרות, פון דער אַנדערער זייט האָט עס געגעבן קהילה־תקיפים אַ מעגלעכקייט אַפּצוטויטן די שתדלנות־אַקטיווקייט פון אַלע אומצופרידענע. ווען יידן האָבן געהאַט גערייכטלעכע פּראָצעסן מיט קריסטן, אַלץ איינס צי זיי זיינען געווען די אַנקלאָגער אָדער די אָנגעקלאָגטע, זיינען זיי געווען מחויב, איידער זיי הויבן אָן דעם ענין, זיך פאַרשטענדיקן וועגן דעם מיט די פירער פון דער קהילה און פאָלגן, וואָס זיי הייסן. סוחרים זיינען געוואָרנט געוואָרן צו זיין ערלעך אין מסחר. בעלי־בתים זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן, אַז געוויסע רעליגיעזע באַגרענעצונגען, וואָס יידן ווענדן אָן לגבי זיך, זאָלן אויך זיין חל אויף די באַשעפטיקטע קריסטלעכע אַרבעטער. איז אַ גוט, וואָס איז געווען אין יידישן רשות, האָבן די קריסטלעכע פּויערים נישט געזאָלט אַקערן, זייען און שניידן שבת, אויב זיי זיינען געווען באַשעפטיקט נישט קיין פּולע וואָכן. אין פאַל, ווען זיי זיינען געווען באַשעפטיקט פולע וואָכן, האָט מען זיך וועגן דעם גענאַרפט פאַרשטענדיקן מיטן רב. אין פאַרמעגלעכע יידישע הייזער האָט מען באַשעפטיקט קריסטלעכע דינסטן. טראָץ דעם וואָס דאָס איז נישט איינמאָל אויסגענוצט געוואָרן צו צוועקן פון אַנטי־יידישער העצע, און דער קריסטלעכער קלער איז געווען קעגן דעם, האָבן די קהילות דאָך נישט געקענט פועלן ביי זיך אַרויסצוגעבן אַ פאַרבאָט. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט איינפירן טיילווייזע באַגרענעצונגען. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס יידישע בעלי־בתים האָבן נישט געוואָלט האַלטן קיין יידישע דינסטן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען, אַז דאָס גיין דינען וועט צעשטערן דאָס לעבן צווישן מאַן און ווייב. פאַקטיש האָט דאָ געמוזט ווירקן דער מאָטיוו פון בעסערן נוצן; די בעלי־בתים האָבן געהאַלטן, אַז אַ קריסטלעכע דינסט טויג בעסער צו דער שטוב־ווירטשאַפט. יידן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט עופות טמאים, נבלות און בכלל מיט טריפה פלייש. יידן זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן דאָס נישט צו געבן עסן אויך קריסטלעכע אַרבעטער, וועלכע זיינען ביי זיי באַשעפטיקט. ביי יידן אַליין זיינען

געווען חלוקי־דעות וועלכע אַרענדעס מען זאָל יאָ מעגן נעמען און וועלכע — נישט. דער וועד הקהילות פלעגט אין אַזאַ פאַל פּסקענען. ווי שוין דערמאָנט איז מען אויף די קרעסן געווען ווייניקער שטרענג ווי אין די ריין־פּוילישע געביטן, הגם אויך דאָ זיינען געווען פאַרבאָטן און זעלבסט־באַגרענעצונגען. אין זייערע באַשלוסן און תקנות האָבן די קהילות זיך באַמיט צו באַלאַנסירן צווישן דער זאָרג וועגן פּרנסה פאַר יידן און דער זאָרג נישט איינצורייסן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אַזוי איז דאָס יידישע לעבן אין אוקראַינע געגאַנגען דור נאָך דור. היגטער זיך אַ געשיכטע פון הונדערטער יאָרן — אַ געשיכטע פול מיט אויפטרייסלונגען און האַרטן קאַמף פאַרן רעכט צו לעבן און אָטעמען אויף דער ערד און געניסן פון איר פּרוכטבאַרקייט. מיט מי און שווייס, ענערגיע און פעאיקייט האָבן די יידן בייגעשטייערט זייער חלק צו דעם פאַנאַנדערבלי פון לאַנד, צו דער אַנטוויקלונג פון די שטעט, צו דער פאַרשפּרייטונג פון האַנדל און מלאָכה. נישט געקוקט אויף די כלערליי מניעות, אויף די אומאויפהערלעכע פאַרלוסטן מחמת די אָנפאַלן — היזקות אין ממון און דמים — זיינען די יידישע ישובים געוואַקסן אין כמות און איכות. ביז ס'איז אָנגעקומען דאָס פאַטאַלע יאָר 1648. אַ יאָר, וואָס האָט געעפנט אַ תהום, אין וועלכן ס'זיינען פאַרשלונגען געוואָרן הונדערטער טויזנטער לעבנס, און ס'זיינען איינגעזונקען געוואָרן די שאַפונגען פון לאַנגע דורות, אַ יאָר וואָס האָט געברענגט מיט זיך טאָטאַלן חורבן און טויט.

# קאַפּיטל XIII

קעגנזאַצן און קאָנפליקטן. — די ראָל פון די קאָזאַקן. — קעניגלעכע פּלענער וועגן אַ מלחמה מיט טערקיי. — די געהיימע נאַכט-באַראַטונג. — ווידער-שטאַנד פון דער מאַגנאַטעריע און שליאַכטע. — דער קעניג גיט זיך אונטער דעם סיום.

אין מיטן 17־טן יאָרהונדערט איז פּוילן געווען אַ מלוכה, צוזאַמענגעשטעלט פון פיל פעלקער, רעליגיעס און קלאַסן.

די גרעסטע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז געווען די אוקראַיִנישע. אַפילו ביי איר איז נישט געווען רייף די טענדענץ אָפּצורייסן זיך פון פּוילן, אַפשיטא שוין ביי די קלענערע, צעוואָרפענע איבער פאַרשידענע שטחים, מינדערהייטן, וואָס האָבן עס פיזיש און טעריטאָריאַל גאָר נישט געקאָנט דורכפירן. דער נאַציאָנאַלער דרוק, וואָס איז געווען, האָט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בלויז געשטופּט צו פּרואוון פאַרבעסערן זייער מעמד אין די ראַמען פון דער פּוילישער מלוכה.

פיל שאַרפערע פאָרמען האָבן אָנגענומען די רעליגיעזע קאַמפן. דער קאַטאָליציזם האָט געפירט אַן אָנגריף אויף עטלעכע פראָנטן: קעגן די פאַרשידענע רעפאָרמירטע קירכעס און סעקטעס, קעגן דער פּראַוואָסלאַוויע און קעגן דער יידישער אמונה. די אַטאַקירטע רעליגיעס האָבן פאַרביסן זיך פאַרטיידיקט. די צווייטע העלפט פון 16־טן און די ערשטע העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען אויסגעפילט מיט אָט די קאַמפן.

די קלאַסן־היפּוכים זיינען געווען זייער שאַרפע. דער תהום צווישן רייך און אָרים — אַ זייער טיפער. אַזוי אויך אין פּרט פון פּאָליטישע רעכט: אַ ריזיקער מהלך איז געווען צווישן אַלמעכטיקן מאַגנאַט און שליאַכטשיץ פון איין זייט און דעם רעכטלאָזן פּויער פון דער צווייטער זייט. אין באַוואוסטזיין פון פיל זיינען דאָס געווען צוויי „ראַסן“. מ׳פלעגט זאָגן: די יידן שטאַמען פון שם, די פּויערים — פון חם (כאַם) און די שליאַכטע — פון יפת.

סאָציאַל האָט די באַפעלקערונג זיך געטיילט אַזוי: די גרויסע מערהייט איז באַשטאַנען פון פויערים — אַ טייל פרייע, וואָס צאָלט בלויז צינז דעם פריץ, און אַ טייל — פאַרקנעכטעטע אין פאַנשטשיזנע. דער שטאָטישער מיטלשטאַנד האָט אויסגעמאַכט סך־הכל עטלעכע פראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג. העכער איז געשטאַנען די שליאַכטע. זי איז געווען גרויס אין צאָל, שטאַרק אין רייכטום און מאַכט. נאָך הע־כער — די מאַגנאַטן. און אויפן סאַמע שפּיץ פון דער פּיראַמידע — דער קעניג. פּאָליטיש איז געווען אַן ענלעכע פאַרטיילונג: דאָס גאַנצע פּויערטום איז געווען רעכטלאָז. דער מיטלשטאַנד איז געווען פאַר־אינטערעסירט און געהאַט אַ דעה בלויז אין לאָקאַלע ענינים: אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אין די בעל־מלאָכהשע צעכן און סוחרישע גילדיעס. אין אַלגעמיינע מלוכהשע ענינים איז זיין שטים נישט געהערט געוואָרן. די עטלעכע געציילטע דעפּוטאַטן, וואָס אַ פּאָר גרויסע שטעט האָבן געהאַט רעכט צו שיקן אין סיים, האָבן קיין ראָל נישט געשפּילט. די העכסטע מאָס פון פּאָליטישער מאַכט האָט פאַר־מאָגט די שליאַכטע. אויף דריי אופנים האָט זי געלאָזט פילן איר מאַכט: אויף דער אייגענער ערד, וואו די פּריצים זיינען געווען אַבסאָלוטע מאָנאַרכן; אין די פּראָווינציעלע סיימיקעס און אין די מלוכהשע סיימען. דאָרט האָבן זייערע פאַרטרעטער דעצידירט נישט בלויז אין אַלע וויכ־טיקע לאָקאַלע און מלוכהשע פראַגן, נאָר אויך אַרויסגעריסן דעם גרעסטן נוצן פאַר יעדן שליאַכטשיץ. די שליאַכטע, למשל, איז געווען פּטור פון צאָלן מלוכה־שטייערן און צאָל פון אימפּאָרטירטע און עקספּאָרטירטע סחורות בעת די אַנדערע שיכטן זיינען עס יאָ געווען מחויב צו צאָלן. די שליאַכטע, האָט עס געהייסן, דינט דעם לאַנד מיט געווער, די גייסט־לעכע — מיט תפילות, דער המון — מיט אַרבעט און שטייערן. די מאַג־נאַטן צוזאַמען מיט די שפּיצן פון דער קירכע (די ביסקופּן) און הויכע מלוכה־באַאַמטע (די וואָיעוואָדעס, קאַשטעלאַנען און מיניסטאָרן) האָבן געהאַט זייער פּאָליטיש געוועט אין סענאַט, וואָס זיי האָבן אויסגע־בילדעט. דער קעניג — אַ קאָנסטיטוציאָנעלער און געוויילטער מאָנאַרך — האָט געהאַט אַזויפיל רעכט און מאַכט וויפיל דער סיים און סענאַט האָבן אים געגעבן. דער קעניג האָט דעריבער כסדר געמוזט קעמפן פאַר

זיינע פּאָזיציעס ווי פּאַר זיין פּאָליטיק. אַרויפצווינגען זיין ווילן האָט ער קיין כּוח נישט געהאַט. ער האָט זיך דעריבער באַנוצט מיט פּאָליטישע מאַנעווורען, מיט אויסשפּילן די אינטערעסן פון איין קליקע קעגן אַ צווייטער, ווי אויך מיט אינטריגע, ליגן און פּוסטע צוזאָגן. דער מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו זיך באַנוצט מיט זעלבסט־אָפּנאַרעריי.

מחמת די נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען איז דאָס לאַנד תּמיד געווען פול מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע קאָנפליקטן. זיי צו באַזייטיקן וואָלט נויטיק געווען אַווירקלעך דעמאָקראַטישער רעזשים, וואו אַלע זאָלן האָבן די איבערצייגונג, אַז זייערע קריוודעס באַקומען אַ יושרדיקע באַהאַנדלונג אָדער אַ פעסטער אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרך, וועלכער ליקווידירט יעדן קאָנפליקט ביד חזקה. פּוילן האָט נישט פאַרמאָגט דאָס ערשטע און אויך נישט דאָס צווייטע. אַ ריי וויכטיקע פּראָבלעמען האָט מען אומאויפהערלעך אָפּגעשטופּט אויף מאָרגן צום קומענדיקן סיים. מיהאָט געפּשרהט, צונויפגעשטוקעוועט, גענאַרט און געטאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט. די נישט־געלייזטע ענינים האָבן זיך געזאַמלט און געזאַמלט, זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער, שאַרפער און גרייצטער — ביז סיהאָט געמוזט דערגיין צו אַן אויפרייס.

די מאַגנאַטעריע, די שליאַכטע און אויך די קירכע האָבן געהאַט זייערע אָרגאַנען פון קאַמף — דעם סענאַט און סיים. דעריבער זיינען זייערע קאַמפן געווען בעיקר אין נאָרמאַלע פּאָליטישע פאָרמען. אמת, די שליאַכטע האָט דעם קאַמף נישט זעלטן דערפירט ביז צום לעצטן עקסטרעם. האָבן דאָך איינצלנע דעפּוטאַטן, אַדאַנק דעם ליבערום וועטאָ — דורך זאָגן „איך דערלויב נישט" — במשך פון די 250 יאָר ביז דער צעטיילונג פון פּוילן אָפּגעריסן אַזש עטלעכע און זיבעציק סיימען. ס׳האָט אויך נישט זעלטן געטראָפן, אַז אַ שליאַכטשיץ אָדער אַ מאַגנאַט האָט מיט באַוואָפנטן כּוח זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם געזעץ. אָבער די דאָזיקע הערשנדיקע שיכטן זיינען אין זייערע אַרויסטרעטונגען נישט געגאַנגען קעגן דעם עקזיסטירנדיקן פּאָליטישן און סאָציאַלן סדר. ס׳האָט גיכער געהאַט צו טאָן מיט לאָקאַלע אָדער גאָר ריין־פּערזענלעכע אינטערעסן. די מיעשטשאַנעס זיינען געווען קליין אין צאָל און באַגרענעצט

אין זייערע פּאָליטישע אַמביציעס צו וועלן אַרויסגיין אויף דער מלוכה־שער אַרענע און פאָדערן פאַר זיך אַ דאָמינירנדיקע ראָל. דאָס פּויערטום, וואָס איז פּאַקטיש געווען דאָס פּאָלק און האָט ווירקלעך געליטן די גרעסטע עוולות, איז נאָך געווען קולטורעל אַזוי הינטערשטעליק, איז געווען אַזוי שטאַרק געפּענטעט דורכן פּריץ, אַז עס האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אָרגאַניזירטע קראַפט, וואָס זאָל אָט די מיליאָנען שפּייזער און בויער אַרויפפירן אויף דער היסטאָרישער אַרענע. די נישט־סטאַבילע פּיראַמידע פון דער פּוילישער מלוכה האָט גאָר באַקומען אַ שטאַרקן טרייסל פון אַן אַנדערער זייט — פון קאָזאַקנטום. אָט דער אומרואיקער עלעמענט האָט אויך פאַרמאָגט קראַפט און אָרגאַניזאַציע צו דערלאַנגען דער פּוילישער מלוכה איינע פון די שרעקלעכסטע קלעפּ און דערפירן דאָס גאַנצע לאַנד צום ראַנד פון אָפּגרונט. פאַרטראַכט ווי אַ שומר פון די גרענעצן און אַ שיצער קעגן פרעמדע רויבער, איז מיט דער צייט דאָס קאָזאַקנטום געוואָרן די שפּיז אין האָרץ פון פּוילן, אַ צעשטערער און מלאך־המות.

ווי אַ באַזונדערער סאָציאַלער שיכט, טרעטן די קאָזאַקן אַרויס אויף דער אַרענע סוף פון 15־טן יאָרהונדערט. גאָר אינגיכן פילט מען זיי שוין גאַנץ שטאַרק. זיי האָבן געלעבט אין די אוקראַאינישע סטעפּעס און זיך פאַרמירט אין באַנדעס. זיי זיינען באַפאַלן די סוחרישע קאַראַוואַנען, וואָס זיינען געגאַנגען פון קרים און אַנדערע מזרח־לענדער, ווי אויך אונ־טערגעצונדן איינצלנע ישובים און באַרויבט דאָס האָב־און־גוטס פון די איינוואוינער. דער קאָזאַקישער עלעמענט איז געווען אַן ערב־רב פון פאַרשידענע פעלקער און רעליגיעס. מיט דער צייט איז דאָס קאָזאַקנטום געוואָרן נאַציאָנאַל אוקראַאיניש און אויך אָנגעהויבן אויספירן וויכטיקע מלוכהשע פונקציעס, הגם דער סימן מובהק פון ערשטן „יחוס״ איז פון אים קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן.

אוקראַאינע איז טאַקע געווען פול מיט שלעסער, וואַלן און אָקאָפּעס. אין די שלעסער זיינען טאַקע געשטאַנען מיליטערישע גאַרניזאָנען און אויך די באַפעלקערונג איז געווען באַוואָפנט. דאָס אַלץ איז אָבער געווען ווייניק צו באַשיצן דאָס לאַנד פון די אומאויפהערלעכע טאַטערישע איב־וואַזיעס. האָט דער מלך סטעפאַן באַטאָרי פאַרווירקלעכט אַ פּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַ טאָפּלטן צוועק: אי שטענדיק האָבן גרייט אַ

גרויסע שלאַג־קראַפט ביי דער דרום־מזרח־גרענעץ, אי באַפרייען דאָס לאַנד פון די קאָזאַקישע אָנפאַלן אויף די וועגן. ער האָט צונויפגענומען די הפקרדיקע און באַנדיטישע עלעמענטן און פון זיי געשאַפן ספּעציעלע קאָזאַקישע פּולקן. דער אָנהויב איז געווען 6 פּולקן צו טויזנט מאַן. יעדער פּולק האָט געהאַט 10 סאָטניעס. דאָס מיליטער אַליין האָט אויסגעקליבן די סאָטניקעס און פּולקאָווניקעס. דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז געווען אַ העטמאַן, אַן אוקראַינער, וועלכן דער קעניג האָט באַשטימט. מיטאַמאָל זיינען די באַנדיטן אין פאַנעס פאַרוואַנדלט געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַ נייעם ריטער־אָרדן. אויסוואורפן און גזלנים — האָט מען זיי פלוצלונג אָנגעהויבן טיטולירן מיטן שליאַ־כעצקן — פאַן. די קאָזאַקישע פאַרטיידיקונג־ליניע איז געווען דער טייך דניעפּער. זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די טאָטערן און אויך אָנטייל גענומען אין די מלחמות, וואָס פּוילן האָט געפירט מיט טערקיי, רוסלאַנד און אַנדערע שכנישע מלוכות.

דערמיט וואָס די קאָזאַקן זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין אַ מיליטערישער דיסציפּלין האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט די צרות פון זיי. פאַרקערט, די צרות זיינען געוואָרן גרעסער און דראָענדיקער. די קאָזאַקישע פּולקן זיינען קיינמאָל נישט געווען ביכולת צו אבסאָרבירן דעם אומאויפהערלעכן שטראָם פון ייִנגע געזונטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געריסן צום קאָזאַקנטום. דער כסדרדיקער איינוואַנדערונג־שטראָם פון נאָענט און ווייט, דאָס זאַמלען זיך פון טונקעלע עלעמענטן, דאָס כסדרדיקע לויפן פון פאַרקנעכטעטע פּויערים — דאָס אַלץ האָט שטענדיק געהאַלטן גרייט אַ גרויסן מענטשן־רעזערוואואַר פאַרן קאָזאַקישן לעבן, וואָס האָט געלאָקט מיט אַ ריי פּריווילעגיעס און פרייקייטן. די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט אַלעמען אַריינגעמען אין די קאָזאַקישע פּולקן. האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי מינים קאָזאַקן: איינע זיינען געווען די רעגיסטרירטע אין פּולקן, די אַנדערע — נישט־רעגיסטרירטע. אַ טייל פון די קאָזאַקן האָבן געלעבט אין זאַפּאַראָזשע — אַ מין „קיינעמס לאַנד" ביים נידריקן לויף פון דניעפּער. די פּאַקטישע בעלי־בתים זיינען דאָרט געווען די נישט־רעגיסטרירטע קאָזאַקן. זיי האָבן נישט געפירט קיין פאַמיליע־לעבן און זיך נישט פאַר־

נומען מיט קיין ערד־אַרבעט. זייער באַשעפטיקונג איז געווען רויב, פיש־פאַנג און יאַגד. זיי זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט און געהאַט אַן אייגענעם העטמאַן. די „הויפּט־פּרנסה" זיינען געווען די רויב־אָנפאַלן לענגאויס די ברעגעס ביים שוואַרצן ים. אין אַ גרויסער צאָל שיפלעך האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ים, אָנגעפאַלן אויף שיפן און שטעט. פּוילן האָט אַ צייט געקוקט דורך די פינגער אויף אָט די אָנפאַלן. מיהאָט אין דעם געזען אַ נקמה פאַר די טאָטערישע אינוואַזיעס. מיט דער צייט איז דאָס געוואָרן אַ צו־געפערלעכע שפּיל. פון סוף 15־טן ביז מיטן 17־טן יאָרהונדערט האָבן די פּוילישע מאַגנאַטן און שליאַכטע זיך באַמיט צו צוימען די קאָזאַקן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די קאָזאַקישע אָנפאַלן קענען גורם זיין אַ מלחמה מיט טערקיי און דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט. אַחוץ דעם פלעגן די טאָטערן ענטפערן מיט נאָך שטאַרקערע אָנפאַלן. די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט צו האַלטן אַ באַשטימטע צאָל קאָזאַקן אין די פּולקן און די רעשט פאַרוואַנדלען אין פּויערים. די קאָזאַקן האָבן געענטפערט מיט אַ ריי בונטן. יעדער בונט איז גרויזאַם דערשטיקט געוואָרן. אין רוב פאַלן האָבן די ר ע ג י ס ט ר י ר ט ע קאָזאַקן אין די בונטן זיך נישט באַטייליקט. די צעבונטעוועטע האָבן אַפּעלירט צו די קאָזאַקישע פּולקן און צום אוקראַינישן פאָלק בכלל צו־צושטיין צו דער מרידה. די אויפפאָדערונגען האָבן קיין אָפּקלאַנג נישט געפונען. אַזעלכע בונטן האָבן זיך אָפּט אָנגעהויבן נאָכדעם ווי מיהאָט אָנגענומען ספּעציעלע שטרענגע מיטלען און נישט דערלאָזט די קאָזאַקן אַרויספאָרן אויפן שוואַרצן ים דורכצופירן זייערע רויב־אָפּעראַציעס. האָבן זיי אין אַזאַ פאַל זיך פאַרקירעוועט אין לאַנד אַריין. זיי האָבן אויסגעהרגעט עטלעכע שוואַכע גאַרניזאָנען און באַרויבט די אָרטיקע באַפעלקערונג. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט גרעסערע מיליטערישע כוחות, זיינען זיי צעקלאַפּט געוואָרן. די אוקראַינישע באַפעלקערונג האָט קיין אמונה נישט געהאַט אין דערפאָלג פון די בונטן און איז געבליבן קאַלט צו די הייסע אַפּעלן פון די מורדים. די קליינע גרופּעס פּויערים אָדער שטאָטישע, וואָס זיינען אין איינצלנע ערטער יאָ צוגעשטאַנען, האָבן שפּעטער שטאַרק געליטן פון די רעפּרעסיעס און האָבן זיך געקלאָפּט על חטא פאַר די באַגאַנגענע זינד און טיף געבויגן דעם

קאָפּ פאַרן מאַיעסטאַט פון פּוילישן טראָן. קאָזאַקישע פּולקן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דערשטיקן די בונטן.

בכלל זיינען די קאָזאַקן נישט געווען קיין איינהייטלעכע מאַסע אויף לויטן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל. צווישן זיי האָט מען אויך געטראָפן גרויסע ערד־באַזיצער, אַפילו אייגנטימער פון עטלעכע דערפער. גרעסער איז געווען די צאָל פון קלענערע ערד־אייגנטימער. צווישן די קאָזאַקישע ערד־באַזיצער און די פּויערים האָט געהערשט אַן אַנטאַגאָניזם. די רייכע קאָזאַקן האָבן געוואָלט שפּילן די ראָל פון שליאַכטשיצעס און פאַרוואַנדלען די פּויערים אין לייב־אייגענע. אין אַ ריי פאַלן האָבן זיי דאָס טאַקע דורכגעפירט. און נישט בלויז סתם פּויערים. ס׳איז אויך פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן די קאָזאַקישע ערד־באַזיצער און די קאָזאַקן, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ערד. די לעצטע האָבן זיך נישט געלאָזט אַראָפּדריקן צו דער מדרגה פון לייב־אייגענע. דער רוב פון די רייכערע האָט זיך געפונען צווישן די רעגיסטרירטע. די זאַפּאָראָזשער און נישט־רעגיסטרירטע האָבן אונטערגעשטיצט די אָרימערע. עס איז מחמת דעם געווען אַ קנאה־שנאה צווישן די קאָזאַקן גופא, און דאָס האָט זיך אויך אויסגעלאָזן אין אינערלעכע קריגערייען און טיילמאָל אין אינערלעכע שאַרפע קאַמפן. ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: ווען מ׳טרעפט צוויי קאָזאַקן — משפטן זיי אַ דריטן. די נישט־רעגיסטרירטע זיינען געווען דער מער אומצופרידענער עלעמענט פון קאָזאַקנטום און די הויפּט־טרעגער פון די אָפטע בונטן.

געווען אָבער פאַלן, ווען אויך די רעגיסטרירטע קאָזאַקן זייגען נישט געבליבן אין אַ זייט פון דער מרידה. אַזוי איז אויך געווען אין יאָר 1625. אין רעזולטאַט פון דער שווערער מפּלה, מיט וועלכער די מרידה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען די קאָזאַקן אַרויפגעצוואונגען אַ רעגולאַמין, וואָס האָט רעדוצירט די צאָל פון רעגיסטרירטע קאָזאַקן ביז 6 טויזנט מאַן. ס׳איז אויך שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצופאָרן אויפן שוואַרצן ים פאַר רויב־צוועקן. עטלעכע צוואַנציק טויזנט קאָזאַקן האָט מען געהייסן ווערן פּויערים און זיך נעמען צו ערד־אַרבעט. הגם פיל פון זיי האָבן פאַרמאָגט אָנגעראַבעוועטע רייכטימער, האָבן זיי דעם אורטייל אויפגענומען מיט גרויס פאַרביטערונג און פאַרגרעסערט די רייען פון די

אומצופרידענע, וועלכע לויערן אויף אַ געלעגנהייט ווידער אַרויסצוגיין אין בונט. די וואָג פון די רעגיסטרירטע און דיסציפּלינירטע קאָזאַקן ווערט קלענער און עס וואַקסט באַדייטנדיק אויס די וואָג פון די נישט־געהאָרכזאַמע, הפקרדיקע קאָזאַקן, וועלכע לעבן אין זייער „מלוכה״ — אין „סיטש״ — ביים דניעפּר אין זאַפּאָראָזשע. די רעגיסטרירטע קאָזאַקן, פאַרקלענערט אין צאָל, האָבן אויך פאַרלוירן זייער מיליטערישע אויטאָ־נאָמיע. די העכערע אָנפירונג איז שוין געווען אַ פּוילישע. נישט קע־נענדיק פריי אָנגיין מיט די ים־רויבערייען, זיינען די נישט־רעגיסטרירטע כסדר געוואָרן פאַראָרימט. אַ טייל האָט געבויגן דעם רוקן אין יאָך פון פריץ, אַנדערע האָבן זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן אין בלוטיקע און אויס־זיכטסלאָזע בונטן. די אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק פון פּוילן האָט אָבער געשאַפן אַזאַ סיטואַציע, וואָס האָט די קאָזאַקן געגעבן אַ גרויסן שאַנס.

אין הערבסט 1646 איז זיך צונויפגעקומען דער פּוילישער סיים, וואָס האָט געדאַרפט אַנטשיידן אַ וויכטיקע פראַגע פון דער אויסערן־פּאָליטיק: צי זאָל פּוילן אַרויס אין אַן אַגרעסיווער מלחמה קעגן טערקיי?

דער מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער האָט וועגן אַזאַ מלחמה לאַנג געטרוימט. זיין לעבנס־אַמביציע איז געווען צו טראָגן דריי קרוינען אויפן קאָפּ: די פּוילישע, די שוועדישע און די רוסישע. דערצו איז אים נויטיק געווען אָפּצושוואַכן די טערקישע פּאָזיציע אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. אַ זיג איבער די טרעגער פון איסלאַם האָט געזאָלט פאַר־שטאַרקן זיין פּרעסטיזש אין דער קריסטלעכער וועלט. מלך וולאַדיסלאַוו, פאַרטאָן אין זיינע טרוימערייען און אומפּעאיק צו באַזייטיקן ערנסטע שטערונגען אויפן וועג צו זיינע צילן, האָט געהאַט נאָך אַ חשבון אין זין. די מאַגנאַטן און שליאַכטע האָבן שטאַרק באַגרענעצט זיין מאַכט און הערשאַפט און אים געצוואונגען צו טאָן דאָס, וואָס זיי ווילן. איז זיין אויסרעכנונג געווען, אַז מיט אַ זיג איבער דער טערקישער אימפּעריע וועט ער אויך פאַרבעסערן זיין מערכה לגבי די פּאַנעס. און די צייט פאַר אַזאַ ריזיקאַלישער אונטערנעמונג איז גראָד געווען אַ גינסטיקע. מיטל־אייראָפּע איז געווען פאַרוויקלט אין אַ לאַנג־יאָריקן קריג. טערקיי אַליין איז געווען אין קריג מיט ווענעדיק. דער גלייכגעוויכט פון מיטל־אייראָפּע

ביזן מיטל־לענדישן ים איז געווען צעטרייסלט. פוילן האָט, לויט די פּלע־נער פון מלך װלאַדיסלאַוו, געזאָלט אַרײַנשפּרינגען אין קריג ווי אַ פּאַר־בינדעטער פון ווענעדיק. צוויי גוטע פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונגען האָט װלאַ־דיסלאַוו געהאָט: אַ רעליגיעזן תירוץ — שיצן דעם קרייץ קעגן דער האַלבער לבנה און באַפרייען דעם קבר פון קריסטוסן; אַ פּאַטריאָטישן — מאַכן אַ סוף צום שפּלדיקן מעמד, וואָס עס האָבן געשאַפן די צעשטע־רערישע אָנפאַלן פון די טערקישע וואַסאַלן — די טאָטערן, ווי אויך באַפרייען די סלאַווישע ברידער פון פרעמדן יאָך.

אין יאָר 1645 האָט דער קעניגלעכער הויף גענומען מאַכן פּראַקטישע צוגרייטונגען צו דער מלחמה מיט טערקיי. ולאַדיסלאַוו האָט געטרוימט וועגן שאַפן אַ גרויסע קריג־קאָאַליציע, וואָס זאָל אַרומנעמען פּוילן, רוסלאַנד, ווענעדיק, וואַלאַכיע און אַנדערע. אין זיין פּלאַן זייַנען אויך אַרײַנגעגאַנגען די סלאַווישע און קריסטלעכע פעלקער פון דער טערקישער אימפּעריע, וועלכע האָבן געזאָלט צושטיין צו דער גרויסער קאָאַליציע. דער קעניג האָט אָנגעהויבן מאַכן מיליטערישע הכנות. אין יאַנואַר 1646 איז אין װאַרשע פאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דער קעניג, העטמאַן סטאַניסלאַוו קאָניעצפּאָלסקי, קאַנצ־לער אָסאָלינסקי, דער אַמבאַסאַדאָר פון ווענעדיק — טיעפּאָלאָ און אַנדערע. ווענעדיק האָט זיך פאַרפליכטעט צו געבן פּוילן אַ געוויסע פינאַנציעלע הילף. דער וואַטיקאַן האָט געגעבן זיין ברכה צו דער געפער־לעכער אונטערנעמונג און אַפילו צוגעזאָגט געלט. אין קעניגס פּלענער זיינען אויך געווען די קאָזאַקן. ווי גוטע זעלנער, האָבן זיי געקענט שטאַרק צונוץ קומען אין דער געפּלאַנטער מלחמה. ער האָט דעריבער אַרויסגערופן צו זיך קיין וואַרשע אַ קאָזאַקישע דעלעגאַציע. אויף אַ גע־היימער נאַכט־באַראַטונג אין אָנוועזנהייט פון 7 סענאַטאָרן האָט ער דער 4־קעפּיקער דעלעגאַציע געהייסן צוגרייטן די קאָזאַקן צום קריג אויף דער יבשה און ים. ער האָט דער דעלעגאַציע געגעבן אַ ביסל געלט (6 טויזנט טאָלער) און אַ סך גוטע צוזאָגן וועגן פּריווילעגיעס און באַ־פרידיקן אַ ריי פון די קאָזאַקישע פאָרלאַנגען. די דעלעגאַציע האָט צוגע־זאָגט באַלד צו שיקן אין שלאַכט 50 טויזנט מאַן, און אויב נויטיק אַפילו 100 טויזנט. אויף דער באַראַטונג, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן בסוד

סודות, האָט דער קעניג באַשטימט צוויי מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע אַלס די הויפּט־פירער פון די קאָזאַקן: איוואַן באַראַבאַשענקאָ האָט באַקומען דעם ראַנג פון העטמאַן און באַגדאַן כמיעלניצקי — שרייבער פון די קאָזאַקן.

פון דעם אַלעם איז גאָר נישט געוואָרן, ווייל די אמתע מאַכט אין לאַנד — די מאַגנאַטן און שליאַכטע — האָט די מלחמה נישט געוואָלט. אין יולי 1646 האָבן די סענאַטאָרן זיך באַראַטן און אָפּגעוואָרפן דעם קעניגס פאָרשלאָג אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה קעגן טערקיי. וולאַדיסלאַוו דער 4־טער האָט געפּרוּווט ראַטעווען זיין אויסגעטרוימטן פּלאַן דורך קריגן אַ הסכם אויף אַ מלחמה „בלויז קעגן די טאַטערן". ער האָט גע־רעכנט, אַז טערקיי וועט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו אַ קריג קעגן אירע וואַסאַלן. די סענאַטאָרן האָבן דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן אַ „קליינער מלחמה".

ענדגילטיק האָט דער ענין געדאַרפט אַנטשידן ווערן דורכן סיים. דער קעניג האָט שוין געהאַט קאָנצענטרירט מיליטער און אַמוניציע אין לעמבערג און אַ הסכם פון סיים וואָלט געלאָזט די קריג־מאַשין אין גאַנג. די דעפּוטאַטן, פאַרשטייער פון דער שליאַכטע, האָבן נישט געוואָלט הערן דערפון. דער קריגערישער טעמפּעראַמענט איז ביי דער שליאַכטע שוין בכלל געווען שטאַרק אויסגעוועפּט. אַ שיכט פון רייכע גוט־באַזי־צער, האָבן זיי געקלערט וועגן אַרויסבאַקומען וואָס מער פון פּויער, וועגן גרעסערע הכנסות פון דער לאַנדווירטשאַפט און שליאַכטעצקע זכיותן, וועגן מער דעה אין לאָקאַלן און מלוכהשן לעבן איידער וועגן לאָרבער־קרענץ אויפן שלאַכט־פעלד. בפרט, אַז מיט דער צייט איז די קריג־קונסט פון דער שליאַכטע פאַרטונקלט געוואָרן אַדאַנק דער אַנט־וויקלונג פון דער קריג־טעכניק. דאָס אַריינפירן אין שלאַכט גרויסע מאַסן־אַרמייען און שיס־געווער, האָט געמוזט אַלץ מער און מער אָוועק־רוקן אין אַ זייט די פּערזענלעכע העלדישקייט און די קונסט פון שווערדן־געפעכט. די שליאַכטע האָט קיין חשק נישט געהאַט זיך אַריינ־צולאָזן אין דער געפּלאַנטער מלחמה־אַוואַנטורע. ווען דער סיים איז זיך צונויפגעקומען האָבן די דעפּוטאַטן געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן — ניין! מורא האָבנדיק, אַז דער קעניג זאָל נישט אַריינמאַנעווורירן דאָס

לאַנד אין דער מלחמה, האָט דער סיים דעם 3־טן דעצעמבער 1646 גע־שטעלט דעם קעניג 8 פאָדערונגען „אין נאָמען פון פאָלק". צווישן זיי זיינען געווען די פאָדערונגען: פאַנאַנדערלאָזן דאָס רעקרוטירטע מילי־טער; אָפּהיטן די אַלטע אָפּמאַכן מיט די אויסלענדישע מלוכות און אָן וויסן פון לאַנד נישט שליסן קיין נייע; פאַרקלענערן די קעניגלעכע גוואַרדיע; נישט דערלאָזן די קאָזאַקן אַרויספאָרן אויפן שוואַרצן ים צו רויב־צוועקן. מיהאָט דערביי דעם קעניג נישט געזשאַלעוועט קיין ביטערע רייד. צווישן אַנדערן האָט מען אים פאַרגעוואָרפן, אַז צוליב פרעמדע צוועקן וויל ער דאָס לאַנד אַריינשלעפן אין אַן אומגליק. מ'האָט פאַרלאַנגט צו באַזייטיקן פון קעניגלעכן הויף אַלע אויסלענדער, בפרט דעם אַמבאַסאַדאָר טיעפּאָלאָ, וועלכער וויל דורך איבערקויפן אָראָפּנעמען פון ווענעדיק די לאַסט פון קריג מיט טערקיי און זי אַריבערוואַרפן אויף פוילן. דער קעניג האָט זיך אונטערגעגעבן און אָנגענומען די פאָדערונגען פון סיים. די טרוימען פון מלך וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפּענבלאָז.

# קאַפּיטל XIV

„מתּנות״ פאַר די טאַטערן. — באַגדאַן כמיעלניצקי. — זיין לעבנס-וועג. — דער קאָנפליקט כמיעלניצקי—טשאַפּלינסקי. — דער טשיהירינער סאָטניק לויפט נאָך הילף צום קעניג. — כמיעלניצקי אַנטלויפט אין זאַפּאָראָזשע. — די מעשה מיט די צוויי סאַבּילענקים. — אַרויסגעגנבֿעטע קעניגלעכע בּריוו. — טאַטעריש-קאָזאַקישער בּונד.

צוליב דעם וואָס דער סיים האָט ליקווידירט די מלחמה־פּלענער פון קעניג, זיינען ווידער געבליבן אָפן, נישט געלייזט, צוויי אָנגע־ווייטיקטע ענינים: די טאַטערן און די קאָזאַקן. כדי פּטור צו ווערן פון דער טאַטערישער אָנשיקעניש, האָט פּוילן, און אויך אַנדערע מלוכות, פּריער געפּרואווט גיין אויפן וועג פון איבּערקויפן. מיהאָט אָפּגעמאַכט מיטן קרימער כאַן צו שיקן אים יערלעך „מתּנות״. די טאַטערן האָבן עס אויסגעטייטשט ווי אַ קאָנטריבוציע. גרייטנדיק זיך צום קריג, האָט די פּוילישע רעגירונג געהאַט אַן אינטערעס צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט די טאַטערן און דעריבער אָפּגעשטעלט דאָס שיקן די מתּנות. איבּעריקנס זיינען די „מתּנות״ סיי ווי נישט געווען קיין רפואה־שלימה צו דער טאַטערישער מכּה און אינגאַנצן פּטור פון אַנפאַלן איז מען נישט געווען. אַפילו די שליאַכטע, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרשאַרפן די באַציאונגען, האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער פּאָליטיק פון אויפהערן געבן די „מתּנות״.

גערייצט און אַנטוישט זיינען אויך געבליבן די קאָזאַקן. פון די צו־געזאָגטע פּריווילעגיעס און די האָפענונגען אויף אַ מלחמה האָט זיך גאָר־נישט אויסגעלאָזט. אַרויסגיין אויפן ים ראַבעווען האָט מען אויך נישט געלאָזט. און די גוט־באַזיצער אין אוקראַינע האָבן זיך געטאָן דאָס זייעריקע, פאַרטשעפּנדיק טאָג־טעגלעך איינצלנע קאָזאַקן, טוענדיק דעם אָדער יענעם פאַרשידענע פּערזענלעכע עוולות. די קאָזאַקן האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אַן אויפגייענדיקער שליאַכטע, וואָס קריגט נישט קיין

אָנערקענונג. זיי זיינען ווירקלעך געשטאַנען צווישן פויער און שליאַכ־טשיץ ווי אַ מין פּאַד־שליאַכטע, וואָס שטרעבט זיך אויסצוגלייכן מיט דער גאַנצער שליאַכטע און ווערט דערצו נישט דערלאָזט. זיינען זיי דעריבער תמיד געווען גרייט אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט אויפצוהויבן אַ מרידה. בפרט ווען עס האָט זיך געפונען דער געהעריקער אָרגאַניזאַ־טאָר און פירער. אַזאַ פירער — דער באַדייטנדיקסטער אין דער געשיכטע פון קאָזאַקנטום — האָט זיך געמאָלדן און אויפגעהויבן דעם קריגערישן שיכט צו דער גרעסטער מרידה. דאָס איז געווען באָגדאַן כמיעלניצקי.

געשטאַמט האָט ער פון אַ פאַרמעגלעכער, שליאַכצעקער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער איז געווען פּאַד־סטאַראָסטע פון טשיהירין, און פאַר זיינע מיליטערישע פאַרדינסטן ווי אַ קאָזאַקן־פירער האָט ער באַקומען דעם גוט סובאָטאָוו. באָגדאַן האָט באַקומען שול־בילדונג אין קיעוו, ביי די יעזואיטן אין יאַראָסלאַוו און לסוף אין וואַרשע. צוזאַמען מיטן פאָטער האָט ער אין יאָר 1620 זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט ביי צעצאָרא (וואַלאַכיע). דער אַלטער כמיעלניצקי איז דעמאָלט געפאַלן טויט און דער זון איז אַריינגעפאַלן צו די טאָטערן אין די הענט, און איז אַוועק אין טערקישער געפאַנגענשאַפט.

צוויי יאָר האָט ער פאַרברענגט אין געפאַנגענשאַפט ביז מ׳האָט אים אויסגעקויפט. נאָכן אַהיימקומען פון געפאַנגענשאַפט האָט ער גע־ירשנט דעם פאָטערס גוט און זיך אויסגעצייכנט ווי אַ גוטער בעל־הבית. אַלס קאָזאַקישער סאָטניק, איז ער געווען לאָיאַל צו דער פּוילישער מלוכה. צו די קאָזאַקישע בונטן האָט ער נישט געהאַט קיין שייכות. ס׳האָט זיך אים גוט געלעבט ווי אַ פּריץ און ער האָט עקספּלואַטירט אַ סך לייב־אייגענע פויערים. נאָך דעם דורכפאַל פון קאָזאַקן־בונט אונטער דער אָנפירונג פון פּאַווליוקן, ווען מ׳האָט געדאַרפט צושטעלן אַן אונטערטע־ניקייט־דעקלאַראַציע, האָט זי באָגדאַן אָנגעשריבן. די דעקלאַראַציע ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

אויפהויבנדיק די הענט, שווערן מיר אויף אייביק צו געדענקען וועגן דער שטראָף, וואָס מ׳האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט פאַר אונזערע פאַר־ברעכנס, כדי אויף להבא זאָלן מער נישט זיין אַזעלכע בונטן, ווי אויך וועגן דעם חסד, וואָס מ׳האָט אונז אַרויסגעוויזן. מיר גיבן דעם כתב

און אונזער בלוטיקע התחייבות, געחתמעט מיט דער מיליטערישער חתימה און אונטערגעשריבן דורך אונזער מיליטערישן שרייבער.

דאָס איז געווען באָגדאַן כמיעלניצקי.

דערצויגן דורך יעזויטן, אַליין פון פוילישער אָפּשטאַמונג און אַ שליאַכטשיץ דערצו, איז ער געווען אַ געטרייער דינער פון אַלטן מאַגנאַט, דעם העטמאַן קאָניעצפּאָלסקי און פון פוילישן מלך. ער איז געווען לאָיאַל צו דער פוילישער מלוכה. אין לעבן פון קאָזאַקישן סאָטניק איז אָבער פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים סוף־כל־סוף געשטויסן אויף אַנדערע וועגן. קיין טשיהירין איז אין יאָר 1639 אַראָפּגעקומען אַ נייער פּאָד־סטאַראָסטע דאַניעל טשאַפּלינסקי. ער האָט פאַרנומען דעם זעלבן אַמט וואָס באָגדאַנס פאָטער האָט אַמאָל געהאַלטן. דער קאָזאַקישער סאָטניק און דער נייער פּאָד־סטאַראָסטע זיינען געווען שוין נישט קיין יונגעלייט, טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער, און ביידע — אלמנס. אין טשיהירין האָט זיך געהאַט באַוויזן אַ יינגע שיינע פרוי — העלענאַ. ביידע עלטערע אלמנס האָבן זיך צו איר געשדכנט. די אויבערהאַנט האָט גענומען דער קאָזאַקישער סאָטניק. העלענאַ איז געווען אַ יתומה. ווען באָגדאַנס פרוי איז קראַנק געוואָרן, האָט ער העלענאַן אַריינגענומען צו זיך פירן די באַלע־באַטישקייט. זי איז פאַקטיש געוואָרן זיין צווייטע ווייב. ביידע קאָנקור־רענטן האָבן נישט גוט געלעבט צווישן זיך. זיי האָבן געהאַט חשבונות. טשאַפּלינסקי האָט געוואָלט פלאַטשיק מאַכן באָגדאַנען און צונעמען ביי אים דאָס גוט. דער חשק צו העלענאַן האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די דעראָבערונגס־געלוסטן פון פּאָד־סטאַראָסטע. ער האָט אָבער נישט געקענט אויסלאָדן זיינע נקמה־געפילן און דורכפירן זיינע פאַרכאַפּונג־פּלענער. זיין אויבערהאַר, דער טשיהירינער סטאַראָסטע, דער אַלטער העטמאַן סטאַניסלאַוו קאָניעצפּאָלסקי, האָט געהאַט אַ גוטע באַציאונג צו כמיעלניצקין און ער האָט נישט געלאָזט אים טאָן אַן עוולה. אין דעם פּרט איז שפּעטער פאָרגעקומען אַן ענדערונג. אין יאָר 1646 איז גע־שטאָרבן דער אַלטער מאַגנאַט און טשיהירינער סטאַראָסטע איז געוואָרן זיין זון אַלעקסאַנדער. פון אים האָט טשאַפּלינסקי באַקומען אַ פרייע האַנט. מיט אַ באַוואָפנטער אָפּטיילונג איז ער באַפאַלן כמיעלניצקיס גוט סובאָטאָוו.

כמיעלניצקי האָט אָנגעהויבן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר זיין ערע, געליבטע און פאַרמעגן. ער האָט אָנגעקלאָגט זיין קעגנער אין געריכט, אָבער ער האָט פאַרשפּילט. דאָס געריכט האָט בכלל קוועסטיאָנירט די רעכט פון כמיעלניצקין אויפן גוט סובאָטאָוו, האַלטנדיק, אַז דאָס גוט געהערט צו דער סטאַראָסטווע. דער ענערגישער קאָזאַקישער סאָטניק האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער איז זומער 1646 אַוועק צום קעניג אַליין מאָנען זיין רעכט. מלך וולאַדיסלאַוו דער 4־טער האָט געהאַט אַ גוטע באַציאונג צום באַוואוּסטן קאָזאַק און געהאַט אין זין אים אויס־צונוצן פאַר זיינע מלחמה־פּלענער מיט טערקיי. ער האָט דעריבער געהייסן אויסשטעלן אים אַ קעניגלעכן כתב אויפן גוט. אין דעם כתב זיינען דערמאָנט געוואָרן די מיליטערישע פאַרדינסטן פון קאָזאַקישן סאָטניק פאַרן קעניג און פּוילן. אָבער בעת כמיעלניצקי האָט זיך אין וואַרשע באַזאָרגט מיטן קעניגלעכן כתב, האָט טשאַפּלינסקי געמאַכט אַ צווייטן אָנפאַל אין סובאָטאָוו און ענדגילטיק פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע גוט. צוזאַמען מיט אַנדערע טראָפייען האָט דער טשיהירינער פּאָד־סטאַראָסטע אויך אַוועקגעפירט פון סובאָטאָוו באַגדאַנס געליבטע העלענאַ און מיט איר חתונה געהאַט כדת דער רוימיש־קאַטוילישער אמונה. אַהיימקומענדיק, האָט באַגדאַן דערזען זיין גאַנצע בראַך. פון קעניגלעכן כתב האָט טשאַפּלינסקי זיך אויסגעלאַכט. ער האָט געהאַט אַן אורטייל פון געריכט און די אייגענע מאַכט. באַגדאַן איז ווידער געלאָפן קיין וואַרשע זוכן הילף אין די הויכע פענצטער. ער האָט דערלאַנגט אַן אָנ־קלאַגע אין סיים, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין מאַי 1647. פאַר די דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן האָט ער אַרויסגעלייגט זיינע טענות וועגן גוט און וועגן העלענאַן, מיט וועמען ער האָט אונטערגעהאַלטן געהיימע אינ־טימע באַציאונגען נאָך ביים לעבן פון זיין קראַנקער פרוי. אויך אין סיים האָט דער קאָזאַקישער סאָטניק פאַרשפּילט. אחוץ דעם, וואָס טשאַפּלינסקי האָט געהאַט אַן אורטייל פון געריכט, האָט דער פּאָד־סטאַראָסטע זיך אויך באַמיט זיין קעגנער אַרונטעררייסן אין די אויגן פון די דעפּוטאַטן. דהיינו, ער האָט זיי געזאָגט, אַז טראָץ דעם פאַרבאָט, גרייט כמיעלניצקי צו אַן אָנפאַל אויף טערקיי. די דעפּוטאַטן האָבן אים טאַקע חושד געווען, אַז ער איז פאַרמישט אין די געהיימע מלחמה־פּלענער פון קעניג, וואָס

זיי האָבן באַקעמפט. פאַרן תוך פון דער זאַך, פאַרן ענין פון צונעמען דאָס גוט און ווייב, האָבן די דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן קיין האַרץ נישט געהאַט. זיינען דאָך אַזעלכע ענינים געווען מעשים בכל יום. אַ פאַרשפּילטער, באַליידיקטער און געקרענקטער איז באָגדאַן ווידער אַוועק צום קעניג און אים דערציילט וועגן זיין ביטער מזל. וולאַדיסלאַוו זאָל אים האָבן דערויף געענטפערט, אַז קעגן כוח מעג מען באַנוצן כוח און אים געעצהט מיט דער שווערד זיך צו פאַרגיטיקן די עוולה.

ווי פאַר יענע צייטן, איז כמיעלניצקי געווען אַ געבילדעטער מענטש. ער האָט געקענט 5 שפּראַכן, צווישן זיי טערקיש און טאָטעריש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בעת זיין געפאַנגענשאַפט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז אויך געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און געקאָנט איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט מענטשן. ער איז געווען אָנגעזען אין זיין געגנט און געהאַט אַ השפּעה אויף די מענטשן פון זיין סביבה. דערביי איז ער אויך נישט געווען פריי פון גרויסן חסרון פון זיין פאָלק — שיכרות. ער פלעגט זייער אַ סך טרינקען, באַזונדערס נאָכן טויט פון זיין פרוי (אַ שענק האָט ער געהאַט אַן אייגענע, אין זיין גוט). צייטנווייז האָט ער אויך געקענט אַריינפאַלן אין היסטעריע. דער קאָנפליקט מיט טשאַפּלינסקין, די כסדרדיקע באַליידיקונגען און מפּלות, דאָס פאַרלירן זיין פאַרמעגן און די געליבטע האָבן אים געררייצט און געקרענקט אָן אויפהער. פון דער צווייטער זייט האָט זיין קעגנער אים נישט געלאָזט צו רו און ווייטער שיקאַנירט. פול מיט נקמה־געפילן, האָט באָגדאַן זיך באַראָטן מיט קאָזאַקישע פירער וועגן אַ בונט. אַן אָנטיילנעמער פון דער באַראָטונג האָט אים געמסרט און דערפאַר האָט סוף אָקטאָבער 1647 דער סטאַראָסטע קאָניעצפּאָלסקי געהייסן אים אַרעסטירן. באָגדאַן האָט געלייקנט. מ׳האָט אים באַפרייט און געשטעלט אונטער דער השגחה פון קאָזאַקישן פּאָלקאָווניק קריטשעווסקי. יענער איז געווען כמיעלניצקיס אַ נאָענטער פריינד, און ער האָט אים דערלויבט צו אַנטלויפן אין קאָזאַקישן קיינעמס לאַנד — זאַפּאַראָזשע.

נתן נטע האַנאָווער דערציילט אין „יון מצולה״, וואָס איז אַן ספק דער בעסטער יידישער דאָקומענט וועגן גזירת ת״ח ות״ט, אַז צוויי יידן

האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין קאָנפליקט מיט כמיעלניצקין. דאָס זיינען זיינע ווערטער:

„און אין דער דאָזיקער שטאָט (טשיהירין) איז געווען דער גאַנ־צער בעל־דעה איינער אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן זכריה סאָבילענקי. ער איז געווען דער אַרענדאַר פון די הכנסות, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט צווישן יידן אין דער רייסישער מדינה, וואָס אומעטום זיינען זיי געווען די תקיפים, און דערפון האָט זיך גענומען די גזירה. און דער שר הנ״ל (אַלעקסאַנדער קאָניעצפּאָלסקי) האָט געפרעגט גלאָט אַזוי זיך ביי דעם יידן: „אָט דו ביסט דאָך דער תקיף אין שטאָט, זאָג־זשע מיר, ווער זיינען די עשירים פון שטאָט?״ און זיין מיין דערביי איז געווען דורך פאַרשידענע בלבולים אויפמאַנען ביי זיי געלט. און דער ייד זכריה הנ״ל האָט אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע זיינען ביי אונז די עשירים, און האָט אים אויך אָנגעוויזן אויף דעם צורר חמיל ימח שמו, אַז ער איז אַ גרויסער עושר, זייער רייך אין שאָף און רינדער ביז גאָר.״

ווייטער דערציילט האַנאָווער, ווי אַלס נקמה פאַרן צונעמען אַ העלפט פון פאַרמעגן, האָט כמיעלניצקי מודיע געווען די טאָטערן, אַז קאָניעצ־פּאָלסקי גרייט צו אַן אָנפאַל, און זיי האָבן דאָס פּוילישע חייל צעקלאַפּט. נאָך דער מעשה האָבן באַגדאַן כמיעלניצקי און זיינע פריינט געהוליעט און געשיכורט ביים דערמאָנטן ייד זכריה, און שיכורערהייט האָט כמיעל־ניצקי אויסגעפּלאַפּעלט, אַז ער האָט נקמה גענומען פון קאָניעצפּאָלסקין צוליבן צונעמען ביי אים די בהמות. זכריה האָט דערנאָך אַלץ איבער־דערציילט דעם מאַגנאַט. דער לעצטער האָט איינגעזעצט כמיעלניצקין אין תפיסה, געשמידט אין קייטן, כדי אים צו טויטן. אין דער זעלבער שטאָט איז געווען אַ צווייטער ייד, יעקב סאָבילענקי, באַגדאַנס אַ פריינט. אָט דער ייד האָט אים געעצהט, אַז זיינע פריינט זאָלן אים אַרויסנעמען אויף ערבות און דערנאָך זאָל ער זאָגן, אַז זכריה האָט אויף אים געמאַכט אַ בלבול. אַזוי איז עס טאַקע פאָרגעקומען. דער מאַגנאַט האָט אָבער ווייטער געפאָרשט און פעסטגעשטעלט, אַז די באַשולדיקונג איז אַ ריכ־טיקע. באַגדאַן איז אַ צווייט מאָל אַרעסטירט געוואָרן. קאָניעצפּאָלסקי האָט דעמאָלט באַפוילן אָפּצוהאַקן באַגדאַנען דעם קאָפּ. די פריינט איז

אָבער געלונגען ווידער אַרויסצונעמען אים אויף ערבות און דעמאָלט איז ער אַנטלאָפן אין זאַפּאָראָזשע.

די גאַנצע געשיכטע, ווי עס שטעלט זי פאָר האַנאָווער, מוז אַרויס־רופן די גרעסטע ספקות. קודם וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס ער ווייסט אַבסאָלוט נישט וועגן פיל־יאָריקן קאָנפליקט מיט טשאַפּלינסקין, וועגן צונעמען ביי אים דאָס גוט אד״גל. און אַוודאי האָט קאָניעצפּאָלסקי נישט געדאַרפט ביים ייד זכריה געוואָר ווערן וועגן כמיעלניצקיס פאַרמעגן. טשאַפּלינסקי איז געווען ממונה איבער די גיטער און הכנסות פון מאַגנאַט אין יענער געגנט און ביידע האָבן כמיעלניצקין געקענט שוין צו גוט. פונקט אַזוי איז אומגלויבלעך די מעשה מיטן צווייטן סאָבילענקי. אין קיין עצות ווי אַזוי צו אַנטלויפן האָט כמיעלניצקי זיך נישט גענויטיקט. פּולקאָווניק קריטשעווסקי, צו וועמען דער אַרעסטירטער איז איבערגעגעבן געוואָרן, איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון טשיהירינער סאָטניק (ער איז שפּעטער צוגעשטאַנען צו כמיעלניצקיס מרידה און איז געפאַלן אין קאַמף), אַזוי אויך די אַנדערע קאָזאַקישע פירער. אייגענע מענטשן זיינען דאָס געווען. פאַקטיש האָט די קאָזאַקישע אַנפירונג זיך איינגעשטעלט פאַרן סאָטניק און פאַרגעשלאָגן קאָניעצפּאָלסקין צו שטעלן דעם אַרעסטירטן אונטער דער השגחה פון פּולקאָווניק. אויך אַ ריי אַנ־דערע פריער־דערמאָנטע פאַקטן, וואָס האַנאָווער גיט איבער, שטימען נישט מיט דער היסטאָרישערווירקלעכקייט. דער גאַנצער קאָנפליקט מיט כמיעלניצקין ביז זיין מרידה איז גרינטלעך אויסגעפאָרשט אויפן סמך פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן און עס באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד. אַלנפאַלס, וועגן די צוויי יידן ווייסט קיינער נישט צו דערציילן. און אייניקע אוקראַאינישע פאָרשער צווייפלען טאַקע אין דער גאַנצער מעשה מיט די צוויי סאָבילענקיס. האַנאָווער, וועלכער האָט געלעבט אין זאַסלאַוו (וואָלין), איז געווען זייער ווייט פון טשיהירין (ביים דניעפּר). ער האָט די זאַך געקאָנט וויסן בלויז פון איינעם, וואָס האָט אים דער־ציילט און איז מסתמא געוואָרן אַריינגעפירט אין אַ טעות. וואָלט ווירק־לעך כמיעלניצקי געווען אַ קרבן פון אַ יידישער מסירה, וואָלטן עס די דעמאָלטיקע אוקראַאינישע כראָניקער, וועלכע האָבן געזוכט און פאַר־צייכנט פאַרשידענע באַשולדיקונגען קעגן יידן, די מעשה נישט פאַר־

שוויגן. אויב מ׳זאָל אַפּילו אָננעמען, אַז עפּעס איז אין דעם יאָ פּאַראַן, האָט עס העכסטנס געקענט זיין, אַז דיביידע סאָבילענקיס האָבן „אַריינ־געשטעקט די נאָז״ אין אַ פּרעמדן עסק, קיין אַקטיווע ראָל, ווי עס שיל־דערט האַנאָווער, האָבן זיי נישט געקענט שפּילן.

באָגדאַן כמיעלניצקי איז אַנטלאָפן דעם 7־טן דעצעמבער 1647 און איז אָנגעקומען אין זאַפּאַראָזשע מיט 4 טעג שפּעטער. ער איז אַהין געלאָפן מיטן ציל צו אָרגאַניזירן אַ קאָזאַקישע מרידה. פיל פאַר אים האָבן עס געטאָן, אָבער זיינען גאָר גיך דורכגעפאַלן. באָגדאַן איז צו דער זאַך צוגעגאַנגען מיט אַ ברייטערן פּאַרנעם און מיט מער פעאיקייטן.

כדי די קאָזאַקן זאָלן זיין מרוצה צו אַ בונט און זיי צוגעבן מער קוראַזש, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט די שטיצע פון סאַמע קעניג. ער האָט אַפּילו געקאָנט צושטעלן אַ באַווייז. ביים העטמאַן פון די רעגיסט־רירטע לאָיאַלע קאָזאַקן, ביי באַראַבאַשענקאָ, מיט וועמען ער איז געווען אין דער פריער־דערמאָנטער דעלעגאַציע ביים קעניג, האָט זיך געפונען אַ קעניגלעכער בריוו מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די קאָזאַקן וועלן ווידער האָבן זייערע אַלטע רעכט און פרייהייטן. עס זיינען אויך געווען גוטע צוזאָגן פאַרן גאַנצן אוקראַינישן פאָלק. אין אַ צווייטן קעניגלעכן דאָקו־מענט איז די קאָזאַקן געוואָרן דערלויבט צו בויען נייע שיפלעך אַרויס־צולאָזן זיך אויפן שוואַרצן ים און מאַכן אַלע צוגרייטונגען צום קאַמף מיט די טאָטערן. דאָס האָבן געזאָלט זיין מאָביליזאַציע־רופן, אין הסכם מיט די קעניגלעכע פּלענער וועגן אַ מלחמה מיט טערקיי. פון דעם איז, ווי באַוואוסט, גאָרנישט אַרויסגעקומען צוליבן ווידערשטאַנד פון דער שליאַכטע. כמיעלניצקי האָט געשיקט זיינע מענטשן צו באַראַבאַשענקאָס פרוי און זיי האָבן ביי איר אַרויסגענומען די בריוו. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר די קאָזאַקן ווי אַ שליח פון קעניג און מיט די בריוו לייכטער געקענט איבערצייגן, אַז מ׳גייט אויף אַ זיכערן וועג.

אין זאַפּאַראָזשע האָבן דעמאָלט געלעבט אַ פּאָר צענטליק טויזנט קאָזאַקן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און לענדער, אָבער די גרונט־מאַסע איז געווען אַן אוקראַינישע. עס האָט געהערשט צווישן זיי אַ שטרענגע דיסציפּלין. זיי האָבן נישט געטאָרט גנבענען און רויבן איינער ביים אַנדערן. אין דער פרייער צייט האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט יאַגד

און פיש־פאַנג. זיי זיינען געווען אין כסדרדיקער דערוואַרטונג פון זייער ליבסטער באַשעפטיקונג — רויב און קריג, ווען מ׳קען לאָזן פריי, נישט געצוימט די אינסטינקטן און באַגערן. זיי האָבן דערקלערט זייער גרייט־קייט צו גיין מיט כמיעלניצקין.

געווינען דעם הסכם פון די קאָזאַקן איז בלויז געווען איין טייל פון דער אויפגאַבע, וואָס דער אַנטלאָפענער טשיהירינער סאָטניק האָט זיך געשטעלט. פון לאַנגער דערפאַרונג האָט ער געוואוסט די שוואַכקייטן פון די קאָזאַקישע בונטן. אויב גיין אויפן זעלבן אויסגעטרעטענעם וועג פון זיינע פאָרגייער, וועט זיין דער זעלבער סוף. ער האָט דעריבער פאַר־טראַכט עטוואָס נייעס, וואָס האָט געזאָלט זיכערן און האָט טאַקע געזי־כערט דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג. ער איז אַוועק זוכן הילף צו די געשוואוירענע שונאים, צו די מיט וועמען דאָס קאָזאַקנטום האָט אומאויפהערלעך געקעמפט. כמיעלניצקי איז אַוועק קיין באַקטשיסאַראַי, צום קרימער כאַן איסלאַם גיריי. ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט: ביז איצט זיינען די קאָזאַקן געווען שונאים פון די טאָטערן בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַליין געפונען אונטערן פוילישן יאָך. איצט זיינען זיי גרייט אַראָפּצואוואַרפן פון זיך אָט דעם חרפּהדיקן יאָך. די קאָזאַקן ווילן אַן אייביקן בונד מיט די טאָטערן. זיי לייגן פאָר צו שליסן אַ פריינט־שאַפט און זיינען גרייט צו שלאָגן זיך פאַרן מוסלמענישן גלויבן. די פאָליאַקן ווילן דיר, הערלעכער כאַן, מער נישט צאָלן די מתנות, וואָס זיי זיינען שולדיק און ריידן אונז אָן אָנצופאַלן אויף דעם מאַכמעדאַנענטום.

און כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע רייד, האָט דער קאָזאַקישער פירער ווידער זיך באַנוצט מיט די קעניגלעכע בריוו, אין וועלכע דער פוילישער מלך האָט די קאָזאַקן געהייסן זיך צוגרייטן צו אַ מלחמה מיט די טאָטערן.

אין קרים איז די שטימונג פאַר אַ מלחמה מיט פוילן געווען זייער אַ גינסטיקע. אין יענער צייט איז אין די קרימער „אולוסן״ געווען אַ הונגער. פון אַ מאַרש אויף אוקראַינע האָט מען געהאָפט אַהיימצופירן אַ סך רויב. דער כאַן איסלאַם גיריי האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדערן חשבון: פון 1644 אָן האָט דער פוילישער מלך אים אָפּגעשטעלט דאָס שיקן „מתנות״, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ לאַ־ירחץ־געלט צו צוימען די טאָטע־

רישע אַנפּאַלן. איסלאַם גיריי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצוזאָגן פון בונד מיט כמיעלניצקי, מיט דער תירוץ פון דעם טיילווייזן אָפּצורע־כענען און באַשלאָסן אויסנוצן כמיעלניצקיס פאָרשלאַג. בפרט, אַז ער האָט פריער אַליין געטראַכט וועגן מאַכן אַן אַנפאַל אין זעלבן יאָר. אָנהויב מערץ 1648 איז דער טאָטעריש־קאָזאַקישער בונד געשלאָסן גע־וואָרן. צו באַזייטיקן יעדן פאַרדאַכט, אַז דאָס איז נישט קיין שווינדל, האָט כמיעלניצקי איבערגעלאָזט ביים כאַן, ווי אַ משכון, זיין זון טימאָשקאָ. דער כאַן האָט זיך נאָך באַוואָרנט פון אַ צווייטער זייט. אַזוי ווי פון טערקישן סולטאַן איז געווען אַ פאַרבאָט אַריינצומאַרשירן קיין פוילן, איז אַלץ צוגעגרייט געוואָרן אַזוי, אַז דעם אַנפאַל האָט כלומרשט אָרגאַניזירט אַן וויסן פון כאַן — טאָהיי־ביי, וועלכער פאָלגט נישט די באַפעלן פון זיין אויבערהאַר.

כמיעלניצקי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן פאַרזיכערן זיך די הילף פון די טאָטערן. ער האָט צוגעגרייט 2 טויזנט קאָזאַקן, וועלכע זאָלן גיין טיף אין לאַנד בונטעווען דאָס פאָלק. ווען ער וועט אָנהויבן דעם קריג, זאָל אין רוקן פון שונא זיך געפינען דאָס, וואָס מירופט היינט אַ „פינפטער קאָלום". געטאָן האָט ער נאָך אַ זאַך. ער האָט זיך אויך צוגעגרייט אַ פּאָזיציע אויפן פאַל, ווען זיין גאַנצע גוט־פאַרטראַכטע אונ־טערנעמונג וועט זיך ענדיקן מיט אַ קראַך. באַצייטנס האָט ער פאַר זיך צוגעגרייט אַן אַליבי. ווי עס וואָלט גאָר נישט געווען, האָט ער געשיקט אונטערטעניקע זשאַלאָבעס צום פוילישן קעניג, צום העטמאַן און צום קעניגלעכן קאָמיסאַר פאַר קאָזאַקישע ענינים. די בריוו, פול מיט תחנונים, זיינען געשריבן אין אַ קנעכטישן טאָן.

אַזוי האָט באַגדאַן כמיעלניצקי צוגעגרייט דעם קאָזאַקישן אויפ־שטאַנד, אַרויסווייזנדיק דערביי אָרגאַניזאַטאָרישן פאַרשטאַנד, דיפּלאָ־מאַטישע געשיקטקייט און יעזואיטישע כיטרעקייט. אין גאַנג פון אויפ־שטאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אויך די גאַנצע בעסטיאַלישע גרויזאַמקייט פון קאָזאַקנטום — אַ גרויזאַמקייט וואָס האָט דעם אויפשטאַנד פאַרוואַנדלט אין אַן אומגעהויערער טראַ־געדיע, אין אַ זינלאָזער מענטשן־שחיטה.

דריטער טייל

# ת"ח ות"ט

# קאַפּיטל XV

מלחמה. — די ערשטע קאַזאַקישע זיגן. — טויט פון פּוילישן מלך. — צוויי שיטות. — אוקראַינישער פאָלקס-אויפשטאַנד. — קאַזאַקישע אָנפירונג. — מעסיקע פאָדערונגען און גרויזאַמע טאַטן. — די עטאַפּן פון קריג. — די קאַזאַקן האָבן זיך אין זינען. — אוקראַינער באַשולדיקן דעם קאַזאַקישן העטמאַן אין פאַרראַט. — צעשמעטערנדיקע מפּלה ביי בערעסטעטשקאָ. — כמיעלניצקי באַפעלט זיין זון אויפצוהענגען העלענאַן. — קללות אויף כמיעלניצקיס קאָפּ. — אַ טערקישער וואַסאַל. — אין די אָרעמס פון מאָסקווער צאַר. — פּוילן באַפאַלן פון אַלע זייטן. — כמיעלניצקיס טויט.

פרילינג 1648 זיינען די זאַפּאָראָזשער קאַזאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון באָגדאַן כמיעלניצקי, און די קרימער טאַטערן, אונטער דער קאָמאַנדע פון טאַהיי־ביי, אַרויס אין מלחמה. ביי זשולטע וואָדי האָבן זיי פאַרפירט אַ שלאַכט מיט אַ קליינער פּוילישער אַרמיי־אָפּטיילונג און זי צעקלאַפּט. דער קאָמאַנדיר סטעפאַן פּאָטאָצקי איז אין בלוטיקע שלאַכטן אָפּגעטרעטן מיט קוים 300 מאַן. געווען איז דאָס דעם 16־טן מאַי. מיט 10 טעג שפּעטער האָבן די פאַראייניקטע קאַזאַקישע־טאַטערישע כוחות זיך שוין צונויפגעטראָפן מיט אַ גרעסערער פּוילישער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון העטמאַן מיקאָלאַי פּאָטאָצקי. אויך דאַסמאָל זיינען די פּאָליאַקן צעקלאַפּט געוואָרן. געווען איז דאָס ביי קאָרסון.

די צוויי מפּלות פון פּוילישן מיליטער זיינען באַלד באַוואוסט געוואָרן אין גאַנץ אוקראַינע און געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם. דער גלויבן אין דער פּוילישער מעכטיקייט און דער אומגלויבן אין די קאַזאַקישע כוחות זיינען פאַרשוואונדן. מיהאָט געזען באַשיינפּערלעך ווי פּוילן איז הילפלאָז פּנים אל פּנים די פאַראייניקטע גרויסע קאַזאַקיש־טאַטערישע אַרמייען. דער רוף צום אויפשטאַנד האָט דעריבער געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג. די פּויערים און מיעשטשאַנעס האָבן זיך געכאַפּט פאַרן געווער. דער אויפשטאַנד האָט אַרומגעכאַפּט אוקראַינע פון עק ביז עק.

ביני לביני איז פלוצלונג געשטאָרבן דער פוילישער מלך וולאַ־דיסלאַוו דער 4־טער. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם כאַאָס און פאַרלוירנקייט פון פוילן. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי שטרעמונגען. איינע, פאַרטרעטן דורך דעם פוילישן קאַנצלער אָסאָלינסקי, האָט גע־וואָלט שליסן שלום מיט די קאָזאַקן. די צווייטע, פאַרטרעטן דורך פירשט יערעמי ווישניאָוויעצקי, אַליין אַן אוקראַינער, האָט געוואָלט די אַנט־שיידונג ברענגען אויפן שלאַכטפעלד.

נאָכן טויט פון פוילישן קעניג איז זיך צונויפגעקומען דער סיים און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָסאָלינסקיס שלום־פּאָליטיק. דער סיים האָט באַשטימט דעם פאַרשטייער פון די פראַוואָסלאַוונע אוקראַינער, דעם בראַצלאַווער וואָיעוואָדע אַדאַם קיסיעל, צו פירן די שלום־אונטער־האַנדלונגען מיט באָגדאַן כמיעלניצקין. דערפון זיינען אָבער קיין פּאָזי־טיווע רעזולטאַטן נישט געקומען. די מלחמה איז ווייטער געגאַנגען. אין הערבסט 1648 האָט פוילן שוין געהאַט מאָביליזירט אַן אַרמיי פון אַ פערטל מיליאָן מאַן. דעם 23־טן סעפּטעמבער 1648 האָט ביי פּיליאַווצי געזאָלט פאָרקומען די הויפּט־שלאַכט. דאָס פּוילישע מיליטער איז אַנט־לאָפן אין פּאַניק און דאָס גאַנצע לאַנד איז געבליבן אָפן פאַר די פאַרויס־מאַרשירנדיקע מחנות קאָזאַקן און טאָטערן. זיי האָבן באַלאַגערט לעמ־בערג און זאַמאָשטש און דערגאַנגען ביזן סאַן, ביז די טויערן פון לובלין און אַנדערע ערטער, וואָס געפינען זיך נענטער צו דער ווייסל.

דערווייל איז זיך צונויפגעקומען דער סיים אויסצוקלייבן אַ נייעם מלך. עס זיינען געווען צוויי קאַנדידאַטן —ביידע ברידער פון וולאַדיס־לאַוו דעם 4־טן: יאַן קאַזשימיעזש און קאַרל פערדינאַנד. דער ערשטער איז געווען דער קאַנדידאַט פון דער שלום־גרופּירונג מיט קאַנצלער אָסאָ־לינסקי בראש. דעם צווייטן האָבן געשטיצט די קריג־אַנהענגער. אין אינטערעס פון די קאָזאַקן איז, נאַטירלעך, געווען, אַז יאַן קאַזשימיעזש זאָל פאַרנעמען דעם טראָן, און באָגדאַן כמיעלניצקי האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר אים. נאָך דעם ווי ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן דער נייער מלך, זיינען די קאָזאַקיש־טאָטערישע חיילות אָפּגעטרעטן צוריק קיין אוקראַינע. דערביי האָט באָגדאַן כמיעלניצקי צוגעזאָגט דעם נייעם מלך לאָיאַליטעט. דאָס אָפּטרעטן האָט דער קאָזאַקישער פירער מאָטיווירט

דערמיט וואָס זיין קאַנדידאַט איז געוויילט געוואָרן. פּאַקטיש איז די סיבה געווען אַן אַנדערע: ער האָט נישט געקאָנט איינגעמען די באַלאַ־גערטע פעסטונג זאַמאָשטש און ער האָט מורא געהאַט פאַרן אַנקומענדיקן ווינטער.

דאָס צוריקציען זיך פון די קאָזאַקיש־טאַטערישע חיילות האָט בלויז באַדייט אַ קורצע אָטעם־פויזע אין די קריג־אָפּעראַציעס. די מלחמה איז ווייטער אַנגעגאַנגען אַ ריי יאָרן. דאָס גליק האָט צוגעשפּילט אַמאָל דעם צד, אַמאָל דעם אַנדערן צד. אוקראַינע איז געוואָרן פאַרגאָסן מיט טייכן בלוט. דאָס לאַנד איז געוואָרן חרוב ומוחרב. אין גאַנג פון די געשעענישן איז פּוילן שפּעטער באַפאַלן געוואָרן אויך דורך די שכנישע מלוכות און איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג.

במשך פון דער דאָזיקער צייט זיינען די יידישע ישובים אָפּגעמעקט געוואָרן פון אויבערפלאַך פון דער ערד. די יידן אין אוקראַינע און שכנישע מקומות זיינען טאָטאַל אויסגעמאָרדעט געוואָרן, בעיקר אין די יאָרן 1648 און 1649, אָדער ת״ח ות״ט.

דער קאָזאַקישער בונט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פאָלקס־אויפשטאַנד, אָבער די מיליטערישע שטויס־קראַפט זיינען געווען די קאָזאַקן און אין זייערע הענט איז געלעגן די פּאָליטישע אָנפירונג. די קאָזאַקן האָבן אָפּגעהאַלטן גרויסע מיליטערישע נצחונות, פאַרענדיקן די מלחמה האָבן זיי אָבער נישט געקענט: ס׳איז זיי נישט געלונגען ענדגילטיק צו פאַרניכטן די ווידערשטאַנד־קראַפט פון פּוילן, וואָס האָט כסדר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו מאָביליזירן נייע כוחות, און זייערע פירער האָבן נישט געהאַט קיין ווייטגייענדיקע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע צילן. שוין נאָך די ערשטע גרויסע זיגן, אין יולי 1648, האָבן די קאָזאַקן געשיקט שלוחים קיין וואַרשע צו דערלאַנגען זייער זשאַלאָבע דעם פּוילישן סיים. דאָס איז נישט קיין דאָקומענט פון בונ־טאַרן און זיגער, אָדער פון קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. דאָס איז אַ צעטל פון עוולות, וואָס מ׳איז באַגאַנגען לגבי די קאָזאַקן. דער טאָן איז אַ קנעכטישער. וועגן די פּאַנעס רעדט זיך מיט הכנעהדיקן דרך־ארץ. ענלעך איז אויך געווען שפּעטער. אין בריוו צום קעניג האָט באָגדאַן כמיעלניצקי זיך באַמיט אַרויסצואווייזן זיין

לאָיאַליטעט און הכנעהדיקייט. אַזוי אויך אין בריוו וואָס כמיעלניצקי און אַנדערע קאָזאַקישע פירער האָבן געשריבן צו פּוילישע מאַגנאַטן. זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז שולדיק אין זייער בונט איז די שליאַכטע אין אוקראַינע, וואָס האָט זיי, די קאָזאַקן, געטאָן עוולות און זיי באַהאַנדלט ווי פּויערים. פול מיט הכנעה איז אויך אַ בריוו פון גרויזאַמסטן און בלוטיקסטן פון די קאָזאַקישע אַטאַמאַנען — פון קריוואָנאָסן — צום פּירשט דאָמיניק זאַסלאַווסקי. די שולד פאַרן בונט און פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט וואַרפט ער אַרויף אויף ווישניאָוויעצקין און אויף די יידן. די קאָזאַקן האָבן לכתחילה נישט געהאַט בדעה צו ענדערן דעם סאָציאַלן סדר אָדער אָפּרייסן זיך פון פּוילן און שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אוקראַאיניש מלוכה. דאָס וואָס זיי האָבן יאָ געוואָלט, איז געווען — צו דערהויבן זיך אַליין סאָציאַל ווי אַ באַזונדערער שיכט, ווערן שליאַכטע מיט שליאַכטע צוגלייך און דערגרייכן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, די עקספּלואַטאַציע פון די פּויערים בתוכם.

געפּאָרט מיט דער פּראַגראַמאַטישער מעסיקייט פון דער קאָזאַקישער אַנפירונג איז אָבער געגאַנגען אַ גרויזאַמע פאַרניכטונג פון מענטשן און פאַרמעגן. א פּוריע, וואָס איז געווען אין אַן אומגעהויערער דיספּראָפּאָרץ צו די געשטעלטע צילן און איז גיכער געווען אַ רעזולטאַט פון נידריקן קולטורעלן און מאָראַלישן מצב אין דער דעמאָלטיקער אוקראַאינע. ערשט מיטן גאַנג פון די געשעענישן האָבן זיך געביטן די אוקראַינישע פאָדערונגען און צילן. בייביידע צדדים האָט זיך אין לויף פון דער צייט געמערקט אומקלאָרקייט אין די פאַרלאַנגען, אומדעצידירטקייט אין די האַנדלונגען (אַחוץ אין גרויזאַמקייטן) און אומאויפריכטיקייט אין די פּייערלעכע צוזאָגן און אָפיציעלע אָפּמאַכן. און דאָס האָט גורם געווען, אַז דער קאָנפליקט זאָל זיך פאַרציען אויף יאָרן.

אָט זיינען אייניקע עטאַפּן פון דער פאַרצויגענער מלחמה:

נאָכן צוריקציען זיך פון זאַמאָשטש האָט כמיעלניצקי ווידער גענומען מאָביליזירן זיינע כוחות. אַזוי אויך דער פּוילישער צד. אין אויגוסט 1649 איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט ביי זבאָראָוו. די קאָזאַקיש־טאָטערישע אַרמייען האָבן גענומען די אויבערהאַנט איבערן פּוילישן חייל. דעם קאַנצלער אָסאָלינסקי האָט זיך אָבער איינגעגעבן

איבערצוקויפן דעם טאַטערישן כאַן איסלאַם גיריי און דער כאַן האָט מחמת דעם געצוואונגען זיין שותף כמיעלניצקי איינצוגיין אויף אַ שלום מיט פוילן. אין גאַנג פון קריג, זומער 1649, האָט כמיעלניצקי ווידער געשריבן אַ בריוו צום פוילישן קעניג פול מיט תחנונים. ער האָט זיך געקלאַפּט על חטא און דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין מורד־במלכות, ער איז געווען געצוואונגען אַנצוקומען צום קרימער כאַן, ווייל מיהאָט אים, דאָס פיס־בענקעלע פון פוילישן טראָן, פאַרטריבן פון זיין היים און געטאָן אַנדערע קריוודעס. דעם 20־טן אויגוסט 1649, נאָכן שליסן דעם שלום־אָפּמאַך, איז דער זיגער, דער קאָזאַקישער פירער באָגדאַן כמיעל־ניצקי, געקומען צום פוילישן קעניג יאַן קאַזשימיעזש, זיך געוואָרפן אים צו די פיס און געבעטן חסד.

פון שלום־אָפּמאַך איז קיינער נישט געווען צופרידן, אַחוץ די טאַ־טערן. זייער איינציקער צוועק פון דער מלחמה איז געווען רויב, און דאָס האָבן זיי געהאַט לרוב. אויך די טאַטערן זיינען געווען גרויזאַם. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַ ריי מאַסן־שחיטות. אויב די קאָזאַקן האָבן נאָך געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן ייד און קריסט, צווישן אַ פּאָליאַק און אַן אוקראַינער, איז דאָס פאַר די טאַטערן נישט געווען קיין שום נפקא־מינה. די טאַטערישע האָרדעס האָבן אויסגעשאָכטן אויך מאַסן אוקראַינער. בעת דער קאַמפּאַניע פון 1649 זיינען אַנגעלאָפּענע פּויערים מיט פרויען און קינדער אין אַ צאָל פון 4 טויזנט נפשות געווען געצוואונגען צוליבן הונגער אַרויסצוגיין פון דער באַלאַגערטער שטאָט זבאַראַזש. די קאָזאַקן האָבן די פּויערים איבערגעגעבן אין די הענט פון די טאַטערן, וועלכע האָבן די געפאַנגענע אויסגעשאָכטן ביז איינעם. די טאַטערישע האָרדעס האָבן דורכגעפירט מאַסן־שחיטות אין אַ צאָל שטעט און דערפער טיפער אין אוקראַינע. אויפן וועג אַהיים קיין קרים, נאָכן שליסן דעם זבאַ־ראַווער שלום־אָפּמאַך, האָבן די טאַטערן מיטגענומען פון פּאָדאָליע, וואָלין און אַנדערע טיילן פון אוקראַינע אַ סך געפאַנגענע פון דער ציווי־לער באַפעלקערונג, בעיקר פרויען, מיידלעך און קינדער. פיל מענער זיינען דעמאָלט אויסגעהרגעט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אוקראַינישע פרויען פאַרקויפט אויף די מערק פון באַקטשיסאַראַי, קאָנסטאַנטינאָפּאָל

און אַנדערע טערקישע שטעט. די טאַטערן האָבן אַוועקגעפירט אויך אַ גרויסע מאַטעריעלן רויב.

באַגדאַן כמיעלניצקי האָט נישט געהאַט קיין חשק צום שלום־אָפּמאַך, אָבער דער כאַן איסלאַם גירײ האָט אים נישט איבערגעלאָזט קיין אַנדערע ברירה ווי אָננעמען די שלום־באַדינגונגען אָדער ריזיקירן אַליין זיך שלאָגן, וואָס וואָלט פאַר די קאָזאַקן זיך געקאָנט ענדיקן קאַטאַסטראָפאַל. נאָכדעם ווי כמיעלניצקי האָט אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך האָט ער אַ סך געשיכורט און געוויינט. דער אינהאַלט פון אָפּמאַך האָט נישט געקענט צופרידנשטעלן די קאָזאַקן, אַפּשיטא אַנדערע אוקראַאינישע שיכטן. קיין שום עיקרדיקע ענדערונגען האָט דער אָפּמאַך נישט געבראַנגט, אַחוץ וואָס די צאָל רעגיסטרירטע קאָזאַקן איז דער־לויבט געוואָרן צו העכערן ביז 40 טויזנט. דערבײ האָט מען פאַרבאָטן יידן און יעזואיטן צו וואוינען אויף דער קאָזאַקישער טעריטאָריע. די קאָזאַקן האָבן באַקומען די פּריווילעגיע צו מאַכן בראָנפן פאַרן אייגענעם געברויך, און ס׳איז באַשטימט געוואָרן, אַז די אַמטן אין קיעווער, בראַצ־לאַווער און טשערניגאָווער וואָיעוואָדשאַפטן וועלן באַזעצט ווערן דורך פּראַוואָסלאַווער שליאַכטע. דער ראש פון דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע האָט באַקומען צוגעזאָגט אַן אָרט אין סענאַט. אַזעלכע און ענלעכע מאַ־גערע דערגרייכונגען זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַ בלוטיקער מלחמה, פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד. בלויז די פאַרלוסטן פון די אוקראַאיני־שע חיילות זיינען ביז דעמאָלט שוין געווען 100 טויזנט טויטע און פיל מער צעקאַליעטשעטע. די טאַטערן האָבן אַחוץ דעם אַוועקגעפירט אַהיים, קיין קרים, אַ פאַר הונדערט טויזנט יינגע מענטשן און קינדער. דאָס לאַנד איז שוין געווען היפּש צעשטערט. דער מאָגערער אינהאַלט פון שלום־אָפּמאַך און די אויפפירונג פון די פאַרבינדעטע טאַטערן זיינען געווען געגנוג אַרויסצורופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן די אוקראַאיני־שע פאָלקס־מאַסן. ס׳איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה. מיטן אָפּמאַך האָבן די קאָזאַקן דערליידיקט בלויז די ענגע אינטערעסן פון זייער קאַסטע. די וויכטיקסטע פראַגע — אָפּשאַפן די פאַנשטשיזנע — איז געבליבן נישט פאַרענטפערט. ס׳איז געבליבן ביים אַלטן. ווי ווייט די קאָזאַקן האָבן בעיקר געהאַט זיך אַליין אין זינען, קען מען אויך זען דערפון,

וואָס זייער הויפּט־פירער האָט מיטן שלום־אָפּמאַך געוואָלט דערליידיקן זיינע פּערזענלעכע חשבונות און באַפרידיקן זיינע נקמה־געפילן. באַגדאַן כמיעלניצקי האָט בעת די שלום־אונטערהאַנדלונגען עקשנותדיק געפאָדערט, שריפטלעך און מינדלעך, אַז מ׳זאָל אים אַרויסגעבן זיין געפערלעכן קאָנקורענט, זיין דם־שונא טשאַפּלינסקי. די פּאָליאַקן האָבן די פאָדערונג קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן און פאַרלאַנגט פון כמיעלניצקין זיך אָפּצוזאָגן פון העלענאַן, מיט וועלכער ער האָט דערווייל אָפיציעל חתונה געהאַט בעת זי איז געווען אַ געזעצלעך ווייב פון טשאַפּלינסקין. די קאָטוילישע גלחים האָבן אים געמוסרט און פאַרגעוואָרפן, אַז ער באַגייט אַ גרויסע זינד קעגן גאָט, ווייל ער לעבט מיט אַ נישט־געשיידטער פרוי. דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט אַן אויפגעקאָכטער געענטפערט, אַז ליבער זאָל דער קעניג הייסן אים דעם גאָרגל איבערשניידן איידער צונעמען ביי אים העלענאַן.

די פּויערים האָבן געפילט, אַז מ׳האָט זיי פאַרראַטן. וואָרים דער זבאָראָווער שלום־אָפּמאַך האָט צוריקגעשטעלט די רעכט פון די פּאַנעס אויף זייערע מאַיאָנטקעס מיט אַלע זכיותן, וואָס זיינען דערפון אַרויסגעדרונגען. די פּויערים האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דעם. אַ סך קאָזאַקן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען די מאַיאָנטקעס און נישט געהאַט קיין חשק צוריקצוגעבן צו די פריערדיקע באַזיצער. די קאָזאַקן האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע צו כמיעלניצקין און אים דערקלערט, אַז דער שלום באַדייט אַ פאַרראַט. די קאָזאַקישע פאָרשטייער האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן זיך אויסקלויבן אַ נייעם פירער צום קאַמף קעגן פּוילן, אויב דער שלום־אָפּמאַך וועט נישט צעריסן ווערן. וויסנדיק די שטימונג צווישן די אוקראַינער, האָט כמיעלניצקי פונדעסטוועגן געשיקט דעם פּוילישן קעניג אַ דאַנק נאָכדעם ווי דער סיים האָט ראַטיפיצירט דעם שלום־אָפּמאַך. אויך אויף דער פּוילישער זייט איז געווען אַ גרויסע אומצופרידנקייט. אַ טייל פון דער שליאַכטע האָט געהאַלטן דעם שלום פאַר אַן אומבכבודיקן, מיהאָט זיך אָבער מיט די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען נישט געוואָלט רעכנען. כמיעלניצקי האָט שטאַרק געאַרבעט צו ברעכן די אָפּאָזיציע אין זיינע אייגענע רייען. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַן אוניווערסאַל אָפּצוהיטן דעם שלום־אָפּמאַך. די פּויערים

האָט ער גערופֿן צו פֿאָלגן די פֿאַנעס, די גוט־באַזיצער. פֿאַר ניִשט־פֿאָלגן און בונטעווען זיך האָט ער געדראָט מיט טויט־שטראָף. דער אוניווערסאַל האָט נאָך מער אויפגערעגט די געמיטער און מ׳האָט כמיעלניצקין אָפּן באַשולדיקט אין פֿאַרראַט. עס זיינען פֿאָרגעקומען אַ ריי צוזאַמענשטויסן. באַגדאַן כמיעלניצקי האָט באַהערשט די לאַגע אַדאַנק דעם, וואָס אויף זיין זייט זיינען געווען די 40 טויזנט רעגיסטרירטע קאָזאַקן, וועלכע האָבן באַקומען אַ ריי פּריווילעגיעס. זיי זיינען געווען דער קערן פֿון די אוקראַיני־שע מיליטערישע כוחות און האָבן זיך מיט די בונטאָווטשיקעס אָן עצה געגעבן — די לעצטע זיינען געוואָרן באַשטראָפֿט מיט טויט.

ניִשט געקוקט דערויף האָט זיך דער שלום פֿאַרט געריסן. אין די פּוילישע רעגירונג־קרייזן האָט גענומען די אויבערהאַנט די קריג־פּאַרטיי פֿון פירשט יערעמי ווישניאָוויעצקי, וועלכער האָט אין אַ ריי שלאַכטן מיט די קאָזאַקן געשטעלט דעם ווירקזאַמסטן ווידערשטאַנד און פֿיל קאָזאַקישע מחנות צעשמעטערט (יערעמי ווישניאָוויעצקי איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין יאָר 1651). דער פּוילישער סיים האָט סוף 1650 באַשלאָסן צו מאָביליזירן גרעסערע מיליטערישע כוחות. אין דעצעמבער 1650 האָט נאָך כמיעלניצקי געשיקט אונטערטעניקע פּעטיציעס צום סיים, און אין פֿעברואַר 1651 איז שוין ווידער געווען קריג מיט אים. דער קעניג האָט אָנגעגעבן אַ תירוץ, אַז די קאָזאַקן זיינען פֿאַרבונדן מיט אָן אויסער־לעכן, אַנטי־קריסטלעכן שונא (טאָטערן). די גרויסע צוגרייטונגען האָבן געהאַט אַ פּעולה. אין אַ דריי־טאָגיקער שלאַכט זיינען די פֿאַראייניקטע קאָזאַקיש־טאָטערישע כוחות באַזיגט געוואָרן ביי בערעסטעטשקאָ. דער כאַן מיט זיין חייל איז אַנטלאָפֿן פֿון שלאַכט־פֿעלד. באַגדאַן כמיעלניצקי איז אים נאָכגעלאָפֿן, כדי צוצוריידן ווייטער צו קעמפֿן. די טאָטערן האָבן אָבער געפֿאַנגען דעם קאָזאַקישן העטמאַן. נאָך אַ וואָך האָט כמיעל־ניצקי זיך אויסגעקויפט פֿון דעם טאָטערישן אַרעסט. די קאָזאַקישע חיילות, וואָס זיינען געבליבן אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, זיינען גענומען גע־וואָרן אונטער אַ מערדערישן האַרמאַטן־פֿייער. אין דער שלאַכט האָבן אויף דער זייט פֿון די פּאָליאַקן זיך געשלאָגן אויך אַ סך אוקראַאינער.

ווען די טאָטערן זיינען אָפּגעטרעטן פֿון בערעסטעטשקאָ, האָבן זיי אויפֿן וועג קיין קרים געצונדן און ראַבירט אוקראַאינישע ישובים, פֿאַר־

ניכטעט אַן אָפּטיילונג פון 6 טויזנט קאָזאַקן און גרויסע מאַסן אוקראַאינער אָוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט. מיט אייגענע אויגן האָט כמיעל־ניצקי צוגעזען, ווי זיינע פאַרבינדעטע, אָן וועלכע ער איז נישט געווען בכוח קריג צו פירן, באַהאַנדלען זיינע פאָלקס־ברידער. די בהלה אין אוקראַינע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אוקראַינישער המון האָט זיך געוואָרפן אויף די קאָזאַקן און זיי געממיתט. פיל פון המון האָבן צוגע־נומען ביי די קאָזאַקן זייערע פרויען. דאָס איז געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר די פרויען, וואָס די טאָטערן האָבן פריער צוגערויבט ביי דער ציווילער באַפעלקערונג.

די מפלה ביי בערעסטעטשקאָ איז געווען פאַר כמיעלניצקין אַ גוואַל־דיקער קלאַפּ. ער האָט פאַרלוירן זיין אַרמיי, זיין מאַכט און פּרעסטיזש. צו דעם אַלעם האָט ער נאָך איבערגעלעבט פּערזענלעכע חרפּות און בושות און אַן אינטימע טראַגעדיע. בעת ער איז געווען ביי בערעסטעטשקאַ האָט מען אים מודיע געווען, אַז זיין פרוי העלענאַ איז אים אומטריי און אַז זי זאָל אים אויך האָבן באַגנבעט. ס׳איז אויך געווען אַ קלאַנג, אַז זי האָט פון טשאַפּלינסקין באַקומען אַ בריוו צו פאַרסמען כמיעלניצקין. האָט באַגדאַן באַפוילן זיין זון טימאָשקאַ, אַז ער זאָל זי אויפהענגען, און כך־הווא. דאָס האָט שטאַרק צערודערט כמיעלניצקיס נערוון און ער האָט זיך נאָך מער אַריינגעלאָזט אין שיכרות. ער האָט זיך אַרומגע־רינגלט מיט טרעפעריגס און כישוף־מאַכערינס און מיט זיי געשיכורט גאַנצע נעכט.

וועגן דער פאַרביטערונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט ביי די אוקראַינער קעגן קאָזאַקישן העטמאַן, קענען עדות זאָגן די ווערטער, וואָס זיינען געקומען פון מויל פון זיינע געטרייסטע נאָכפאָלגער — די קאָזאַקן. געפינענדיק זיך אונטער אַ שטאַרקן פייער פון דער פוילישער אַרטילעריע ביי בערעסטעטשקאַ, האָבן די קאָזאַקן געבעטן שלום־אונטער־האַנדלונגען. עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָזאַקישער ראַט, וואו עס זיינען געהערט געוואָרן אַזעלכע ווערטער: „כמיעלניצקי איז שולדיק אין אַלעם. ער איז אַ גנב, אַ פאַררעטער. ער האָט אונז אומגעברענגט. מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער ליאַכישער (פּוילישער) שקלאַפעריי, און ער האָט אונז ווידער אויסגעליפערט צו די פּאַנעס.“ . . . „ער האָט זיך

באַפּריינדעט מיטן בוסורמאַן (טאַטער) און איז אַליין אַוועק מיט אים, און אונז האָט ער איבערגעלאָזט פאַר דער שחיטה. מיר ווילן בעטן חסד ביים קעניג. מיר פאַרלאַנגען בלויז, אַז ער זאָל אָפּהיטן אונזער זבאַראָווער אָפּמאַך. דעם גנב כמיעלניצקי ווילן מיר כאַפּן און אַרויס־געבן. מיר ווילן האָבן אַ בעסערן העטמאַן, ווי ער איז געווען.״

ווען די קאָזאַקישע פאַרשטייער זיינען געקומען צום פוילישן הויפּט־קאָמאַנדיר פּאָטאָצקי בעטן שלום, האָט ער זיי געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. ער האָט געשריגן צו זיי: „איר, פאַררעטער, איר גנבים, וואָס אַזעלכע זיינען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.״ די קאָזאַקישע עמי־סאַרן האָבן הכנעהדיק געענטפערט: „מיר זיינען געקומען בעטן מחילה. נישט מיר האָבן גורם געווען דאָס שלעכטס. געמיינע מענטשן האָבן אונז אָפּגענאַרט. זיי האָבן אונז מיט גוואַלט געפירט אין מלחמה אַריין, און דערנאָך איבערגעלאָזט אויף הפקר.״ שפּעטער האָט מען די דעלע־גאַציע געבראַנגט צום קעניג. די קאָזאַקישע פאַרשטייער האָבן געקושט די הענט און פּאָלעס פון די פּוילישע סענאַטאָרן און מאַגנאַטן, וועלכע זיינען געווען אין דער קעניגלעכער סוויטע. אין נאָמען פון די קאָזאַקן האָט דער סאָטניק פּעטראַשענקאָ געזאָגט צום פוילישן קעניג: „הונדערט טויזנט פון אונז לייגן פאַר דיינע פיס זייערע קעפּ. זיי זאָלן זיין גרייט צום אָפּהאַקן, אויב די שווערקייט פון אונזערע פאַרברעכנס קען ווערן אָפּגעוואַשן נאָר מיט אַ שטראָם בלוט. נאָר צו וואָס, מלך, באַנוצן דאָס געווער קעגן די, וועמען דאָס געוויסן פּייניקט.״

אין ליכט פון זייערע פריערדיקע און שפּעטערדיקע רציחות ווייסט מען, אַז דאָס איז געווען אַ מליצה. וואָס־וואָס, נאָר דאָס געוויסן האָט די קאָזאַקן נישט געפּייניקט צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס זיי האָבן קיין געוויסן נישט פאַרמאָגט.

ווי ביי די קאָזאַקן אויפן שלאַכט־פעלד, אַזוי אויך ביים המון אין לאַנד איז געווען אַ מוראדיקע אויפרעגונג קעגן כמיעלניצקין. מ׳האָט אים געזידלט און געשאָלטן. אין רואינירטן לאַנד איז געווען אַ הונגער און אַ יקרות. געווען אַפילו איינצלנע פאַלן פון מענטשן־פרעסעריי — אין איין אָרט האָט אַ הונגעריקע מוטער דערהרגעט אירע קינדער און אָפּגעבראָטן דאָס פלייש פון זייערע גופים. ס׳האָבן געבושעוועט עפּי־

דעמיעס. אין אַ ריי ערטער האָט דער הונגעריקער המון ראַבירט. פון פאַרשידענע זייטן האָבן זיך געטראָגן דראָאונגען צום קאָזאַקישן העטמאַן, ווען מ׳האָט באַשולדיקט אין אַלע אומגליקן. כמיעלניצקי האָט געשיקט צום פּוילישן קאָמאַנדיר פּאָטאָצקי שלוחים צו בעטן אַ שלום. די קאָזאַקישע פאַרשטייער זיינען געפאַלן פּאָטאָצקין צו די פיס און געבעטן מחילה. נאָך דעם ווי דער שלום־אָפּמאַך איז אויסגעאַרבעט געוואָרן איז כמיעלניצקי געקומען אין דער פּוילישער הויפּט־קוואַרטיר. ווען ער איז אַריין אין לאַגער, איז דער קאָזאַקישער העטמאַן געפאַלן פּאָטאָצקין צו די פיס, מיטן שטערן געקלאַפּט אין דער ערד און געוויינט. ער האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל אים מוחל זיין. דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן און ביידע צדדים האָבן פייערלעך געגעבן אַ שבועה אים אָפּצוהיטן. באַלד נאָכדעם האָט כמיעלניצקי אין פּאָטאָצקיס לאַגער זיך אָנגעשיכורט און געשיט מיט קללות. אין אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דעם 28־טן סעפּטעמבער 1651 ביי ביאַלאָצערקעוו, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אין די גיטער פון קעניג, ווי אויך פון דער שליאַכטע דאַרפן די יידן, וועלכע זיינען געווען איינוואוינער און אַרענדאַרן, אויך איצט בלייבן״. וואָס שייך די אַנדערע פונקטן פון אָפּמאַך האָבן די פּריצים געדאַרפט צוריק באַקומען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און אַלע פריערדיקע פּריווילעגיעס. די צאָל רעגיסטרירטע קאָזאַקן איז פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ העלפט — 20 טויזנט. נישט געקוקט אויף די פייערלעכע שבועות האָט אויך דער ביאַלאָצערקווער שלום־אָפּמאַך קיין אריכת ימים נישט געהאַט.

אין זיין פאַרצווייפלטן מצב איז ביים קאָזאַקישן העטמאַן רייף געוואָרן דער געדאַנק צו זוכן אַ רעטונג אַנדערשוואו — זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון אַ שכנישער גרויס־מאַכט. ס׳איז אים נישט געווען קיין גרויסע נפקא־מינה ווער די גרויס־מאַכט זאָל זיין, אַבי אַ שוץ. אָנגעהויבן האָט ער מיט טערקיי. נאָך סוף 1650, נאָכן איבעררייסן דעם זבאָראָווער שלום־אָפּמאַך, האָט ער זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דער סולטאַן האָט אָנערקענט כמיעלניצקין פאַר זיינס אַ וואַסאַל. סיי־ווי איז ער געווען אָפּהענגיק פון אַ צווייטן טערקישן וואַסאַל — פון קרימער כאַן. איצט איז דאָס לעגאַליזירט געוואָרן דורך

דעם, וואָס דער טערקישער סולטאַן איז מרוצה געוואָרן צו געבן די קאָ־זאַקן זיין שוץ און דערפאַר האָבן זיי זיך מתחייב געווען צו צאָלן אים שטייער. דאָס האָט אָבער די קאָזאַקן נישט פאַרהיט פון זייער ביטערער מפּלה ביי בערעסטעטשקאָ. שוין נישט צום ערשטן מאָל האָבן אויך איצט די טאָטערן זיי פאַרראַטן.

כמיעלניצקיס אויגן האָבן זיך געווענדט אין אַ צווייטער ריכטונג — צו מאָסקווע. ס׳איז נישט געווען זיינס קיין אויפטו, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן באַהערשן די מאַסן. דאָס לאַנד האָט שוין געאָטעמט מיט די לעצטע כוחות. אַ פּאָר מיליאָן איינ־וואוינער — פון אייגענער רציחה, פון דער שווערד פון פוילישן מיליטער און פון טאָטערישן רויב — האָבן שוין געפעלט. פעסט און טויט האָבן געקיניגט אין די היימען און אין די גאַסן, אויף די וויסטע פעלדער און וועלדער. ביי די מאַסן איז אַנטשטאַנען אַ בענקשאַפט נאָך אַ רואיק ווינקל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנדערונג פון וואָלין און פון די געגנטן ביים דניעפּר צו די גרענעצן פון דער רוסישער מלוכה און פיל זיינען אַריבער די גרענעץ פון רוסישער טעריטאָריע.

פרילינג 1652 האָט כמיעלניצקי געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין מאָסקווע מיט אַ בקשה, אַז דער צאַר זאָל די קאָזאַקן נעמען אונטער זיין שוץ. דער העטמאַן אַליין איז נישט געווען זיכער מיט זיינע אייגענע קאָזאַקן. אין געוויסע קאָזאַקישע אָפּטיילונגען איז געפירט געוואָרן אַן אַגיטאַציע צו מאַרשירן קיין טשיהירין צו דערהרגענען דעם העטמאַן. אין זיין ווענדונג צום רוסישן צאַר קלאָגט זיך כמיעלניצקי, אַז די פּאָליאַקן האַלטן נישט קיין וואָרט און דערפילן נישט די פּונקטן פון שלום־אָפּמאַך.

אין מאָסקווע האָט מען זיך נישט געאיילט צו באַפרידיקן די קאָזאַ־קישע בקשה. אָבער אַן אָפן אויער האָט די ווענדונג יאָ באַקומען. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן מער אינטערעסירן מיט דעם פּויליש־קאָזאַקישן קאָנ־פליקט; מ׳האָט געמאַכט פּרואוון זיך אַריינצומישן און זיך טשעפּן צו פּוילן. זומער 1653 האָט דער רוסישער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש געשיקט אַ שליח קיין פּוילן, וועלכער האָט איבערגעגעבן פאַרשידענע טענות. צווישן אַנדערן האָט ער געוויזן איבער 200 בריוו פון פּוילישע מאַגנאַטן, וועלכע האָבן פּוגע בכבוד געווען דעם צאַר דורך טיטולירן אים

נישט, ווי עס דאַרף צו זיין. ער האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיי אַלע תיכף באַשטראָפן מיט טויט פאַר מאַיעסטעט־באַליידיקונג. דער דאָזיקער שליח — ריעפּנין־אָבאָלענסקי — האָט זיך אויך אָנגענומען די קאָזאַקישע קריוודע און פאַרלאַנגט צוריקצוגייען צום זבאָראָווער שלום־אָפּמאַך. די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און דער מאָסקווער עמיסאַר איז אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אַ דראָאונג, אַז דער צאַר וועט פאַר־טיידיקן זיין כבוד און דעם כבוד פון גאָטס צערקווע.

פילנדיק דעם שטורם, וואָס קומט אָן פון צפון־מזרח, פון מאָסקווער שכן, האָבן די פּאָליאַקן געטאָן אַלץ, כדי זיך צו זיכערן פון דרום־מזרח זייט. סוף 1653 איז דער פּוילישער רעגירונג געלונגען דורכצוקומען מיטן כאַן. דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט ביי זיין פאַרבינדעטן זיך געבעטן רחמים צו בלייבן ווייטער אין דער טאָטעריש־קאָזאַקישער שותפות, אָבער זיינע תחנונים האָבן קיין פּעולה נישט געהאַט. דער כאַן האָט ווידער פאַרלאָזט כמיעלניצקין. דאַסמאָל מיט אַ פאַרזיכערונג צו פּוילן, אַז ער וועט צוהעלפן דערשטיקן די קאָזאַקן. די טאָטערן זיינען אַוועק אַהיים און אויפן וועג האָבן זיי ווידער צעראַבירט און פאַגראַמירט אוקראַינע. מיט פייער און שווערד האָבן זיי געצאָלט „לעצט געלט" זייערע פאַר־בינדעטע. און ווידער זיינען פיל מענטשן אַוועקגעפירט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. אָן די טאָטערן זיינען די קאָזאַקן שוין געווען האָפנונגס־לאָז. דאָס האָט נאָך מער געשטויסן כמיעלניצקין זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון מאָסקווער צאַר.

אָנהויב 1654 איז אין פּערעיאַסלאַוו פאַרגעקומען דער אַקט פון איבערגעבן זיך אונטער מאָסקווער ממשלה. אין דער פראַגע איז די מיי־נונג פון די אוקראַינער געווען געטיילט. אַ גרויסער טייל קאָזאַקן האָט זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם צאַר און אים קיין טרייהייט־שבועה טאָקע נישט געגעבן. ס׳איז אַפילו אויסגעבראָכן צוליב דעם אַ בונט און כמיעלניצקי האָט אים בלוטיק דערשטיקט. אַ קעגנערשאַפט צו דער מאָסקווער אויבערהערשאַפט האָבן אויך אַרויסגעוויזן די העכערע פּראַ־וואָסלאַווע גייסטלעכע מיטן קיעווער מיטראָפּאָליט קאָסאָוו בראש. דער לעצטער האָט שפּעטער געשיקט שלוחים צום פּוילישן קעניג מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל באַפרייען אוקראַינע פון מאָסקווער הערשאַפט. די העכערע

היעראַרכיע האָט מורא געהאַט, אַז דער צאַר וועט נויטן איבערצורייסן די פאַרבינדונג מיטן קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך און וועט אַרויפ־צווינגען דעם מאָסקווער. די נידריקע פּאַפּן אָקעגן האָבן געשטיצט כמיעל־ניצקיס איבערגאַנג צו מאָסקווע.

ביים אָפּרייסן זיך פון פּוילן און איבערגיין צו רוסלאַנד האָט די קאָזאַקישע אָנפירונג געשטרעבט איינצוהאַלטן דעם אַלטן, אַמאָליקן סאָציאַלן סדר. וועגן פּויערטום איז נישט גערעדט געוואָרן, מיהאָט זיך בלויז באַוואָרנט וועגן די רעכט און פּריווילעגיעס פון קאָזאַקנטום. בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט בוטורלינען, דעם שליח פון מאָסקווער צאַר, האָבן כמיעלניצקי און די קאָזאַקישע עלטסטע פאַרלאַנגט, אַז אין אוקראַינע זאָל ווייטער בלייבן „אַ שליאַכטשיץ — אַ שליאַכטשיץ, אַ קאָזאַק — אַ קאָזאַק, אַ מיעשטשאַנין — אַ מיעשטשאַנין". זיי האָבן געזאָגט, אַז אין קאָזאַקישן אויפשטאַנד קעגן פּוילן איז אויך געווען באַטייליקט שליאַכטע און ס׳טאָר איר דעריבער קיין עוולה נישט געשען. דער שליאַכטע איז טאַקע באַוואָרנט געוואָרן אירע קלאַסן־פּריווילעגיעס, הגם בלויז עטלעכע טויזנט פון דעם דאָזיקן פּריצישן שיכט האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָזאַקישער מרידה. אין דער ערשטער צייט האָבן אָבער אויסגעפּעלט פּריצים צו געניסן פון די פאַרזיכערטע קלאַסן־פּריווילעגיעס. אַ טייל פון דער שליאַכטע איז אומגעקומען אין בלוטיקן קריג, אַ צווייטער טייל איז אַנטלאָפן און אַ דריטער טייל איז געוואָרן פאַרקאָזאַקעוועט. די ערשטע צייט האָט זיך דעריבער פאַרגרעסערט די צאָל פרייע פּויערים. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַן איבערגאַנג־פּעריאָד, ווייל שפּעטער האָט פון קאָזאַקנטום שנעל זיך אויסגעבילדעט אַ שיכט פּריצים, וואָס האָט די אומאָפּהענגיקע פּויערים צוריק פאַרוואַנדלט אין לייב־אייגענע. דורכמאַכנדיק אַ בלוטיקן קרייז, איז מען צוריקגעקומען צום זעלבן פּונקט. נאָכן אָפּרייסן אוקראַינע פון פּוילן האָבן די רוסישע באַיאַרן גענומען ווייזן זייערע ציין. מיט מתנות זעלנער זיינען זיי באַפאַלן אוקראַינישע שטעטלעך און דערפער, זיי דעראַבערט און אָוועקגעפירט פיל פרויען און קינדער. די רוסישע באַיאַרן האָבן בכלל געטרוימט וועגן איבערנעמען אין אוקראַינע די ירושה פון דער פריערדיקער שליאַכטע.

דער איבערגאַנג פון די קאָזאַקן צו רוסלאַנד האָט באַלד געברענגט

צו אַ רוסיש־פוילישן צוזאַמענשטויס. אין פרילינג 1654 איז אויסגע־בראָכן מלחמה צווישן פוילן און רוסלאַנד.

גאָר גיך האָט זיך כמיעלניצקיס ליבע צו רוסלאַנד אויסגעלאָשן. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ געהיימען קאָנטאַקט מיט טערקיי און ווידער געפּרואווט זיך פאַרזיכערן הילף מצד די טאָטערן. נאָך מער: דער קאָזאַ־קישער העטמאַן האָט גענומען פירן געהיימע אונטערהאַנדלונגען אויך מיט פוילן. פאַר אַ קליינעם פּרייז האָט ער געוואָלט בייטן דעם פּראַנט און פאַרלאָזן דעם מאָסקווער צאַר. דער פּרייז האָט געזאָלט זיין — צוריקשטעלן די באַדינגונגען פון זבאָראָווער שלום־אָפּמאַך.

די אויפפירונג פון די קאָזאַקן אין דער פויליש־רוסישער מלחמה איז געווען אַ מאָדנע. אין אַ ריי פאַלן האָבן זיי נישט אינטערווענירט און זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו. אַזוי, למשל, האָבן די פּאָליאַקן אין שטעטל בוש אויסגעהרגעט פיל טויזנטער איינוואוינער, און די קאָזאַקן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גענוג כוחות, האָבן נישט געוואָלט גיין זיי שיצן, הגם די באַ־פאַלענע זיינען געווען אוקראַינער. ענלעך איז געווען אין דעמאָווקע און אַנדערע ערטער. כמיעלניצקי האָט צוריקגעהאַלטן זיינע קאָזאַקישע חיילות. די קאָזאַקן האָבן געראַטן אייניקע באַלאַגערטע שטעט זיך נישט אונטערצוגעבן די רוסישע באַלאַגערער און סאַבאָטירט די קריג־אָפּעראַ־ציעס. בעת דער באַלאַגערונג פון לעמבערג האָט כמיעלניצקי גענומען אויסקויף־געלט און איז אַוועק קיין אוקראַינע, איבערלאָזנדיק דאָס רוסישע מיליטער אַליין אויפן פּלאַץ.

די צאַרישע פּלענער בנוגע די קאָזאַקן זיינען געווען די סיבה פאַר־וואָס כמיעלניצקי און זיינע יועצים האָבן אַזוי שנעל פאַרלוירן דעם חשק צו רוסלאַנד. דער צאַר האָט לגמרי נישט געהאַט בדעה צו דערפילן זיינע צוזאָגן וועגן די פּריוויליעגיעס. ער האָט גענומען פאַר־לאַנגען אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט. פאַר די אויגן פון די קאָזאַקן האָט זיך באַוויזן די פּערספּעקטיוו פון ווערן לייב־אייגענע פּויערים ביי די רוסישע באָיאַרן. באַגדאַן כמיעלניצקי האָט גענומען זוכן אַן אַרויסגאַנג פון דער רוסישער פּאַסטקע. ער האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן — צו פוילן, טערקיי און שוועדן.

די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַצויגן מיט דעם גרעסטן אומ־

צוטרוי צו דער קאָזאַקישער אַפּערטע ווענן אומקערן זיך צוריק קיין פּוילן. אין יאָר 1655 האָט דער קאָזאַקישער העטמאַן ווידער געמאַכט אַ פּרואוו, אַז דער טערקישער סולטאַן זאָל אים נעמען אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט. ער האָט אויך געווענדט זיינע אויגן צו שוועדן. ער האָט געזוכט הילף ביים שוועדישן קעניג קאַרל גוסטאַוו אי קעגן רוסלאַנד, אי קעגן פּוילן. כמיעלניצקי האָט צוגעזאָגט שוועדן צוצושטעלן 10 טויזנט קאָזאַקן אין אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. ווען דער שוועדישער קעניג, אויסנוצנדיק די שווערע לאַגע פון דער פּוילישער מלוכה, איז זומער 1655 באַפאַלן פּוילן, האָט אים כמיעלניצקי אונטערגעשטיצט. דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט זיינע אויגן אויך געווענדט צום פירשט ראַקאָטשי, דעם מושל פון זיבענבירגען. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ דריי־בונד פון קאַרל גוסטאַוו, ראַקאָטשי און כמיעלניצקי מיטן צוועק צו צעטיילן פּוילן. דערביי האָט כמיעלניצקי געגעבן צו הילף ראַקאָטשין 20 טויזנט קאָזאַקן. פּוילן איז פאַרנומען געוואָרן דורך די אַנגרייפנדיקע אַרמייען. וואַרשע, לובלין, קראָקע און אַנדערע שטעט זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פרעמדן חייל. צוליב אינערלעך־פּוילישע סיבות ווי אויך צוליב ניי־געשאַפענע, אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען איז די ווידערשטאַנד־קראַפט פון פּוילן צוריק געשטאַרקט געוואָרן און די פאַרבינדעטע אַרמייען פון קאַרל גוסטאַוו, ראַקאָטשי און כמיעלניצקי זיינען באַזיגט געוואָרן.

כמיעלניצקי האָט נאָך געפּרואווט ווידער פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן פּוילישן קעניג וועגן צוריק איינגלידערן אוקראַינע אין דער פּוילישער מלוכה. ער האָט אויך געפּרואווט זוכן אַן אָנשפּאַר ביים טערקישן סולטאַן, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל דער סולטאַן איז געווען קעגן דער קאָזאַקישער שותפות מיט ראַקאָטשין און איז בכלל געווען אָפּגעקילט צו כמיעלניצקיס אָנבאָטן. דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט זיך דערפילט איזאָלירט און קראַנק. אין דאָזיקן מצב האָט ער באַקומען אַ פּאָר לעצטע קלעפּ: ס׳איז צו אים אָנגעקומען אי די ידיעה, אַז זיין פאַרבינדעטער ראַקאָטשי מיט די קאָזאַקישע הילף־אָפּטיילונגען איז צעקלאַפּט געוואָרן, אי אַז אַ ריי קאָזאַקישע פּולקן ווילן נישט פאָלגן די באַפעלן פון העכסטן באַפעלער — דעם העטמאַן. אליין שוין שוואַך, האָט ער געזען ווי אַלץ גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט, ווי דער בנין פון זיין ממשלה, וואָס איז

מיט אַזוי פיל מענטשלעכע שאַרבנס און בלוט געבויט און צעמענטירט געוואָרן, קראַכט פון אַלע זייטן. אונטערן איינדרוק פון דעם האָט באָגדאַן כמיעלניצקי באַקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע און איז דעם 27־טן יולי 1657 געשטאָרבן.

פריער זאַט און בליענדיק, איז איצט אוקראַינע געלעגן פוסט און וויסט. הונדערטער און הונדערטער ישובים זיינען געווען אָפּגעמעקט פון דער ערד. פעלדער זיינען געלעגן נישט־געאַקערט און נישט־געזייט. לאַנגע יאָרן האָבן זיך נאָך געוואַלגערט מאַסן נישט־באַגראָבענע מתים. מיליאָנען מענטשן זיינען געפאַלן קרבנות אין די גרויזאַמע יאָרן פון כמיעלניצקיס מלחמות. בלויז אין טאָטערישן יאָסיר זאָל מען פאַר דער דאָזיקער צייט האָבן אַוועקגעפירט פון אוקראַינע בערך אַ מיליאָן נפשות. די אוקראַינער, פּאָליאַקן און אַנדערע האָבן דאָך באַוויזן אַ טייל פון זייער באַפעלקערונג און מאַטעריעלן באַזיץ אָפּצוראַטעווען פון בלוטיקן מבול. אַלע יידישע קיבוצים אָקעגן זיינען טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרן. בלויז דאָ און דאָרט איז קלענערע גרופּעס יידן געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן. דער יידישער חורבן איז געווען אַ פולשטענדיקער.

# קאַפּיטל XVI

די יידן-שחיטות. — די ישובים אויף ביידע זייטן דניעפּר. — נעמיראָוו. — טולטשין. — יידישער ווידערשטאַנד. — קידוש השם. — באַר. — וואָווגוראָווצעס און גאַיטשוראָווצעס. — די קאַמפן פון ווישניאָוויעצקיס חייל. — קליינע גרופּעס יידן ראַטעווען זיך מיט זיין מיליטער. — יידן ווערן געשאָכטן אויף פאַנאַנדערגעוויקלטע ספר-תורהס. — אַ פרוי וויל געבוירן דאָס קינד פאַרן וואַרפן זי אין די פלאַמען. — די שחיטה אין פּאָלאָנע. — ווידערשטאַנד און קידוש השם. — קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. — חורבן און טויט פון לינקען ברעג דניעפּר ביז לעמבערג.

די פאַרניכטונג פון די יידן איז דורכגעפירט געוואָרן אויף די אכזריות־דיקסטע אופנים. אין פיל פאַלן האָבן די רוצחים זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט אומברענגען זייערע קרבנות. זיי האָבן צוגעטראַכט מיתות־משונות צו פייניקן די יידן און אַליין צו האָבן ווילדע הנאה.

די ערשטע קרבנות זיינען געווען די יידן אין שכנות פון ביידע זייטן דניעפּר. דאָרט זיינען על פּי רוב געווען נייע ישובים. די קאָזאַקן און טאָטערן, וועלכע זיינען אָנגעקומען ווי אַ שטורם און בליץ־שנעל פאַר־נומען שטעט און דערפער, האָבן גלייך פאַרטיליקט אַלע יידן. מ׳האָט זיך דערויף נישט געריכט, מ׳איז דעריבער נישט געווען צוגעגרייט צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן. די ישובים, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן רעכטן ברעג דניעפּר ווייטער פון טייך, זיינען ווען די שחיטות געוואָר געוואָרן. איינציקע ניצול־געוואָרענע יידן און פוילישע מיליטער־לייט האָבן געברענגט די ביטערע בשורות. ווען די סכנה האָט זיך דערנענטערט, האָבן שוין אָט די יידן פאַרלאָזט זייערע היימען און זיך קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, וואו מ׳האָט געהאָפט, אַז עס וועט מעגלעך זיין אַ געהע־ריקע פאַרטיידיקונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין סגולה. אויך די גרויסע, צוזאַמענגעלאָפענע עדות יידן זיינען דורכן שונא אומגעברענגט געוואָרן.

כמיעלניצקיס וועג האָט געפירט פון זאַפּאָראָזשער סיטש איבער

טשיהירין, קאָרסון, ביאַלאַצערקעוו, פּיליאַווצי, זבאַראַזש, לעמבערג ביז זאַמאָשטש. אויף דעם וועג זיינען געגאַנגען און געפירט שלאַכטן זיינע הויפּט־כוחות, וועלכע האָבן געלאָזט הינטער זיך טויט און חורבן. אין אַ זייט פון דעם הויפּט־שליאַך, צפון און דרום, זיינען גלייכצייטיק גע־גאַנגען אַנדערע קאָזאַקישע אַטאַמאַנען.

דער ערשטער יידישער ישוב, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן, איז געווען אין כמיעלניצקיס היים־שטאָט — טשיהירין. נאָך דעם זיינען געקומען די יידישע קיבוצים אין די שטעטלעך קאָרסון און טשערקאַס, ווי אויך די ישובים, וואָס זיינען געווען ווייטער אויף מערב. אין דער זעלבער צייט האָבן אָנגעהויבן אָפּערירן די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען אויפן לינקען ברעג דניעפּער: פון לובני איבער פּערעיאַסלאַוו, ווי אויך ווייטער אויף צפון — פון טשערניגאָוו און סטאַראָדוב.

נאָך גרעסער אין פאַרנעם זיינען געווען די שחיטות טיפער אין לאַנד. די ערשטע שחיטה פון דעם מין איז געווען אין נעמיראָוו, אַ שטאָט אין בראַצלאַווער געגנט. נעמיראָוו האָט זיך גערעכנט פאַר איינע פון די פאַרמעגלעכסטע שטעט אין אוקראַינע. די יידישע באַפעלקערונג האָט גענומען אַ לעבהאַפטן אַנטייל אין גרויסן מסחר און לפי ערך גוט געלעבט. אַחוץ די אָרטיקע זיינען אין נעמיראָוו געווען צוזאַמענגעלאָפענע יידן פון שכנישע ישובים. כמיעלניצקי האָט געשיקט איינצונעמען די שטאָט איינעם פון זיינע בלוטיקסטע אַטאַמאַנען. בראש פון 600 קאָזאַקן האָט האַנדזשאַ אין יוני 1648 זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. די יידן האָבן זיך פאַר־מאַכט אין דער פעסטונג. כדי אָפּצונאַרן די יידן, האָבן די קאָזאַקן פאַנ־אַנדערגעוויקלט פוילישע פענער. וויסנדיק גאַנץ גוט וועגן דעם שווינדל, האָבן די מיעשטשאַנעס געשריגן: „עפנט דעם טויער: פּויליש מילי־טער איז געקומען אייך פאַרטיידיקן". די יידישע וועכטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער ציטאַדעל־מויער, האָבן אויך געזען די פּוילישע פענער און געהייסן עפענען דעם טויער. די קאָזאַקן, צוזאַמען מיט די מיעשטשאַנעס, באַוואָפנטע מיט ביקסן, שווערדן, שפּיזן, מעסערס, העק און דרענגער, זיינען אַריין אין ציטאַדעל און געמאַכט אַ גרויסע שחיטה.

גלייכצייטיק זיינען געפּראַוועט געוואָרן שענדלעכע אָרגיעס. מייד־לעך האָט מען פאַרגוואַלדיקט פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן, פרויען

— פאַר די אויגן פון זייערע מענער און קינדער. קליינע קינדער האָט מען לעבעדיק אַראָפּגעשליידערט אין טיפע אָפּגרונטן, פּונוואַנען עס האָבן זיך עטלעכע טעג געטראָגן געוויינען און קרעכצן. כדי צו אַנטרינען פון שאַנד, זיינען טייל פרויען און בתולות געשפרונגען אין וואַסער אַריין, וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרום דער פעסטונג. אויך מענער, וועלכע האָבן געקענט שווימען, זיינען געשפרונגען אין טייך אַריין מיט דער כוונה זיך צו ראַטעווען. אָבער גיין. די קאָזאַקן האָבן פון די ביקסן זיי נאָכגעשאָסן אָדער זיינען אַליין נאָכגעשפרונגען און מיט די שווערדן זייערע קרבנות דערגרייכט. דאָס וואַסער איז געוואָרן רויט פון מענטשלעך בלוט. עטלעכע הונדערט יידן, מענער און פרויען, האָבן זייער טויט געפונען אויפן אָפּגרונט פון וואַסער. לויט יידישע קוואַלן, זיינען אין נעמיראָוו אומגעבראַכט געוואָרן בערך 6 טויזנט נפשות (אַלע ציפערן וועגן דער צאָל הרוגים, וואָס ווערן דאָ און ווייטער אָנגעגעבן, זיינען גישט קיין זיכערע. פאַרשידענע קוואַלן גיבן סתירהדיקע צאָלן, וואָס זיינען אָפט זייער ווייט איינע פון די אַנדערע).

אויך אין דער אַרומיקער געגנט האָבן די קאָזאַקן נאָך געטראָפן יידן אין די שטעטלעך און דערפער, און אַלע פאַרטיליקט. אַ קליינע צאָל יידן, מענער און פרויען, האָבן פאַרן פרייז פון בייטן זייער אמונה אויסגעקויפט זייער לעבן. געציילטע יחידים איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין טולטשין, וואו דער ביטערער גורל האָט זיי אויך באַלד דערגרייכט.

דער נעמיראָווער רב ר׳ יחיאל מיכל האָט געמונטערט די יידן מקדש־השם זיין און איז אַליין אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט. די שחיטה איז פאָרגעקומען כ׳ סיון. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פירשט יערעמי ווישניאָוויעצקי אָנגעקומען מיט זיין חייל, צעקלאַפּט די קאָזאַקישע אָפּטיילונג און איינגענומען די שטאָט. לויט פּוילישע קוואַלן, האָט ווישניאָוויעצקיס חייל אויסגעהרגעט בערך 3 טויזנט קאָזאַקן און מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן זיך פריער באַטייליקט אין די גוואַלט־טאַטן. די עקזעקוציעס זיינען אָדורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. סוף יוני 1648 איז פירשט ווישניאָוויעצקי אַוועק פון נעמיראָוו. צוזאַמען מיט ווישניאָוויעצקיס חייל זיינען אויך אַוועק אַ צאָל לעבן־געבליבענע יידן.

מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט דירעקט אָנגעפירט פּאָלקאָווניק באַראַנאָווסקי. ער האָט צעקלאַפּט די קאָזאַקן און איז מיט שטורם אַריין קיין נעמיראָוו. לאַנג אין שטאָט איז ער נישט געבליבן און איז פון דאָרט אַוועק מיט זיין חייל. די פאַרבליבענע יידן זיינען מיט אים מיט־געגאַנגען. לויט פּוילישע קוואַלן, זאָלן פריער די דאָזיקע ניצול־געוואָרענע יידן האָבן געגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן בלייבן אין שטאָט און העלפן די קאָזאַקן. ווען ווישניאָוויעצקיס חייל איז געקומען, האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט צו אַנטלויפן, ווייל די יידן האָבן צו די קאָזאַקישע פאַר־זיכערונגען קיין צוטרוי נישט געקענט האָבן. אנדערטהאַלבן מייל פון נעמיראָוו האָבן אין די וועלדער געטשאַטעוועט קאָזאַקן. דערזעענדיק די יידן, זיינען די קאָזאַקן זיי באַפאַלן. באַראַנאָווסקי האָט מיט זיי פאַר־פירט אַ קאַמף און געכאַפּט 30 קאָזאַקן. די רעשט זיינען זיך צעלאָפן.

נאָך נעמיראָוו איז געקומען די ריי אויף טולטשין, דרום פון בראַצ־לאַוו. אויך דאָרט זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן יידן פון אַרומיקע מקומות. צוזאַמען מיט די פּאַליאַקן האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין פעסטונג־שלאָס. די צאָל יידן איז געווען 2 טויזנט, די צאָל פּוילישע זעלנער — 600. מאַקסים קריוואָנאָס, וועלכער האָט באַלאַגערט טולטשין, האָט געהאַט אין זיין רשות 10 טויזנט מאַן. די יידן און די פּאַליאַקן האָבן זיך געגעבן אַ פייערלעכע שבועה, אַז מען וועט קעגן געמיינזאַמען שונא בשותפות קעמפן. קיין שום אונטערהאַנדלונגען וועט מען מיט אים נישט פירן און איינער וועט דעם צווייטן נישט פאַרראַטן. עטלעכע טעג האָבן די יידן און די פּאַליאַקן געקעמפט אַקסל ביי אַקסל און אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די קאָזאַקן. די אַנגרייפער זיינען נישט געווען בכוח איינ־צונעמען דעם שלאָס און געליטן גרויסע פאַרלוסטן. די יידן אַליין האָבן דערהרגעט הונדערטער קאָזאַקן. קריוואָנאָס האָט געבערענגט פאַרשטאַר־קונגען און געשיקט זאָגן די פּאַליאַקן, אַז ער וועט קיינעם נישט טשעפּן, אויב מ׳וועט אים נאָר אַרויסגעבן דאָס געלט און דעם פאַרמעגן פון די יידן. די פּאַליאַקן האָבן געבראָכן זייער שבועה. זיי האָבן אָנגעהויבן אנט־וואָפנען די יידן, כדי צו קאָנען דורכפירן דעם פּלאַן.

די יידן האָבן געוואָלט שטעלן אַ ווידערשטאַנד און זיך וואַרפן אויף די פּאַליאַקן. די פירער פון דער קהילה האָבן אָבער דערצו נישט דער־

לאָזט. דער רב ר׳ אהרון האָט גערעדט צו די אויפגערעגטע יידן און זיי געזאָגט, אַז דאָס שלאָגן זיך מיט די פּאָליאַקן קען גורם זיין שלעכטס פאַר די יידן אין די אַנדערע שטעט. ער האָט געעצהט: „בעסער אומ־קומען, ווי עס זיינען אומגעקומען אונזערע נעמיראָווער ברידער, אַבי נישט שטעלן אין סכנה אונזערע ברידער בכל תפוצות ישראל.״ . . . „לאָמיר בעסער מסכים זיין אָוועקגעבן די אוקראַינער אונזער געלט, אפשר וועלן מיר דערמיט אויסקויפן אונזער לעבן. טאָמער נישט, זאָל געשען גאָטס רצון, אָבער מיר וועלן אונזערע ברידער נישט אומברענגען.״ די יידן האָבן געפאָלגט. פּירשט יאַנוש טשעטווערטינסקי, דער אייגנטימער פון טולטשין און שכנותדיקן נעמיראָוו, האָט באַפוילן צוצונעמען ביי די יידן דאָס געווער און האָב־און־גוטס. די יידן זיינען געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ וואַך.

אויפן דריטן טאָג האָבן די קאָזאַקן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיי אַרויס־געבן די יידן. זיי זיינען געקומען מיט אַ שוואַרצער פאָן. איינער פון זיי האָט אויסגערופן: „ווער עס וויל בייטן זיין אמונה, זאָל אַהערקומען און זיך זעצן אונטער דער פאָן און ער וועט בלייבן לעבן״. אַ שטילקייט איז געווען דער ענטפער פון דער גאַנצער עדה. קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. די זעלבע ווערטער האָט ער איבערגעחזרט אַ צווייט און אַ דריט מאָל, אָבער זיי האָבן ווייטער קיין פּעולה נישט געהאַט. זעענדיק, אַז קיינער וויל נישט אויסקויפן דאָס לעבן פאַרן פּרייז פון אָפּזאָגן זיך פון יידישן גלויבן, האָבן די קאָזאַקן געעפנט דעם טויער. אַ קאָזאַקישע מחנה איז מיט ווילדן כעס אַריין און זיך אַריינגעשניטן צווישן די אויס־געמאַטערטע, שוצלאָזע יידן. מ׳האָט זיי געשטאָכן מיט טשוועקעס, גע־שרפהט, געהאַקט מיט פלאַקנס און אַנגעטאָן כלערליי ענוים. 1500 יידן זיינען גלייך אויפן אָרט אויסגעשאָכטן געוואָרן (לויט אַן אַנדער מקור — 3 טויזנט). די יידן האָבן זיך געוואָרפן מיטן פּנים צו דער ערד, כדי נישט צו זען מיט זייערע אויגן, ווי זייערע פרויען און קינדער, ברידער און שוועסטער, קומען אום פון די רוצחישע הענט. טייל פרויען האָבן פאַר־צווייפלט געשיצט זייערע קינדער קעגן די מערדערישע קאָזאַקן. זיי האָבן געשלאָגן די רוצחים מיט וואָס ס׳איז זיי געקומען אונטער דער האַנט, אָבער זיי זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע טייערסטע. דריי טעג

נאָך דער שחיטה האָבן די קאָזאַקן זיך באַוויזן צווישן די הרוגים און גערופן אויפצושטיין אַלע, וועלכע זיינען געבליבן לעבן. אַן ערך 300 נפשות האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. זיי זיינען געוועזן אָפּגעשוואַכט פון הונגער. זייערע גופים זיינען געווען באַדעקט מיט וואונדן. מ׳האָט זיי געלאָזט לעבן. די רוצחים האָבן אויסגעקליבן 10 רבנים, כדי צו קאָנען פאַר זיי נעמען אויסקויף־געלט. זיי האָבן אויך אַוועקגעפירט אַ צאָל יינגע שיינע פרויען. די פאַר הונדערט לעבן־געבליבענע יידן האָבן פאַר־לאָזט דעם שחיטה־פּלאַץ און מיט די לעצטע כוחות זיך געשלעפּט צו זייערע פאַרוויסטע היימען.

די קאָזאַקן האָבן דערנאָך זיך גענומען צו די פּאַליאַקן. זיי האָבן געמאַכט פאַרוואורפן די פּאַנעס און געטענהט: „די יידן האָבן דאָך מיט אייך צוזאַמען געטריי געקעמפט, פאַרוואָס האָט איר זיי פאַרראַטן? אויב אַזוי, וועלן מיר מיט אייך טאָן דאָס זעלבע, וואָס איר האָט געטאָן מיט זיי. גיט אַרויס אייער האָב־און־גוטס״. די פּאַליאַקן האָבן אָפּגעזאָגט די קאָזאַקישע פאָדערונג און צוגעטרעטן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די קאָזאַקן האָבן אונטערגעצונדן דעם שלאָס און די פלאַמען האָבן אַלץ פאַר־צערט. נאָכן אונטערגעבן זיך האָבן די פּאַליאַקן געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי פריער די פאַרראַטענע יידן. זייער ראש, פירשט יאַנוש טשעטווער־טינסקי, אַליין אַ פּראַוואָסלאַווער אוקראַינער, איז אכזריותדיק דער־מאָרדעט געוואָרן. אַ מילנער פון פירשטס אייגענעם מאַיאָנטעק האָט מיט אַ זעג אים אָפּגעשניטן דעם קאָפּ. פאַרן טויט האָט דער פירשט נאָך געמוזט זען ווי קאָזאַקן שענדן זיין טאָכטער און איזדיעקעווען זיך איבער זיין פרוי.

אַחוץ קריוואָנאָסן האָט מיט די רציחות אין טולטשין אָנגעפירט האַנדזשאַ. צווישן די פאַרשידענע באַרבאַריזען וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטאָן, איז געווען דאָס עפענען די קברים אויפן בית־עולם און אַרויס־וואַרפן די מתים.

די דריטע גרויסע שחיטה איז פאָרגעקומען אין באַר. די דאָזיקע רייכע שטאָט אין פּאָדאָליע, ביי דער גרענעץ פון מאָלדאַוויע, האָט פאַר־מאָגט אַ זייער פאַרמעגלעכע יידישע קהילה. צוזאַמען מיטן פּוילישן מיליטער האָבן די יידן זיך איינגעשלאָסן אין דער פעסטונג. פון טולטשין

איז אַהין געקומען מיט גרויסע מחנות קאָזאַקן קריוואָנאָס. די פּאָליאַקן און יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער זיי זיינען באַזיגט גע־וואָרן. די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן דורכן שונא. פאַרלייכטערט דעם זיג האָבן די אוקראַינישע איינוואוינער פון באַר. זיי האָבן ביינאַכט געעפנט אַ געהיימען אַריינגאַנג און אַריינגעלאָזט די קאָזאַקן. די לעצטע האָבן איינגענומען די פעסטונג און אויף אַ שרעקלעכן אופן אויסגע־הרגעט די פּאָליאַקן און פאַרגוואַלדיקט זייערע פרויען. די יידן האָט מען צוזאַמענגעטריבן אויף איין אָרט און אַראָפּגעצויגן פון זיי די מלבושים. מיט שטעקנס האָבן די קאָזאַקן געקלאַפּט איבער די האַלב־נאַקעטע גופים, ביז די יידן זיינען געפאַלן אויף דער ערד. פון אייניקע האָט מען די הויט אַראָפּגעשונדן. איבער די אויסגעלייגטע גופים האָבן רייטער געלאָזט לויפן זייערע פערד און געשטאָכן מיט די שפּיזן. אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין שול, אָבער אויך דאָרט האָט זיי געטראָפן די שווערד פון שונא. די שול איז דערביי פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. עס ווערט געשאַצט, אַז די צאָל אומגעבראַכטע פּאָליאַקן און יידן זאָל האָבן געווען 15 טויזנט, פון דעם 2 טויזנט יידן.

קאָזאַקישע באַנדעס האָבן אויך געפּראַוועט זייערע בלוטיקע אָרגיעס אין דער געגנט אַרום באַר. די יידן זיינען געלאָפן פון די אַרומיקע שטעט־לעך און דערפער, האָפענדיק, אַז די פעסטונג וועט זיין פאַר זיי אַ שוץ. פיל זיינען אָבער אָפּגעשטאַנען און געבליבן ליגן מידע און פאַרמאַטערטע אויף די פעלדער. אַלע זיינען געוואָרן אויסגעהרגעט. די קאָזאַקן האָבן אַרויפגענומען קינדער אויף די שפּיזן און זיי אָפּגעבראָטן אויפן פייער פאַר די אויגן פון די פאַרצווייפלטע מאַמעס.

אַ צווייטן חורבן האָט באַר איבערגעלעבט אין 1651, ווען קאָזאַקן בשותפות מיט טאָטערן האָבן פּאַגראָמירט און פאַרברענט די שטאָט. דאָס ביסל יידן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער פאַרוויסטער שטאָט, האָבן די רוצחים פאַרטיליקט.

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן די קאָזאַקן נאָך פאַר די שחיטות אין נעמיראָוו, טולטשין און באַר פאַרטיליקט אַ ריי יידישע ישובים אין מזרח־אוקראַינע. אייניקע פון זיי וועלן מיר דאָ דערמאָנען. קריוואָנאָס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די רציחות אין די דריי דערמאָנטע שטעט,

איז אַהין געקומען שוין מיט אַ גרויסן בלוטיקן רעקאָרד. זיינע באַנדעס זיינען געווען פון די מערדערישסטע. אָנגעהויבן האָט ער זיינע רציחות אין פערעיאַסלאַוו, וואו ער האָט אויסגעהרגעט אַלע יידן און פּאָליאַקן. דאָס איז געווען אַ שטאָט פון 6 טויזנט נפשות, פון זיי אַ גרויסע צאָל איינגעזעסענע קאָזאַקן. נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד זיינען יידן געווען פון די ערשטע קרבנות. עס זאָלן האָבן אומגעקומען 300 יידן. פיל קינ־דער האָט מען דערשטיקט. פאַראַן אויך אַ ידיעה, אַז אַ טייל יידן איז געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן.

„אין די ישובים אויפן לינקען ברעג דניעפּר", — זאָגט נתן נטע האַנאָווער, — „זיינען געהרגעט געוואָרן פיל טויזנטער יידן און עטלעכע הונדערט זיינען געניט געוואָרן צו בייטן זייער אמונה".

עס זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן די יידן פון די ישובים אין פּאָל־טאַווער און טשערניגאָווער ראַיאָנען: אין באָרישאָווקאַ, לובני, ליובעטש, פּיראַטין, פּאָלטאַווע, לאָכוויץ, אַלעקסאַנדראָווקאַ, באָרישפּאָל, פּרילוקי, אָסטער, ניעזשין, טשערניגאָוו, נאָווגראָד־סיעווערסק, סטאַראָדוב און אַנדערע.

בעת דער הריגה אין לובני האָבן די קאָזאַקן אַרומגעוויקלט דעם רב מיט יריעות פון דער תורה און אונטערגעצונדן. אַ טייל לובנער יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן בית־עולם.

אין באָרישפּאָל זיינען אַ סך יידן אומגעברענגט געוואָרן. דערביי האָט מען די קינדער געשאָכטן דורך איבערשניידן זיי די העלזער.

אין טשערניגאָוו זיינען, לויט „מגילת עיפה", אומגעקומען 2 טויזנט יידן.

לויטן זעלבן מקור, זיינען אין סטאַראָדוב געווען 1200 הרוגים, אַחוץ אַ צאָל, וואָס מיהאָט דערהרגעט אויפן וועג.

אין באָרישאָווקאַ זאָלן האָבן אומגעקומען 200 יידישע נפשות. אַזאַ צאָל קרבנות זאָל אויך האָבן געווען אין לאָכוויץ.

אין אייניקע ערטער האָט מען די יידן געהייסן אויסגראָבן קברים און מען האָט זיי צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער אַריינגע־וואָרפן לעבעדיקערהייט און פאַרשיט.

אין קיעווער ראַיאָן האָט געווילדעוועט אַ באַנדע אונטער דער אָנפירונג פון ליסענקאָ וואָווגורא. די „וואָווגוראָווצעס" האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט זייער בעסטיאַליטעט. קיינער פון זיי האָט זיך נישט איבערגעגעבן לעבעדיק אין געפאַנגענשאַפט. צוזאַמען מיט אַ צווייטער באַנדע — מיהאָט זי גערופן „גאַיטשוראָווצעס" — האָבן זיי איינגענומען דאָס שטעטל קאָנעוו. פון די יידן האָבן זיי דאָרט די הויט אַראָפּגעשונדן.

פון די יידישע ישובים ביים דניעפּר איז אויך געפאַלן אַ קרבן קיעוו. קיין גאָר גרויסע קהילה איז דאָרט נישט געווען צוליב די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען, וואָס זיינען געווען איינגעפירט זינט 1619 לויט די השתדלות פון קאָזאַקישן העטמאַן ביים מלך זיגמונד דעם 3־טן. יידן איז דעמאָלט פאַרבאָטן געוואָרן צו וואוינען און פירן מסחר אין שטאָט. זיי האָבן געצאָלט דעם פאָד־וואָיעוואָדע און ער האָט דערלויבט ברעכן דעם פאַרבאָט. אַדאַנק דעם איז געווען אַ צאָל יידן אין דער אוקראַיִנישער הויפּט־שטאָט און זיי האָבן אַפילו געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין מסחר. כמיעלניצקיס חיילות האָבן אַדורכגעפירט במשך פון 4 טעג שחיטות — פיל פּאָליאַקן און יידן זיינען אומגעקומען. אַ קליינע צאָל בלויז האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען — יענע, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַהאַלטן אין די קעלערן פון די פּראַוואָסלאַווּנע מאָנאַסטירן.

אין די פּראָווינצן אויפן רעכטן ברעג פון דניעפּר האָט קריוואָנאָס נאָך פאַרן קומען קיין נעמיראָוו איינגענומען לאַדיזשין, בערשאַד, ווערכאָווקא און אַנדערע. אומעטום האָט ער געלאָזט אויסהרגענען די יידן און קאַטאָליקן.

אין טריפּאָל איז געווען אַ יינגער יידישער ישוב, וואָס האָט אָבער שוין געהאַט אַ רייכע געשיכטע פון ליידן. אין יאָר 1638 האָבן צעבונטע־ווטע קאָזאַקן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל, ראַבירט, צעשטערט און געמאָרדעט פּויערים און יידן. אויך מיט 10 יאָר שפּעטער איז דאָס שטעטל פאַרנומען געוואָרן דורך די קאָזאַקן און די באַפעלקערונג האָט געליטן.

פון אַנדערע שטעטלעך אין קיעווער ראַיאָן איז כדאַי צו דערמאָנען ראַדאָמישל. די קאָזאַקן האָט נישט געפּאַסט דאָס שטעטל צו באַפאַלן,

ווייל די דאָרטיקע גיטער האָבן געהערט צו דער אָנפירונג פון דער פּראַוואָ־סלאַוונער קירכע אין קיעוו. האָבן זיי אַהין אַריינגעלאָזט זייערע פּאַר־בינדעטע — די טאַטערן. די מוסולמענער האָבן אַרויסגעוויזן דעם זעלבן באַרבאַריזם און רציחה, ווי זייערע קריסטלעכע מיטקעמפער. זיי האָבן ראַבירט און געברענט די גיטער פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. די באַפעלקערונג איז זיך צעלאָפן. די טאַטערן האָבן נאָכגעיאָגט די אַנט־לויפנדיקע, וועלכע האָבן געזוכט שוץ אין די טיפענישן פון די וועלדער.

אין זשיוואָטאָוו איז געווען אַ זאַמל־פּונקט פון די קאָזאַקן און טאַטערן. ס׳איז געווען אין דער ערשטער העלפט יוני 1648. אין דעם שטעטל, ווי אויך אין די אַרומיקע ישובים, האָבן די קאָזאַקן געווילדעוועט במשך פון 4 טעג. די יידן האָט מען אויסגעשאָכטן. מיהאָט נישט גע־שאָנעוועט קיין פרויען, קינדער און זקנים. בלויז אַ קליינע צאָל יידן האָבן זיך געראַטעוועט דורך איבערגעבן זיך די טאַטערן אין געפאַנגענ־שאַפט. ענלעך איז געווען אין באַזאָווקאַ.

עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די יידישע ישובים אין באָהוסלאַוו און ברוסילאָוו. אין בראַצלאַוו האָט מען אַלע יידן אומגעברענגט. אין ביאַלאָצערקעוו זיינען געפאַלן קרבנות עטלעכע הונדערט יידישע פאַמיליעס.

אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן איין יידישער ישוב נאָכן צווייטן. בלויז קליינע גרופּעס איז געלונגען צו אַנטלויפן, און אַ סך וועלכע זיינען באַצייטנס אַוועק פון זייערע היימען, האָט דער שונא שפּעטער אָנגעיאָגט. בכלל האָבן זיך געקענט ראַטעווען די רייכע, יענע וועלכע האָבן געהאַט אָדער זיך פאַרשאַפט אַ פערד־און־וואָגן. די קאָזאַקן און טאַטערן זיינען געריטן אויף פערד און דעריבער איז פאַר פוס־גייער נישט געווען מעגלעך צו אַנטרינען.

אַ צאָל יידן האָבן זיך געראַטעוועט מיטן חייל פון פירשט יערעמי ווישניאָוויעצקי. הגם יערעמי אַליין איז געווען פון גרויסן אוקראַאינישן יחוס און זיינס אַ זיידע איז געווען אַ קאָזאַקישער העטמאַן, וועלכער איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט אין טערקישער געפאַנגענשאַפט, איז ער געווען דער פאַרביסנסטער שונא פון די קאָזאַקן און אין אַ ריי שלאַכטן צעקלאַפּט די קאָזאַקישע מחנות. פון די ישובים, וועלכע ער איז

געווען געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן, זײַנען מיט אים מיטגעגאַנגען אַ סך ייִדישע משפּחות.

אָבער די צאָל געראַטעוועטע איז געווען לפי ערך נישט קיין גרויסע. דער רוב מנין ורוב בנין איז אומגעקומען. זייערע צעהאַקטע גופים זײַנען געלעגן קופּעסווײַז און צעוואָרפֿן איבער די חרוב־געוואָרענע ישובים, ווי אויך אויף די פֿעלדער און אין די וועלדער איבער דער לענג און ברייט פֿון לאַנד. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי וועלן ברענגען צו קבורה. וואָרנעס האָבן דאָס פֿלייש פֿון די מתים געצופּט. עס האָבן זיך געוואָלגערט באַזונדערע מענטשלעכע אברים.

די בתי־מדרשים זײַנען געשענדט און צעשטערט געוואָרן. פֿיל זײַנען אַוועק מיטן רויך. די ספֿר־תּורהס האָט מען צעריסן אָדער אין שמוץ געוואָרפֿן. פֿון פּאַרמעט האָט מען געמאַכט זעקלעך אָדער מיט דעם די פּיס אַרומגעוויקלט. דעם פּאַרמעט האָבן די אוקראַינער גענוצט אויף לאַפּ־טשעס און מיט רציעות פֿון תּפֿילין האָבן זיי דאָס פֿאַרבונדן. פֿון די ספֿר־תּורה־מענטעלעך האָבן זיי געמאַכט יאַקעלעך פֿאַר די קינדער און פֿון די פּרוכתן — מאַנטלען פֿאַר די ווייבער. עס זײַנען געווען פֿאַלן, ווען די קאָזאַקן האָבן פֿאַנאַנדערגעוויקלט די ספֿר־תּורהס, געשיכורט און געטאַנצט אויף זיי. נאָך דער הוליאַנקע האָבן זיי אַוועקגעלייגט ייִדן אויף דעם פּאַרמעט און זיי געשאָכטן.

די קאָזאַקיש־טאָטערישע האָרדעס האָבן זיך געטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער צו מערב־זייט נאָכן פֿאַרוואַנדלען די בליענדיקע שטעט און דערפֿער אין חורבות און בית־עולמס. די שטחים אויף ביידע זייטן דניעפּר, פּאָדאָליע, וואָלין, רייסן און ליטע (ווייס־רוסלאַנד) זײַנען פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט, זײַנען צעטרעטן און פֿאַר־שרפֿהט געוואָרן. שרעק איז געווען דער פֿאַרפּאַסטן, וואָס די קאָזאַקיש־טאָטערישע מחנות האָבן פֿאַרויסגעשיקט. הונגער און עפּידעמיע זײַנען געווען די מאַראָדערן, וואָס זײַנען נאָכגעגאַנגען די רוצחים און פֿאַרצערט די ניצול־געוואָרענע.

אַזוי זײַנען זיי דערגאַנגען ביז לעמבערג. צווישן די ישובים, וואָס זײַנען שוין געווען פֿאַרניכטעט ביים דניעפּר, אין פּאָדאָליע און וואָלין, האָבן זיך נאָך געפֿונען:

פּאהרעבישטשע, אַ שטעטל אין בערדיטשעווער ראַיאָן. אַ קאָזאַקישע אָפּטיילונג פון מאַקסים קריוואָנאָס האָט זיך אַהין אַריינגעריסן. דאָס איז געווען אַן אַלטער ישוב, וואָס האָט אין די אַמאָליקע צייטן שוין געהאַט שטאַרק געליטן פון טאָטערישע אָנפאַלן. מיט זייערע ווילדע אָרגיעס האָבן איצט די קאָזאַקן ווייט איבערגעשטיגן די אַמאָליקע טאָטערישע מעשים־תעתועים, וואָס האָבן געלעבט אין געדעכעניש פון די איינוואוינער און מ׳האָט עס איבערגעגעבן פון דור צו דור. די קאַטאָליקן האָט מען צונויפגעטריבן אין קאָסטשאָל אַריין און דאָרט האָט מען זיי אַלע אויסגעמאָרדעט. ביטער איז געווען דער גורל פון די יידן. מ׳האָט זיי געבערענגט אין אַ הויז אויפן בית־עולם און פאַרברענט. אַ רייכע יידישע פרוי, וועלכע האָט געהאַלטן ביים האָבן אַ קינד, האָט געבעטן אַ קאָזאַק, אַז ער זאָל זי פאַרן אומברענגען פריער לאָזן געבוירן דאָס קינד. זי האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט אַ גרויסע באַלוינונג. ער האָט ביי איר צוגענומען אַ באַהאַלטענעם אוצר און קיין וואָרט נישט געהאַלטן — אויך זי איז באַלד אומגעקומען אין די פלאַמען. ווי אַ זכר פון חורבן, איז געבליבן שפּעטער ביי דער וואַנט פון דער שול אַ מצבה, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבן: „בשנת ת״ח זיינען כמיעלניצקיס באַנדעס פלוצלונג באַפאַלן פּאהרעבישטשע און אויסגעשאָכטן די פּוילישע שררות און אויך אַלע יידן — זקנים, יינגע, פרויען און קינדער — אַלע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אונזער אַלטער שול בשעת מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה פאַר חתן־כלה.״ לויט אַ צווייטן מקור, איז אַ צאָל יידן אַוועק צום לאַגער פון די טאָטערן און זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט. די טאָטערן האָבן די געפאַנגענע אַוועקגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו יידן האָבן זיי אויסגעקויפט. יערעמי ווישניאָוויעצקי איז אינגיכן אַריין אין שטעטל און באַשטראָפט מיט טויט דעם וואָיט, די מנהיגים פון די מיעשטשאַנעס און די פּאָפּן, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן די רוצחים. די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען אַרום שטעטל האָט ער צעקלאַפּט.

אַ גרויסע שלאַכט איז פאָרגעקומען ביים שטעטל מאַכנאָווקע, בערדיטשעווער ראַיאָן. פון דער אַרומיקער געגנט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך פּריצים און יידן, וועלכע האָבן געזוכט שוץ ביים אָרטיקן גאַר־

ניזאָן. לויט כמיעלניצקיס באַפעל, איז דאָס שטעטל געקומען איינ־נעמען אָסטאַפּ קריוואָנאָשיק, אַ זון פון אַלטן מאַקסים קריוואָנאָס. די קאָזאַקן האָבן דעראָבערט דאָס שטעטל. זיי האָבן געשטורמט דעם בער־נאַרדינער קלויסטער, דעם שלאָס און דאָס שטעטל פאַרברענט. אויף די געסלעך איז פאָרגעקומען אַ שחיטה פון דער באַפעלקערונג. אין מיטן פון דער שחיטה איז פון דער זייט פון בערדיטשעוו אָנגעקומען ווישניאָ־וויעצקיס חייל. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ בלוטיקע שלאַכט און קריוואָ־נאָשיקס קאָזאַקן זיינען מיט גרויסע פאַרלוסטן אָפּגעטרעטן. געווען איז דאָס דעם 18־טן יולי 1648.

דעם 26־טן יולי פון זעלבן יאָר איז אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו (דרום־וואָלין) פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט פון פוילישן מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון סאַמועל אָסינסקי קעגן פיל שטאַרקערע קאָזאַקישע כוחות אונטער דער אָנפירונג פון מאַקסים קריוואָנאָס. די קאָזאַקן זיינען צע־קלאַפּט געוואָרן. זיי האָבן באַלד געבערענגט גרויסע פאַרשטאַרקונגען. צוליב דער באַדייטנדיקער איבערגעוויכט פון שונא, איז יערעמי ווישניאָ־וויעצקי אַוועק פון שטאָט און צוזאַמען מיט אים די רייכע יידן, וועלכע האָבן זיך געקענט שאַפן פערד־און־וואָגן. די קאָזאַקן זיינען אַריין, צעראָ־בירט די הייזער און אויסגעהרגעט די קאַטאָליקן, די אַריאַנער און בערך 3 טויזנט געבליבענע יידן. געווען איז דאָס תשעה באָב שנת ת״ח. וואָס שייך דער צאָל אומגעקומענע יידן, איז פאַראַן אַ צווייטע מיינונג, אַז זי איז געווען קלענער. די רוצחים האָבן געלאָזט פערד־און־וואָגן איבער די גופים פון די פאַרוואונדעטע. און אַ סך יידן האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אונטער די רעדער פון די שווערע, מיט־רויב־באַלאָדענע, וואָגנס און פערדישע קאָפּיטעס.

די שטאָט זשיטאָמיר איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די טאָטערן און קאָזאַקן. די באַפעלקערונג איז אויסגעשאָכטן געוואָרן.

אין וויניצע זיינען געווען בערך 300 געהרגעטע יידן.

גרויס איז געווען די שחיטה אין פּאָלאָנע. אויפן וועג קיין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו איז דאָס חייל פון מאַקסים קריוואָנאָס צוגעקומען צו דער שטאָט. אין אָנהויב איז די שטאָט שטאַרק פאַרטיידיקט געוואָרן פון 2 טויזנט פוילישע מיליטער־לייט און אַ טייל יידן, וואָס זיינען אין אַ צאָל

פון 12 טויזנט דאָרט געווען פאַרזאַמלט. דער ווידערשטאַנד איז גע־שטעלט געוואָרן אין באַפעסטיקטן שלאָס. די אָרטיקע אוקראַינער האָבן דעם שונא אַריינגעלאָזט אין שטאָט. די פאַרטיידיקער האָבן לסוף זיך אונטערגעגעבן. דעמאָלט האָבן די פריצים זיך אַרויפגעזעצט אויף די פערד און עוקר געווען. די יידן האָבן אויך געוואָלט אַנטלויפן, די שטאָטישע אוקראַינישע וואַך האָט זיי אָבער נישט אַרויסגעלאָזט. די פוילישע זעלנער האָט מען אַלע ווי איינעם געהרגעט. פון די יידן זיינען אומגעקומען בערך 10 טויזנט. הונדערטער פון די לעבן־געבליבענע האָט מען גענייט צו שמד, אַנדערע האָבן די טאָטערן אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט. די הייזער זיינען פאַרצערט געוואָרן פון די פלאַמען.

די שחיטה איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער בעסטיאַ־ליטעט. די יידן זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן. די קאָזאַקן האָבן גע־האַלטן צו זיי אויסגעשטרעקט בלאַנקע שווערדן און פיקעס. פון די יידן האָט מען געפאָדערט מסכים צו זיין אויף שמד. דערביי האָט מען זיי געזאָגט, אַז הונדערט טויזנט יידן האָט מען שוין דערהרגעט און גע־ראַטעוועט האָבן זיך בלויז יענע, וועלכע האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה. מיט שפּאָט און חוזק האָבן די קאָזאַקן גערעדט וועגן יידישן גאָט, וואָס וויל נישט העלפן זיינע גלויביקע קינדער. דער פּאָלאָנער רב האָט געזאָגט צו די יידן, אַז זיי זאָלן טאָן אַזוי, ווי עס האָבן געטאָן זייערע ברידער אין די פריערדיקע דורות — גיין אויף קידוש־השם. ער אַליין האָט געגעבן דעם ערשטן ביישפּיל. אין גרויסע יסורים — האָט ער נישט אויפגעהערט צו מונטערן די יידן. בהסכם כולם האָבן זיי געענטפערט די רוצחים, אַז זיי זיינען גרייט איבערצוטראָגן אַלץ, נאָר אָפּטרעטן פון זייער אמונה וועלן זיי נישט. זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו שטאַרבן על קידוש־השם. זיי האָבן געזאָגט ווידוי און געבעטן מחילה איינער ביים אַנדערן. כדי די יסורים פון טויט זאָלן זיין שטאַרקערע, האָבן די מערדער זיך באַנוצט מיט שטעקנס, מיט וועלכע זיי האָבן געקלאַפּט די קרבנות איבער די קעפּ. די גסיסה איז מחמת דעם געווען אַ לענגערע. די מתים האָט מען נישט מקבר געווען. מען האָט זיי איבערגעלאָזט צו זיין פרעס־פלייש פאַר הינט און חזירים. די טויטע גופים האָבן זיך אין שמוץ גע־

וואַלגערט איבער די גאַסן פון שטאָט. קינדער האָט מען צעשניטן אויף שטיקלעך.

אַ צאָל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין היילן און גריבער. זיי האָבן געהערט די געשרייען פון די געשלאָגענע און דורך שפּאַרונעס צוגעזען, ווי די יידישע עדה גייט אויס אין בלוט. דער הונגער און דורשט האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעטריבן הונדערטער פון זייערע באַהעלטענישן. זיי זיינען גלייך אַריינגעפאַלן צו די רוצחים אין די הענט און זיי זיינען פאַר־פייניקט געוואָרן צום טויט. איבערגעלאָזט האָט מען בלויז יונגע, שיינע פרויען און מיידלעך, וועלכע די קאַזאַקן האָבן באַנוצט צו זנות און געמאַכט פאַר זייערע דינסטן.

די אוקראַינישע קאָבזאַרן האָבן שפּעטער געזונגען אַ דומע (באַ־לאַדע), אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן דער דאָזיקער שחיטה. ווערט דאָרט די הימל־שרייענדיקע רציחה אַזוי פאָרגעשטעלט: די יידן־אַרענ־דאַרן זיינען אַלע אַוועק אין דער שטאָט פּאָלאָנע. איז געקומען כמיעל־ניצקי אין דער סלאָוונער אוקראַינע און נישט געפונען דאָרט קיין איין ייד־אַרענדאַר. איז ער צוגעגאַנגען צו דער שטאָט פּאָלאָנע. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן בריוו און געשיקט אין שטאָט אַריין צו דער הראָמאַדע. אין די בריוו האָט ער פאַרלאַנגט, אַז די הראָמאַדע זאָל אים אַרויסגעבן די יידן־אַרענדאַרן. אויף דעם האָבן אים די פּאָלאָנער מיעשטשאַנעס געענטפערט: „פּאַן העטמאַן כמיעלניצקי! אַפילו מיר זאָלן זיך דאַרפן לייגן טויטע איינער אויפן אַנדערן, וועלן מיר דיר די יידן־אַרענדאַרן נישט אַרויסגעבן.״ כמיעלניצקי איז צוגעגאַנגען נענטער צו שטורמען די שטאָט. דעמאָלט האָבן די יידן־אַרענדאַרן מיט אַ ביטערן געיאָמער געשריגן: אוי, פּאָלאָנער, פּאָלאָנישע הראָמאַדע! טוט אַ טובה: עפנט די טויערן פון דער פוילישער זייט און לאָזט אונז אַרויס כאָטש אין די בלויזע העמדער צו יענער זייט ווייסל. — און דעמאָלט האָט מען די קאָזאַקן אין פּאָלאָנע געגעבן פרייהייט אויף דריי און אַ האַלבער שעה: „טרינקט, הוליעט און נעמט אַ גוטן רויב פון די יידן־אַרענדאַרן.״ און די קאָזאַקן אין דער שטאָט פּאָלאָנע האָבן געטרונקען, געהוליעט און באַקומען פון די יידן־אַרענדאַרן אַ גוטן רויב. נאָכדעם זיינען זיי געקומען צוריק אין אוקראַינע, זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד און געטיילט דאָס גאָלד און זיל־

בער אויף דריי טיילן: דעם ערשטן טייל אויף צוועקן פון שוץ און קירכע, דעם צווייטן — אויף מעד און בראַנפן, און דעם דריטן — צעטיילט צווישן זיך. „נישט איין קאָזאַק האָט דעמאָלט מתפלל געווען צו גאָט פאַרן פאַן כמיעלניצקי, זייענדיק אַנגעטאָן אין די יידישע קאַפּטאַנעס". אין אַזאַ „אידילישער" פאָרם האָט עס די אוקראַינישע פאָלקס־דיכטונג פאַרגעשטעלט איינע פון די גרעסטע מענטשלעכע טראַגעדיעס. וועגן די טויזנטער געשאָכטענע יידן האָבן די קאָבזאַרן געמאַכט אַ שוויג.

ביים שטעטל אָלכאָוועץ זיינען אומגעקומען אַ סך יידן אין וואַלד. לאַנג נאָך דעם האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג געזאָגט, אַז אויף דעם אָרט איז אַ מורא צו גיין, ווייל עס פליען דאָרט אַרום גייסטער.

אין טשודנאָוו זיינען געווען עטלעכע הונדערט יידישע קרבנות.

געליטן האָט אויך זוויהיל.

ס'האָט געליטן דער יידישער ישוב אין אָסטראָפּאָל, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט מיט קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון קריוואָנאָסן. נאָך דעם ווי ער האָט דעראָבערט דאָס שטעטל, איז זיין חייל געוואָרן צעקלאַפּט און אַרויסגעשטויסן.

פאַרניכטעט איז געוואָרן דער יידישער ישוב אין אָורוטש. אין 1648 האָבן די קאָזאַקן און טאָטערן פאַרנומען דאָס שטעטל. די הייזער, קאָשטשאָלן און צערקוועס האָבן זיי צעשטערט און פאַרברענט. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרטיקער קאָזאַקישער פּולק אונטער דער אָנפי־רונג פון איליאַ האָלאָטאַ. זומער 1649 איז דער דאָזיקער פּולק געוואָרן צעקלאַפּט און דער קאָמאַנדיר דערהרגעט.

אין זעלבן ראַיאָן האָבן די קאָזאַקן געווילדעוועט אין שטעטל אָלעווסק.

שאַראָגראָד (פּאָדאָליע) איז פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. דאָס איז געווען אין אויגוסט 1648. דער גאַרניזאָן האָט נישט געוואָלט אויפ־נעמען קיין קאַמף און איז אַוועק. אונטער דער אָנפירונג פון האַנדזשאַ און קריוואָנאָס האָבן די קאָזאַקן איינגענומען די שטאָט אָן אַ שלאַכט. די פאַרבליבענע יידן האָבן שטאַרק געליטן פון די קאָזאַקישע אכזריותן. אַ סך זיינען אומגעקומען. אין שאַראָגראָד זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן אין אַ שפּעטערער צייט.

אין קראַסנע (פּאָדאָליע) האָבן געלעבט יידן און קאַראַימער. די לעצטע זיינען דאָרט געווען תושבים פון 13־טן יאָרהונדערט. אונטער דער אָנפירונג פון דאַנילאָ נעטשאַי האָבן די קאָזאַקן פאַרנומען דאָס שטעטל און אויסגעשאָכטן די יידן און קאַראַימער. עטלעכע יידן האָבן זייער לעבן געראַטעוועט דורך שמד. אין פעברואַר 1651 האָט פּויליש מיליטער אַטאַקירט קראַסנע. די קאָזאַקן האָבן עקשנותדיק זיך פאַר־טיידיקט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דריי־טאָגיקע בלוטיקע שלאַכט. די פּאָליאַקן האָבן איינגענומען דעם שלאָס און אַלע קאָזאַקן אומגעברענגט. סיאיז אויך געפאַלן זייער קאָמאַנדיר נעטשאַי.

אין דער פעסטונג־שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך יידן פון אַנדערע ישובים. יידן האָבן אין דער שטאָט נישט געטאָרט וואוינען. דער פאַרבאָט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן נאָך אין מיטן 15־טן יאָרהונדערט און מלך זיגמונד דער 3־טער האָט אים אין יאָר 1598 באַנייט. יידן האָבן נישט געטאָרט וואוינען און האַנדלען אין שטאָט אָדער אין נאָענטער שכנות. אַ געקומענער ייד האָט לענגער פון 3 טעג נישט געטאָרט בלייבן. אַזוי ווי די פעסטונג איז געווען אַ שטאַרקע, זיינען יידן אַהין געלאָפן זוכן שוץ.

כמיעלניצקי האָט עטלעכע מאָל געשיקט זיינע מחנות איינצונעמען די שטאָט, אָבער אָן דערפאָלג. זומער 1648 האָט ער געשיקט אַהין קרי־וואָנאָסן. ער האָט די שטאָט, וואָס געפינט זיך אויף אַ הויכן באַרג און איז געווען שטאַרק באַפעסטיקט, נישט געקענט איינעמען. יידן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון דער פעסטונג־שטאָט. עס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוואוון און יעדעס מאָל האָבן זיך די קאָזאַקן געמוזט צוריקציען מיט גרויסע פאַרלוסטן. דאָס זעלבע איז געווען אין די ווייטערדיקע יאָרן (1652 און 1654).

איינמאָל אַריין, זיינען די יידן פון דאָרט שוין נישט אַוועק. זייער צאָל איז געשאַצט געוואָרן אין די טויזנטער. די מיעשטשאַנעס האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די יידן האָבן נישט קיין רעכט צו זיין אין שטאָט. אין 1654 האָט מלך יאַן קאַזשימיעזש געהייסן די יידן באַזייטיקן, אָבער זיי זיינען פאָרט געבליבן. דער סטאַראָסטע האָט דעם קעניגלעכן באַפעל נישט אויסגעפירט. ווען די שטאָט איז געווען באַלאַגערט דורך די קאָזאַקן,

האָבן די יידן שטאַרק געליטן פון הונגער. אַ צאָל יידן זיינען געשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס.

פון די ישובים, וואָס די קאָזאַקן האָבן נאָך פאַרניכטעט, און די באַ־פעלקערונג — יידן און נישט־יידן — אומגעברענגט, דאַרף מען נאָך דערמאָנען: קאָראָסטישעוו, דעמידאָוו, פּאַוואָלאָטש, וואַסילקאָוו, טריליס, טעטיעוו, ליפּאָוועץ, לעטיטשעוו, הומאַן, בערדיטשעוו, אָלאַנאָוו, לובאַר־טאָוו, מעדזשיבאזש, ניי־קאָנסטאַנטינאָוו, דעראַזשנע, פּראַנפּאָל, מאָהי־לעוו־פּאָדאָלסק און פיל, פיל אַנדערע.

## קאַפּיטל XVII

די באַלאַגערונג פון לעמבערג. — דערפאָלגרייכער ווידערשטאַנד. — דער יידישער אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג. — די שחיטה איבער די אוקראַינער אין דער צערקווע פון הייליקן יור. — אויסקויף-געלט. — די באַלאַגערונג פון אַנדערע שטעט און דער אָנטייל פון יידן אין ווידערשטאַנד. — אָרטיקע אוקראַינער מאָרדן ניצול-געוואָרענע יידן. — באַמבאַרדירונג פון זאַמאָשטש. — די שחיטה אין נאַראָל. — וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אַנדערע שטעטלעך. — לובלין. — ליבער טויט איידער שמד. — די הריגות אויף צוריקוועגס קיין אוקראַינע. — יידן אין שלאַכטן פון פּוילישן מיליטער.

צו לעמבערג איז דער שונא צוגעקומען דעם 7־טן אָקטאָבער 1648. פאַר דער שטאָט האָבן זיך באַוויזן די פאָדערשטע אָפּטיילונגען פון די טאָטערן. די שליאַכטע מיט ווישניאָוויעצקין בראש איז אַוועק קיין זאַמאָשטש, מיינענדיק, אַז זי וועט נישט זיין בכוח צו פאַרטיידיקן לעמבערג.

די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט באַשלאָסן מיט אייגענע כוחות צו באַשיצן די שטאָט. יעדער, אָן אונטערשיד פון אמונה און נאַציאָנאַליטעט, איז געוואָרן גערופן צו דערפילן די פליכט און פאַרשטעלן פאַרן שונא דעם וועג. אויך יידן זיינען אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. פון שטאָטישן אַרסענאַל האָט מען די יידן אַרויסגעגעבן 200 ביקסן. די יידישע אָפּטיילונג, באַוואָפנט מיט ביקסן, העק און קאָסעס, האָט פאַרנומען פּאָזיציעס אויף די מויערן פון שטאָט, ביים יידישן קוואַרטאַל, דרום־מזרח־זייט. אונטער דער אָנפירונג פון קאָמענדאַנט קזשישטאָף אַרצישעווסקי האָט די באַפעלקערונג דורכגעפירט אַ העלדישע פאַרטיידיקונג. די קאָזאַקן און טאָטערן האָבן איינגענומען די פאָרשטעט, אָבער די שטאָט גופא האָבן זיי נישט געקענט איינגעמען. אַלע אַטאַקעס זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן דורך די עקשנותדיקע פאַרטיידיקער.

אַן ערגער מזל האָבן געהאַט די פאָרשטעט; דאָרט האָבן געווילדע־

וועט די קאָזאַקן און טאַטערן. מיט שטאַרקן אימפעט האָבן זיי זיך גע־וועגדט גראָד צו דעם אָרט, וואו עס האָבן זיך געפונען די אוקראַינער. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין דער פּראַוואָסלאַוונער קאַטעדרע פון הייליקן יור. זיי האָבן געמיינט, אַז די קאָזאַקן וועלן נישט פאַרגיסן דאָס בלוט פון זייערע פאָלקס־ברידער און וועלן נישט פאַר־שוועכן די הייליקטימער פון זייער רעליגיע. דאָס איז געווען אַ ביטערער טעות. כמיעלניצקיס חייל האָט זיך אַריינגעריסן אויפן בית־עולם, וואו עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן עטלעכע טויזנט מענטשן. די קאָזאַקן האָבן אַ טייל דערהרגעט, און פון די אַנדערע האָבן די טאַטערן אַ טייל צונויפ־געבונדן, כדי אַוועקצופירן אין געפאַנגענשאַפט. בערך טויזנט מענטשן איז געלונגען פון בית־עולם צו אַנטלויפן און זיך אַריינשפאַרן אין דער צערקווע. נאָך הערנדיק די וויי־געשרייען און די קרעכצן פון די באַ־פאַלענע אויפן בית־עולם, זיינען זיי שנעל אַריין אין דער קאַטעדרע, פאַרקלאַפּט די טויערן און פאַרשפּאַרט אַלע אַריינגענג. די מאַסע האָט זיך געוואָרפן אויף די קני און געהאַפט, אַז די תפילות און די ווענט פון דער צערקווע וועלן זיי באַשיצן פון מאָרד־שגעון פון אירע ברידער. די קאָ־זאַקן האָבן אָבער פון אַלע פיר זייטן אויסגעהאַקט לעכער אין די ווענט און דורך זיי געשאָסן אויף די מתפללים. נאָכדעם זיינען די אַריינגענג מיט שטורם אויפגעבראָכן געוואָרן. דער עולם האָט מיט שרעק זיך גערוקט ענגער און ענגער צום אַלטאַר. מיט העק האָבן די קאָזאַקן זיך אַריינ־געשניטן אין דער געדיכטער מאַסע. דערביי האָבן זיי געמאַכט טאַטע־רישע אויסרופן, מיזאָל מיינען, אַז דאָס טוען נישט די קאָזאַקן אַליין, נאָר זייערע פאַרבינדעטע. דער ראש פון דער קאַטעדרע, אַן אַלטער פּאָפּ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן אַלטאַר און געבעטן די קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן די רציחה. דערויף האָבן זיי אים געגעבן אַזאַ ענטפער: דעם קאָפּ פון אַלטן פּאָפּ האָבן זיי באַגאָסן מיט בראָנפן און זיינע לאַנגע האָר אָנגעצונדן. „זאָג, — האָבן זיי צו אים געטענהט, — וואו די אוצרות זיינען באַהאַלטן?" דער פּאָפּ האָט נאָך געפּרואווט ריידן צו זייער געוויסן: „קריסטן, געדענקט גאָט, רעליגיע, רעליגיע". מיט געלעכטער האָבן זיי צו אים געזאָגט: „פּאַטערל, מיר דאַרפן נישט דיין רעליגיע, נאָר די טייוולשע גראָשנס". און באַלד האָט די קאָזאַקישע באַנדע גע־

נומען האָקן די ווענט, זוכנדיק באַהאַלטענע אוצרות. זיי האָבן אויך אויסגעגראָבן די קברים, געעפנט די טרומנעס און אַרויסגעוואָרפן די צע־פּאַלענע גופים פון פּאַרדינסטפולע בויער פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, גלויבנדיק, אַז דאָרט איז באַהאַלטן וואָס זיי זוכן. זיי האָבן אויך צעשטערט דאָס בילד און אַראָפּגעריסן דעם זילבער פון צערקווע־פּאַטראָן און דערביי געשריגן: „זיי מוחל, הייליקער יור". די דערשראָקענע אוקראַינער האָבן כסדר געשריגן צו די קאָזאַקן, אַז זיי זיינען פון דער זעלבער אמונה. ס׳האָט נישט געהאָלפן. די קאָזאַקן האָבן געענטפערט: „יאָ, מיר זיינען טאָקע פון איין אמונה, אָבער איר האָט ביי זיך פּויליש געלט, דעריבער מוז מען אייך באַשטראָפן." די הייזער אין די פאָר־שטעט זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן.

נאָך דעם ווי כמיעלניצקי האָט זיך איבערגעצייגט, אַז ער וועט די שטאָט גופא נישט קענען איינגעמען, האָט ער צוגעשיקט אַ בריוו, אַז מ׳זאָל אים אַרויסגעבן די יידן, וועט ער אַראָפּנעמען די באַלאַגערונג. זיין פאָדערונג האָט ער מאָטיווירט מיט דעם, אַז די יידן זיינען די סיבה פון דער מלחמה, ווייל זיי האָבן געגעבן געלט אויף דער מאָביליזאַציע קעגן די קאָזאַקן. די שטאָט־פּאַרוואַלטונג האָט כמיעלניצקיס פאָדע־רונג אָפּגעוואָרפן. זי האָט געענטפערט, אַז זי קען דאָס נישט טאָן, ווייל די יידן זיינען אונטערטאַנען פון קעניג און פון דער מלוכה און נישט פון דער שטאָט. אַחוץ דעם זיינען זיי באַטייליקט אין אַלע הוצאות פון דער שטאָט, ליידן פון אירע סכנות און זיינען גרייט צו לעבן און שטאַרבן צוזאַ־מען מיט די קריסטן. ס׳איז מחמת דעם נישטאָ קיין גרונט זיי אַרויס־צוגעבן.

אַזוי ווי דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט דאָס אַרויסגעבן בלויז די יידן אויך נישט געקענט פועלן, האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזט. ער האָט צוגעשיקט אַ נייע ווענדונג, אַז מ׳זאָל אים געבן 200 טויזנט דוקאַטן אויס־קויף־געלט. ער וויל דאָס נישט, חלילה, פאַר זיך, נאָר פאַר די טאָטערן. די שטאָט־פּאַרוואַלטונג האָט דעמאָלט געשיקט צו אים אַ דעלעגאַציע צו פירן די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער הויך פון דער סומע. ווען די שטאָט־פאָרשטייער זיינען אָנגעקומען, האָט כמיעלניצקי קודם זיי מכבד

געווען מיט בראַנפן. און דערנאָך האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „אָט לאָז איך אייך איבער אויך די יידן, די שמוציקע ברואים. כּיפּאַרלאַנג זיי נישט מער. זאָלן זיי נאָר אַ סך צושטייער געבן צו דער סומע, אויב זיי האָבן פון די קאָזאַקן אין אוקראַינע צוזאַמענגענומען אַזוי פיל אוצרות".

צוויי וואָכן האָט מען זיך געדונגען מיט כמיעלניצקין און טאַהיי־ביי. מ'איז ענדלעך דורכגעקומען. פאַרשטייער פון די קאָזאַקן און טאָטערן זיינען אַוועק אין שטאָט אַריין צו נעמען דאָס אויסקויף־געלט. די קאָזאַקישע און טאָטערישע פאַרשטייער האָט מען איבערגעקויפט און זיי האָבן מסכים געווען אויף אַ קלענערער סומע. ביי די יידן האָט מען פאַר דעם צוועק גענומען אַ באַדייטנדיקן חלק. מ'האָט ביי זיי גענומען געלט און פאַרשידענע סחורות. אויך די פּאָליאַקן, אוקראַינער און אַרמענער האָבן איינגעצאָלט זייערע חלקים. דער קאָזאַקישער העטמאַן האָט באַקומען 700 טויזנט פּוילישע זלאָטעס אויסקויף־געלט, ווי אויך אַלס צולאָג מלבושים און סחורות אין ווערט פון 20 טויזנט זלאָטעס פאַר אים פּער־זענלעך.

בעת די לאַנג־דויערנדיקע אונטערהאַנדלונגען האָט קריוואָנאָס דער־ווייל איינגענומען אַ באַלאַגערטן שלאָס אין שכנות פון לעמבערג. פון די מענטשן, וועלכע ער האָט געטראָפן אין שלאָס, האָט ער אַ טייל אָפּגע־האַקט די קעפּ און די רעשט אויסגעטאָן נאַקעט און זיי פאַרקויפט צו די טאָטערן.

דעם 23־טן אָקטאָבער זיינען די קאָזאַקן און טאָטערן אַוועק אויפן וועג קיין זאַמאָשטש. די גרעסטע שחיטה, וואָס די קאָזאַקן האָבן דאָס־מאָל דורכגעפירט צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג פון לעמבערג, איז גראָד געווען צווישן די פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער. בעת דער באַלאַ־גערונג האָבן די יידן שטאַרק געליטן פון הונגער און עפּידעמיעס. די צאָל פון זייערע קרבנות ווערט, לויט יידישע קוואַלן, געשאַצט אין מערערע טויזנטער.

אַ צווייט מאָל האָט כמיעלניצקי באַלאַגערט לעמבערג אין יאָר 1655 — שוין צוזאַמען מיט די רוסן. דעמאָלט האָט ער די שטאָט אויך נישט געקאָנט איינעמען און איז ווידער אַוועק בלויז מיט אויסקויף־געלט. פאַרן צוקומען דאָס ערשטע מאָל צו לעמבערג און בעת דער באַלאַ־

גערונג האָבן די קאָזאַקן געווילדעוועט און חרוב געמאַכט אַ ריי ישובים אין רויט־רייסן (מזרח־גאַליציע). אַזוי איז אויך געווען אויפן וועג קיין זאַמאָשטש. צווישן קאָזאַקן און טאַטערן איז געווען אַ מין אַרבעט־פאַר־טיילונג: די ערשטע האָבן געשאָכטן אין די שטעט און די צווייטע — אין די דערפער. צו שעכטן די אוקראַאינישע ברידער, וואָס זיי זיינען געגאַנגען „באַפרייען פון ליאַכישן יאָך״, האָבן די קאָזאַקן על פי רוב איבערגעגעבן זייערע פאַרבינדעטע. באַלד ווי זיי זיינען צוגעקומען צו לעמבערג, האָבן די טאַטערן פאַרברענט דאָס שכנותדיקע דאָרף ברוכאַ־וויצאַ, די פויערים געהרגעט און זייערע פרויען געגומען געפאַנגען. אין די דערפער, וואו עס זיינען געווען פוילישע פויערים, האָבן די קאָזאַקן אַליין געטאָן די רוצחישע מלאָכה. אַ סך דערפער זיינען געוואָרן אָפּגע־מעקט פון דער ערד.

די יידן האָבן געליטן פון ביידע. אין דער שטאָט קאַלוש זיינען די יידן באַפאַלן געוואָרן. זיי איז געלונגען אַרויסצוקריגן זיך פון שטאָט און אַנטלויפן אין די וועלדער. זיי זיינען אַוועק צווישן די בערג פון סוכאַ־דאָלאַ. אָרטיקע פויערים האָבן נאָכגעיאָגט די יידן און עטלעכע צענטליק פון זיי דערהרגעט צווישן די בערג.

ווען די יידן פון פאַדהייעץ האָבן דערהערט, אַז די קאָזאַקן קומען, זיינען זיי אַנטלאָפן און מיטגענומען וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אויפן וועג האָבן זיי אין מיטן העלן טאָג זיך אָפּגעשטעלט ביי לוצי, כדי זיך אָפּצורוען און פאַשן די פערד. אָרטיקע פויערים האָבן זיך פאַרזאַמלט און נישט געלאָזט די יידן ווייטער פאָרן. במשך פון דער נאַכט איז דער המון פויערים געוואַקסן. פאַרטאָג האָט דער המון זיך געוואָרפן אויף די יידן. אַ טייל האָבן געפונען דעם טויט אויפן אָרט, די אַנדערע זיינען שווער צעמזיקט געוואָרן. דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס האָבן די פויערים צעראַבירט.

בעת דער באַלאַגערונג פון לעמבערג זיינען אָפּטיילונגען קאָזאַקן געשיקט געוואָרן איינצונעמען ישובים ווייטער צו מערב זייט. זיי זיינען דערגאַנגען ביזן טייך סאַן. אויפן וועג צו פשעמישל און יאַראָסלאַוו האָבן זיי ראַבירט, געברענט און געמאָרדעט. זיי האָבן געמאַכט שטאַרקע באַמיאונגען איינצונעמען די שטאָט פשעמישל, און ס׳איז זיי נישט

געלונגען. די קאַזאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון פּולקאָווניק קאַפּוסטינ־סקי, זיינען צעקלאַפּט געוואָרן און האָבן אין שטאָט נישט געקאָנט זיך אַריינרייסן. יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון פּשעמישל. לויט אַ באַשלוס, וואָס דער סיימיק פון רייסן האָט אָנגענומען, זיינען די פּשעמישלער יידן געווען מחויב זיך צוגרייטן צו באַשיצן די שטאָט און באַזאָרגן אַ האַרמאַט און ביקסן.

אויך אין בוטשאַטש און סאָקאַל האָבן יידן געקעמפט צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן און געהאָלפן אָפּשטויסן דעם שונא.

יאַזלאָוויעץ האָט אויסגעהאַלטן די באַלאַגערונג פון די קאַזאַקן און אָפּגעשטויסן זייערע אַטאַקעס. אין דער פאַרטיידיקונג האָבן אויך די יידן זיך באַטייליקט.

די יידן האָבן שטאַרק געליטן אין טרעמבאָוולע. נאָך אין די יאָרן 1618—30 האָבן זיי געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון טאָטערישע אָנפאַלן. מיט די אָרטיקע מיעשטשאַנעס האָבן זיי נישט געלעבט שווה־בשווה. צוליב קאָנקורענץ אין האַנדל און מלאָכה. נאָך אין זעלבן פאַטאַלן יאָר 1648 איז אויסגעקומען מיט די ענינים זיך צו פאַרנעמען. דער סטאַראָסטע האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן תקנות, וואָס האָבן געצילט דערצו, אַז די קריסטלעכע סוחרים און בעלי־מלאָכות זאָלן נישט פילן די יידישע קאָנקורענץ. ווען די קאַזאַקן האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, האָבן די אָרטיקע פּאָליאַקן און אוקראַינער פייערלעך אָפּגעמאַכט מיט בשותּפותדיקע כוחות צו פאַרטיידיקן די שטאָט. זיי זיינען אָבער נישט געווען בכוח אויס־צוהאַלטן דעם אָנגריף פון די קאַזאַקן און טאָטערן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. די גאַנצע באַפעלקערונג האָט שטאַרק געליטן, אָבער די יידן — אַממערסטן. די וועלכע זיינען געשאָנעוועט געוואָרן פון שונאס שווערד, זיינען געפאַלן אַ קרבן פון הונגער און עפּידעמיע. ווי גרויס דער הונגער איז געווען, קען מען זען דערפון, וואָס מיהאָט געמאָלן קאָרע פון ביימער, דאָס אויסגעמישט מיט פּלעווע און פון דעם „מעל" געבאַקן ברויט. געווען איינצלנע פאַלן, ווען מיהאָט געגעסן דאָס פלייש פון מתים. אין יאָר 1651 איז די שטאָט ווידער געווען אַן אַרענע פון שלאַכטן. די באַפעלקערונג האָט זיך קאָנצענטרירט אין שלאָס, וואו זי

איז באַלאַגערט געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער זיינען אַ סך געפאַלן קרבנות פון דער „מאַראַווע זאַראַזע".

די שטאָט בראַד איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די קאָזאַקן. פיל מענטשן זיינען דערביי אומגעקומען. אַ סך יידן און פּאָליאַקן זיינען אַוועק אין שלאָס און געמיינזאַם דורכגעפירט מיט דערפאָלג די פאַר־טיידיקונג. ווי אין פיל אַנדערע ערטער, האָבן אויך דאָ די קאָזאַקן אַרויס־געוויזן זייער אומפעאיקייט איינצונעמען גוט־פאַרטיידיקטע שלעסער און פעסטונגען. נישט געקוקט דערויף, וואָס די קאָזאַקישע שווערד האָט דעם רוב בראָדער יידן נישט דערגרייכט, האָבן זיי דאָך געצאָלט אַ טייערן פּרייז. בערך טויזנט יידן זיינען אומגעקומען פון דזשומע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער איבערגעפּאַקטער פעסטונג.

אין „צוק העתים" ווערט איבערגעגעבן, אַז אין דער באַפעסטיקטער שטאָט זשאָלקעוו זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן ביז 10 טויזנט יידן. דער שונא האָט באַלאַגערט די פעסטונג און געפּרוּווט דורכברעכן די ווענט. די פאַרטיידיקער האָבן געגאָסן אויף די באַלאַגערער זודיק וואַסער. אַזוי ווי דער שונא האָט די פעסטונג נישט געקענט איינגעמען, האָט ער אויס־געדריקט זיין ווילן אָפּצוטרעטן בתנאי, אַז די באַלאַגערטע זאָלן געבן אויסקויף־געלט. די שטאָט האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע פון דריי פּערזאָן: אַ פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ, אַן אוניאַטישן אוקראַאינער און איינעם פון די פּליטים — אַ טשערניגאָווער ייד. מ׳איז אַדורכגעקומען וועגן פּרייז. די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען. מ׳האָט די סומע צונויפגע־זאַמלט און די באַלאַגערונג איז אַראָפּגענומען געוואָרן.

די פאַרטיידיקער פון בעלז האָבן אויך אויסגעהאַלטן. יידן האָבן זיך באַטייליקט אין ווידערשטאַנד.

אין קאַמאַרנאַ האָבן אויך יידן זיך באַטייליקט אין פאַרטיידיקן דעם באַלאַגערטן ישוב. אַלע אַטאַקעס פון די קאָזאַקן און טאָטערן זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן מיט גרויסע פאַרלוסטן פאַרן שונא און זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן.

סטרי, וואו עס האָבן געוואוינט פּאָליאַקן, יידן און אוקראַאינער — מיט אַ באַדייטנדער איבערגעוויכט פון די לעצטע — איז אויך שטאַרק צעשטערט געוואָרן דורך די קאָזאַקן. עס זיינען צעשטערט און פאַרוויסט

געוואָרן בערך 200 הייזער. נאָך דעם האָבן דאָרט געבושעוועט עפּידעמיעס און מענטשן זיינען געפאַלן פון הונגער.

צווישן אַנדערע האָבן אויך געליטן די יידן אין יאַוואָראָוו, בוסק און סאָטאַנאָוו.

די ניצול־געוואָרענע יידן אין פאַרשידענע ישובים זיינען נאָכן אַוועקגיין פון שונא נאָך געוואָרן געפּייניקט, באַרויבט און געמאָרדעט דורך אָרטיקע צעווילדעוועטע אוקראַינער. אַ ביישפּיל דערפון גיט די געשיכטע פון אַרענדאַר נתן פון כאָדאָראָוו. ווען די קאָזאַקן זיינען אָנגעקומען, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אויף דער אָזערע. ווען זיי זיינען אַוועק און ס׳איז געוואָרן רואיק, איז ער געקומען קיין קניהיניטשע. די מיעשטשאַנעס האָבן אים באַרואיקט און מבטיח געווען, אַז מ׳וועט אים נישט טשעפּן. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט צום פּאָפּ און געהייסן אים בלייבן אין דער כאַטע. עטלעכע טעג איז דער ייד געבליבן אין דער כאַטע פון פּאָפּ. נאָך דעם, — געווען איז דאָס דעם 15־טן דעצעמבער 1648, — זיינען געקומען די מיעשטשאַנעס און געהייסן זיך אַרויסגעבן דעם ייד. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אויפן צמענטאַר ביים קאַטוילישן קאָשטשאָל און דאָרט דערשאָסן. די מערדער האָבן פון ייד אַראָפּגענומען די מלבושים און פאַרבאָטן מקבר צו זיין דעם מת. די אַראָפּגעצויגענע מלבושים האָט צוגענומען דער פּאָפּ און ער האָט זיי אויף זיך געטראָגן חדשים לאַנג. דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן, — ווי דעם יידס קרובים האָבן שפּעטער באַשולדיקט אין אַן אָנקלאַגע, — כדי אים צו באַרויבן, צונעמען זיין פאַרמעגן און אים נישט דאַרפן באַצאָלן חובות. דאָס געוויסן פון גייסטלעכן — פּעדאָר איז געווען זיין נאָמען — האָט מתיר געווען דעם מאָרד און דאָס טראָגן אויפן אייגענעם גוף די מלבושים, וואָס זיינען אַראָפּגעצויגן געוואָרן פון קרבן.

נאָכן אָפּטאָן די מערדערישע פאַרניכטונג־אַרבעט אין די ראַיאָנען פון לעמבערג און בעלז, זיינען די קאָזאַקן און טאָטערן אַריינגעדרונגען ווייטער אויף צפון־מערב. זיי זיינען דערגאַנגען אַזש ביז די טויערן פון לובלין, ווי אויך צו קוזמיר און סאַנדאָמיר ביי דער ווייסל. אויפן וועג פון לעמבערג ביז לובלין האָבן די קאָזאַקן און טאָטערן געמאָרדעט אין די שטעטלעך און דערפער די יידן, פּאָליאַקן און אוניאַטישע אוקראַינער.

אי די קאַזאַקן, אי די טאַטערן האָבן אָבער אויך נישט געשאַנעוועט קיין פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער און פיל פון זיי זיינען אומגעקומען. מיט פייער און בלוט איז געצייכנט געוואָרן דער קאַזאַקיש־טאַטערישער וועג.

כמיעלניצקיס הויפּט־כוחות זיינען געוואָרן קאָנצענטרירט ביי זאַמאָשטש. די קאַזאַקן און טאַטערן האָבן אַרומגערינגלט און באַלאַגערט די פעסטונג. פון 60 האַרמאַטן האָט דער שונא באָמבאַרדירט די מויערן, דאָך האָט ער די שטאָט נישט געקענט איינעמען. אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַזאַקיש־טאַטערישע אַרמיי איז נישט בכוח צו שטורמען אַ פעסטונג, אויב ס׳איז נאָר פאַראַן אַ געהעריקע פאַרטיידיקונג. אין דער פעסטונג גופא איז אָבער געווען אַ געפערלעכער אינערלעכער שונא — הונגער און פעסט, וואָס זיינען געווען דער מלאך־המוות פון דער באַפעלקערונג. 4 וואָכן צייט האָט די באַפעלקערונג — קריסטן און יידן — געמוזט קעמפן קעגן די צוויי שונאים. דער ווידערשטאַנד, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויך באַטייליקט די יידן, איז דאָך נישט געווען געבראָכן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנטרינען, און דאָס אונטערגעבן זיך באַדייט דאָס ערגסטע. כמיעלניצקי האָט סוף־כל־סוף זיך מיאש געווען און אויפגעהערט גלויבן, אַז ער וועט קענען איינעמען די פעסטונג. און ער האָט געאיילט זיך צוריקצוציען אין היימלאַנד אוקראַינע, וואָרים דער ווינטער איז אָנגעקומען. האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ קליינער סומע אויסקויף־געלט פון 20 טויזנט זלאָטעס און איז אַוועק.

בעת דער באַלאַגערונג זאָלן האָבן געשטאָרבן פון הונגער און מגפות, עטלעכע טויזנט יידן, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון פאַרשידענע ישובים. פאַרן אָפּטרעטן האָבן די טאַטערן געבערענגט צו דער זאַמאָשטשער קהילה עטלעכע הונדערט יידישע געפאַנגענע און די יידן האָבן זיי אויסגעקויפט. פיל מער האָבן אָבער די טאַטערן אַוועקגעפירט מיט זיך. אויפן ווייטערן וועג האָבן זיי טויזנטער געפאַנגענע יידן דערהרגעט, אַ סך זיינען געפאַלן פון הונגער און בלויז אַ טייל זיינען אָנגעקומען קיין קרים. דעם זעלבן גורל האָבן אויך געהאַט געפאַנגענע קריסטן — ציווילע און מיליטער־לייט.

אין דער צייט — אָנהויב נאָוועמבער — איז די גרעסטע שחיטה

פאַרגעקומען אין נאַראָל. דאָס איז געווען אַ שטעטל מיט מאַגדעבורגער רעכט, וואו יידן און פּאָליאַקן האָבן געלעבט בשלום. יידישע און פּוילישע סוחרים האָבן געפירט אַ האַנדל מיט דאַנציג, און זיי זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגלעך. אַלץ איז דורך די קאַזאַקיש־טאָטערישע האָרדעס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אַש און שטויב. אויפן וועג צו זאַמאָשטש האָבן כמיעלניצקיס חיילות באַלאַגערט נאַראָל. די קאָזאַקן זיינען אָנגעקומען פון צפון־זייט און די טאָטערן — פון דרום־זייט. אַחוץ די אָרטיקע איינוואוינער זיינען דאָרט געווען צוזאַמענגעלאָפן פיל טויזנטער פּריצים, פּויערים און יידן. די לעצטע האָבן געוואָלט ווייטער לויפן, אָבער מ׳האָט זיי נישט געלאָזט, מיטן מאָטיוו, אַז אויך די יידן מוזן זיך באַטייליקן אין ווידערשטאַנד. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פאַרטיידיקונג. דער שונא האָט אונטערגעצונדן די פאָרשטאָט, אָבער ער איז צוריקגעשלאָגן געוואָרן. כמיעלניצקי האָט צוגעשיקט פאַרשטאַרקונגען, און 3 טעג זיינען פאַרגע־קומען שלאַכטן צווישן די באַלאַגערטע און באַלאַגערער. די טאָטערן זיינען אויף די פערד אַריבערגעשוואומען די אָזערע און אויף אַזאַ אופן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. און דער ווידערשטאַנד, אין וועלכן אויך די יידן האָבן זיך באַטייליקט, איז געבראָכן געוואָרן.

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מוראדיקע שחיטה פון יידן. עטלעכע הונדערט זיינען אַריינגעלאָפן אין שול און דאָרט זיך פאַרשפּאַרט. די קאָזאַקן האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן און אַלע דערהרגעט. די פּני האָט מען אַרויפגענומען אויף דער בימה און דאָרט זיי אומגעברענגט. נאָך דעם האָבן זיי אונטערגעצונדן די שול צוזאַמען מיט די הרוגים. אַ צאָל יידן האָבן זיך געפּרוּווט ראַטעווען דורך שפּרינגען אין טייך טאַנעוו, אָבער אַ סך פון זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן. די לעבן־געבליבענע האָט מען שרעקלעך געפּייניקט. די טאָטערן האָבן אויסגעקליבן די שענסטע פרויען און זיי אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט. טויזנטער מתים האָבן זיך געוואַלגערט אַ לאַנגע צייט. הינט, חזירים און וואָראָנעס האָבן געפרעסן די טויטע גופים. עטלעכע הונדערט נפשות, על פּי רוב פרויען, זיינען געבליבן ליגן צווישן די קופּעס טויטע, און זיך אויפגעהויבן, ווען דער שונא איז אַוועק. וועגן דער גרויס פון דער צאָל קרבנות איז מען שטאַרק מחולק: דער רוב יידישע און נישט־יידישע קוואַלן גיבן־אָן די צאָל

אומגעקומענע יידן אויף 10—12 טויזנט. פאַראַן אויך נידעריקערע שאַ־צונגען. צוזאַמען — יידן און נישט־יידן — זאָל די צאָל קרבנות אין נאַראָל באַטרעפן בערך 20 טויזנט. פון פשעמישל זיינען געקומען יידן מקבר צו זיין די נאַראָלער הרוגים.

אַ סך ישובים פון לובלינער ראַיאָן זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. אין טאָמאַשאָוו זיינען געהרגעט געוואָרן טויזנטער יידן. פון יידישע קוואַלן ווערן איבערגעגעבן פאַרשידענע פרטים פון דער טאָמאַשאָווער שחיטה. אין „צוק העתים" ווערט דערציילט: יינגלעך זיינען געזעסן און גע־לערנט ביים טיש. די קאָזאַקן זיינען אַריין, האָבן דעם טיש צוגעדריקט צו דער וואַנט און אויף אַזאַ אופן די קינדער צעקוועטשט צום טויט. לויט אַ צווייטן מקור, האָט מען אויף די גאַסן פאַנאַנדערגעוויקלט די ספר־תורהס און אויף די יריעות געשאָכטן יידן. אין מקווה זאָל מען האָבן אַריינגעוואָרפן פיל הונדערטער קינדער און מיהאָט זיי דאָרט לעבעדיק באַגראָבן.

אין שעברשין זאָל מען האָבן דערהרגעט בערך 2 טויזנט יידן. די קאָזאַקן האָבן דאָרט געפּראַוועט די העסלעכסטע אַרגיעס. מיידלעך און פרויען זיינען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן. די קאָזאַקן האָבן די פרויען אויסגעטאָן נאַקעט און אַזוי געלאָזט שטיין אַ לאַנגע צייט. זיי זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און די באַהאַלטענע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער דערמאָרדעט. די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון די הרוגים. פיל קינדער האָבן די ווילדע רוצחים אַריינגעוואָרפן אין די אָפּטריטן. צווישן די הרוגים האָט מען שפּעטער געפונען זויג־קינדער ביי דער מוטערס ברוסט.

אין ביכעווע האָט מען דערהרגעט הונדערטער יידן. צווישן די הרוגים זיינען געבליבן ליגן אַ סך צעקאַליעטשעטע, וועלכע האָבן נאָך געלעבט. די מערדער האָבן געהייסן אַלע אָן אויסנאַם מקבר זיין. די פאַרוואונדעטע האָבן געבעטן, אַז מ'זאָל זיי איבערלאָזן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן — זיי זיינען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט.

פון די אַנדערע שטעטלעך האָבן געליטן: קראַשניק (500 הרוגים), בעלזשיץ, טורבין, טאַרנאָגראָד, בילגאָריי, גאָריי, זאַקליקאָוו, קראַסני־בראָד און אַ ריי אַנדערע. אַ טייל פון די שטעטלעך זיינען אָוועק מיטן

רויך. הריגות זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן אויך צווישן דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג. קופעס הרוגים, באַגאָסן מיט בלוט, האָבן די קאַ־זאַקן און טאַטערן אונטערגעצונדן.

כמיעלניצקיס מחנות האָבן זיך אויך געלאָזט קיין לובלין. 4 מייל, דרום פון דער שטאָט, אויפן וועג פון זאַמאָשטש, זיינען זיי געבליבן שטיין און ווייטער נישט געגאַנגען. די לובלינער איינוואוינער האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן די שטאָט. אַ סך רייכע יידן זיינען באַצייטנס אַנטלאָפן, ס׳איז אָבער געבליבן די גאַנצע יידישע אָרימקייט, ווי אויך פיל פליטים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. צווישן זיי אַלע האָט געהערשט הונגער און מ׳איז געזונקען אין שמוץ. ס׳איז מחמת דעם אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מגפה, פון וועלכער עס זיינען אומגעקומען פיל טויזנטער יידן.

וועגן דעם פאַרוואָס כמיעלניצקי האָט אָפּגעשטעלט דעם מאַרש אויף לובלין האָבן זיך געשאַפן לעגענדעס. ס׳איז דערציילט געוואָרן, אַז דעם 10־טן נאָוועמבער 1648, 1 ביינאַכט, איז געשען אַ נס: אויפן הימל איבערן קאָשטשאָל פון די דאָמיניקאַנער האָט זיך באַוויזן אַ גרויס ליכט. פון דער ליכט האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ שווערד און דער שפיץ האָט זיך געווענדט אין דער ריכטונג פון זאַמאָשטש. נאָכדעם איז פון שפיץ שווערד אַרויס אַ פייערדיקע פייל און איז שנעל געלאָפן אויפן הימל אין דער זעלבער ריכטונג. די קאָזאַקן האָבן דאָס געזען, פאַרשטאַנען דעם צייכן פון הימל — און אָפּגעטרעטן. דאָס איז דער פּוילישער נוסח. די קאָזאַקן האָבן געהאַט זייערס אַ נוסח. ביי יידן האָט מען געגלויבט, אַז די קאָזאַקן באַנוצן זיך מיט כישוף. נתן נטע האַנאָווער דערציילט, אַז ביי זאַמאָשטש האָבן זיי „מיט כישוף באַשאַפן אַ פייער־שלאַנג און אים אַרויסגעלאָזט אין דער לופטן,״ כדי פון קירעווען זיך פון פייער־שלאַנג געוואָר צו ווערן צי זיי וועלן זיגן.

די קאָזאַקן זיינען אַוועק און די שטאָט האָט אָפּגעאָטעמט אַ פּאָר יאָר. אין 1651 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ סעסיע פון וועד ארבע ארצות, וואָס האָט באַשטימט אויף כ׳ סיון פון יעדן יאָר אַ תענית ציבור צום יאָרצייט פון דער שחיטה אין נעמיראָוו.

לובלין האָט שפּעטער געצאָלט דעם טייערן בלוט־פּרייז. אין יאָר

1655 זיינען די שונאים געקומען פון דריי זייטן: פון דרום־מזרח — ווידער כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן און טאָטערן, פון מזרח — די רוסן, און פון צפון — די שוועדן. דעם 15־טן אָקטאָבער האָבן די קאָזאַקן זיך אַריינגעריסן אין יידישן קוואַרטאַל און אָנגעהויבן קודם־כל מיט רויבעריי. מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען ס׳זיינען אויך אָנגעקומען די רוסן, האָבן זיך אָנגעהויבן די הריגות. די הייזער און בתי־תפילה זיינען געוואָרן צעשטערט און פאַרברענט. אונטער די חורבות האָט מען געפונען 2700 מתים. אַ טייל יידן האָבן געפּרואווט אַנטלויפן קיין קוראָוו. די קאָזאַקן האָבן נאָכגעיאָגט די יידן און זיי געממיתט אויף די פעלדער, אין די וועלדער און אין די דערפער. די טויטע גופים זיינען געוואָרן אַ פּרעס פאַר די הינט און וואָראַנעס. אַ לובלינער בירגער פון יענער צייט, אַ קריסט, דערציילט, אַז מען האָט די יידן ווי די שאָף, יינג און אַלט, אַרויסגעטריבן פון די קריסטלעכע הייזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַהאַלטן. מ׳האָט זיי געטריבן ווי צו דער שחיטה־באַנק און זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ שרעקלעכן געשריי און געיאָמער. — די וועלכע זיינען געבליבן לעבן, האָט מען געהייסן אויסקלויבן צווישן טויט און שמד. אַלע האָבן אויסגעקליבן טויט איידער פאַרראַטן דעם יידישן גלויבן. עס ווערט געשאַצט, אַז עס זיינען אומגעקומען איבער 10 טויזנט יידישע נפשות. די קאָזאַקן זיינען געווען אונטער דער אָנפירונג פון זאַלאָטאַרענקאָ.

בעת דעם מאַרש אויף זאַמאָשטש און פון דאָרט קיין וואָלין האָבן די קאָזאַקיש־טאָטערישע מחנות צעשטערט אַ ריי ישובים און דורכגעפירט הריגות אין די געגנטן פון כעלם און הרוביעשאָוו.

עס זיינען דערהרגעט געוואָרן די יידן פון דובענקע און קאָריטניצע. הרוביעשאָוו איז צעשטערט געוואָרן. עס זיינען דאָרט אומגעקומען אייניקע הונדערט יידן און אַ גרויסע צאָל אוניאַטישע אוקראַינער.

כעלם איז געווען אַ שטאָט, וואָס האָט זיך גוט אַנטוויקלט און איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. אין נאָוועמבער 1648 האָבן די קאָזאַקן די שטאָט פאַרברענט. די כעלמער באַפעלקערונג, די יידן בתוכם, האָט געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, אָבער זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק פון שונא. די שטאָט און דער שלאָס זיינען געפאַלן אַ קרבן פון די פלאַמען. דערביי זיינען בערך 400 יידן אומגעקומען.

אין אוכאַן איז געשטעלט געוואָרן אַ דערפאַלגרייכער ווידערשטאַנד און דער שונא האָט די פאַרפעסטיקונגען נישט געקענט איינגעמען. פיל זיינען אָבער אין שטעטל געשטאָרבן פון הונגער און מגפה.

אַ גרויסע שחיטה איז פאָרגעקומען ווייטער אויף צפון, אין וולאָ־דאַווע ביים בוג. עס זיינען זיך דאָרט צונויפגעלאָפן יידן פון שכנישע שטעטלעך. זיי אַלע צוזאַמען מיט די אָרטיקע זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן. די צאָל הרוגים ווערן, לויט יידישע קוואַלן, געשאַצט בערך 10 טויזנט.

אויפן וועג אַהיים האָט דער שונא אַלץ מער און מער פאַרניכטעט וואָלין, וואָס אַ טייל פון איר איז שוין פריער געווען פאַרניכטעט. אין די הריגות האָבן אין אייניקע שטעט שטאַרק מיטגעהאָלפן די אָרטיקע אוקראַינער.

אין קאָוועל האָבן נאָך פריער די יידן און די מיעשטשאַנעס געהאַט סכסוכים אויפן ווירטשאַפטלעכן באָדן. צווישן אַנדערן זיינען געשיקט געוואָרן אָנקלאַגעס צום קעניג, אַז די קאָוועלער יידן קויפן ביי די קריסטן הייזער און שענקען און נעמען אין אָרענדע די שטייערן. אין 1648 האָבן די אוקראַינער מיעשטשאַנעס צוזאַמען מיט די קאָזאַקן דערטרונקען אין טייך יידן און קאַטאָליקן. אַ צווייטן טייל יידן האָט מען צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער געשאָכטן. די רייכערע יידן זיינען זיך צעלאָפן. געבליבן זיינען די אביונים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מיטלען צו ראַטעווען זיך.

אין שטעטל קאָלקי האָט מען ביי דער גראַבליע אויסגעשאָכטן אַ גרויסע צאָל יידן. די גראַבליע איז דעריבער געהאַלטן געוואָרן הייליק ביז די לעצטע צייטן.

אין דובנע האָבן די קאָזאַקן באַלאַגערט דעם שלאָס און אים נישט געקאָנט איינעמען. פאַר די יידן איז דאָס אָבער נישט געווען קיין רעטונג, ווייל מ׳האָט זיי אין שלאָס נישט אַריינגעלאָזט. זיי זיינען טאַקע אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן פאַר דער פעסטונג. די צאָל אומגעקומענע יידישע נפשות ווערט געשאַצט ביז 1500. די הריגה איז אויסגעפירט געוואָרן נאָך דעם ווי די יידן האָבן פאַרענדיקט דאָס דאַווענען.

אין אָסטראָה זיינען צוויי מאָל פאָרגעקומען שחיטות — בעת די

קאַזאַקיש־טאַטערישע חיילות זיינען געגאַנגען פאַרויס און בעת זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

די ערשטע הריגה איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1648. אין דער שטאָט, וואָס האָט געציילט 1500 יידישע משפחות, זיינען געווען אַ סך גבירים און לומדים. זיי האָבן באַשלאָסן צו לויפן טיפער אין לאַנד אַריין, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די רוצחישע הענט. אַזוי ווי דער שונא האָט זיך אָנגערוקט שנעל, איז געמאָלדן געוואָרן, אַז מ׳זאָל באַלד אַרויס פון שטאָט און נישט וואַגן איבערצונעמען. מ׳איז געלאָפן אין בהלה און ווייניק־וואָס מיטגענומען. אַ סך האָבן אָבער נישט געהאַט קיין כוח און קיין מיטלען צו אַנטלויפן. די געבליבענע זיינען מיט מיתות משונות פאַרטיליקט געוואָרן.

די הריגה איז פאָרגעקומען ביי דער גרויסער שול. פרויען האָט מען פאַרגוואַלטיקט. די קרבנות האָט מען געשטאָכן, געהאַנגען, פאַרברענט און דערטרונקען. טאַטעס מיט זייערע קינדער האָט מען צוזאַמען געהאַנגען אויף די ביימער. אויך די יידן, וועלכע מ׳האָט געטראָפן אין דער אַרומיקער געגנט, האָט מען דערהרגעט. די קאָזאַקן, וועלכע האָבן דאָ געווילדעוועט, זיינען געווען אונטער דער אָנפירונג פון פּולקאָווניק טישאַ. זיי האָבן אַריינגעוואָרפן די קליינע קינדער אין די ברונעמס און דריי ברונעמס פול געמאַכט.

אַחוץ די יידן האָט מען אויך דערהרגעט אַ צאָל אָרטיקע אוקראַינער. אַלע הרוגים, יידן און אוקראַינער, האָט מען צונויפגעשאַרט אין איין גאַס און אַנגעלייגט קופּעס. די שול האָבן די קאָזאַקן פאַרוואַנדלט אין אַ פערד־שטאַל. די יידישע הייזער זיינען געוואָרן צעגראַבן, ווייל די רוצחים האָבן דאָרט געזוכט באַהאַלטענע אוצרות. ס׳איז אָנגעקומען פּויליש מיליטער און די קאָזאַקישע מחנות פולשטענדיק צעקלאַפּט. דערביי איז די שטאָט פאַרברענט געוואָרן. דערמיט איז אסטראָה נאָך נישט אָפּגעקומען.

אין אָנהויב 1649 האָבן יידן זיך אָנגעהויבן אומקערן און זיך גענומען צוריק אויפבויען זייערע חרובע היימען. זייער צאָל איז געווען בערך 300. אינגיכן זיינען, לויטן רוף פון אַ טייל מיעשטשאַנעס, די קאָזאַקן ווידער געקומען. אונטער דער אָנפירונג פון פּולקאָווניק האָראַשקאָ

האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און ווידער דורכגעפירט אַ שחיטה. דאָס איז געווען י״ט אדר שנת ת״ט. די קאָזאַקן זיינען אַנגעקומען אין מיטן נאַכט. זיי האָבן דערהרגעט 400 מיעשטשאַנעס, אַפילו אוקראַינער, און די צוריקגעקומענע יידן. בערך 500 קאָזאַקן זיינען אַריין אין די יידישע הייזער און אויסגעשאָכטן די יידן אין די בעטן. פרויען און מיידלעך האָט מען פאַרגוואַלטיקט. ס׳זיינען געווען אייניקע פאַלן, ווען יידישע פרויען האָבן געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד זייערע פאַר־גוואַלטיקער און שענדער. בלויז 3 יידן האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן און ראַטעווען. דייטשע זעלנער פון פוילישן גאַרניזאָן האָבן געפּרואווט געבן שוץ די יידן, ס׳האָט אָבער קיין פּעולה נישט געהאַט. לויט יידישע קוואַלן, זאָל די צאָל קרבנות פוןביידע הריגות האָבן דערגאַנגען ביז 7 טויזנט. לויט אַנדערע יידישע מקורים — אַ סך ווייניקער.

יידן פון אסטראה, עטלעכע הונדערט אין צאָל, האָבן אין 1649 זיך באַוואָפנט און זיך פאַראייניקט מיטן פוילישן מיליטער. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין מיליטערישע אָפּעראַציעס און שלאַכטן, וואָס האָבן געצוואונגען דעם שונא צו פאַרלאָזן עטלעכע שטעט.

פאַרן אומקום האָט די יידישע קהילה אין אסטראה געשמט מיט איר ישיבה, רבנים און לומדישע אויטאָריטעטן. ביז נישט לאַנג צוריק זיינען אויף אַ גאַס פון שטאָט געווען דריי רייען קברים, וואו מ׳זאָל האָבן מקבר געווען די קרבנות פון די קאָזאַקישע שחיטות. תשעה באָב פלעגן יידן קומען צו די קברים, זאָגן תפילות און וואַרפן אויף זיי קנאָבל. אייניקע ערטער זיינען ביז די לעצטע צייטן געווען אַרומגעצוימט. די יידן האָבן אַכטונג געגעבן, אַז מ׳זאָל זיי נישט פאַרבויען. לויט אַ מסורה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, זאָלן דאָרט האָבן געווען די ברונעמס, וואָס זיינען פאַרפולט געוואָרן מיט די דערמאָרדעטע יידישע קינדער.

דאָס שטעטל אָליק האָט געהאַט פאַרפעסטיקונגען, אָבער קיין ערנסטער שטער פאַר די קאָזאַקן זיינען זיי נישט געווען. אין 1648 איז דער ישוב געוואָרן באַרויבט און אונטערגעצונדן. עס זאָלן האָבן אומגעקומען 200 יידישע נפשות. אַ צווייט מאָל האָט אַ גרויסע קאָזאַקישע אַרמיי באַלאַגערט דאָס שטעטל אין יאָר 1651. דער פוילישער גאַרניזאָן

האָט נאָך אַ 3־טאָגיקער שלאַכט געצוואונגען די קאָזאַקן אָפּצוטרעטן. אין יאָר 1655 האָבן זיך ווידער דאָ באַזעצט יידן און ס׳איז געוואָרן אַ יידישער ישוב. דאָס זיינען געווען פּליטים פון אַנדערע אוקראַינישע מקומות. דעם 10־טן יוני 1655 איז פאָרגעקומען די ערשטע לוויה פון באַנייטן יידישן ישוב. בעת דער קבורה איז אַ שיכורער המון באַפאַלן די יידן און זיי צעשלאָגן. די שיכורים האָבן מבזה געווען דעם מת און אים אַרויסגעוואָרפן פון קבר.

די קאָזאַקן האָבן פאַרנומען קאָרעץ און מעזשיריטש. אַלע יידן זיינען געוואָרן אויסגעהרגעט.

אין בערעזנא, קרעמענעצער פּאָוויאַט, זיינען אומגעקומען 50 משפחות. אין בערעזשינצי, ראָוונער פּאָוויאַט, האָבן בעתן קאָזאַקישן אָנפאַל יידן געצאָלט מיט 100 קרבנות.

אויך אין לוצק האָבן די יידן שטאַרק געליטן. דאָס זעלבע איז געווען אין לודמיר. אין ביידע שטעט האָט מען גענייט די יידן איבערצוגיין צום קריסטנטום. די וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט שמדן, האָט מען אומגעברענגט.

אין לוצק זיינען פון 84 יידישע הייזער אין 1648 געבליבן נישט מער ווי 29. עס זאָלן האָבן אומגעקומען 200 יידן. אויך די קאַראַימער האָבן די קאָזאַקן נישט געשוינט. פון 20 קאַראַימישע הייזער זיינען געבליבן קוים 3. אַרום לוצק האָט געווילדעוועט אַ באַנדע אונטער דער אָנפירונג פון קאָלאָדקאָ און זי האָט אומגעברענגט די יידן.

אין לודמיר, וואָס איז געווען איינער פון די סאַמע עלטסטע יידישע ישובים אין וואָלין, זאָלן האָבן אומגעקומען בערך 100 משפחות.

אַ שחיטה איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אין לובאָמל (ליביוונע).

קרעמענעץ איז געווען אַ שטאָט, וואו יידן זיינען געווען שטאַרק באַגרענעצט אין זייערע רעכט. די אַרטיקע מיעשטשאַנעס האָבן זיך כסדר באַמיט אַרויסצושטופּן די יידן. אין 1648 זיינען צו קרעמענעץ צוגעקומען 7 טויזנט קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון קריוואָנאָס, וואַסילאָוו און קאָסטענסקי. די שטאָט און דעם שלאָס האָבן פאַרטיידיקט אוקראַינער, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די קאָזאַקן. די פאַרטיידיקונג איז געווען אַ גאַנץ שוואַכע און קרעמענעץ איז לייכט אַריינגעפאַלן אין די קאָזאַ־

קישע הענט. 10 וואָכן איז דאָס קאָזאַקישע חייל דאָרט געווען. קריוואָ־נאָס, וואָס האָט דעם גרעסטן מאָרד־רעקאָרד, האָט זיינע קאָזאַקן אויך דאָ געלאָזט ווילדעווען און אַרויסווייזן די ערגסטע אכזריותן. איינער פון זיי האָט גענומען אַ חלף פון שוחט און דערמיט אויסגעשאָכטן אַ סך יידישע קינדער. בכלל זאָלן דאָרט האָבן אומגעקומען 800 יידן.

וועגן אומברענגען די קינדער ווערט אין „יון מצולה” דערציילט:
„אין קרעמענעץ האָט אַ צורר גענומען דעם חלף פון אַ שוחט און האָט אויסגעקוילעט עטלעכע הונדערט יידישע קינדער. ער האָט געפרעגט ביי זיין חבר צי ס׳איז כשר אָדער טריף. האָט דער חבר געענטפערט: טריף, האָט ער דאָס געשאָכטענע קינד געוואָרפן פאַר די הינט... ער האָט דעמאָלט גענומען אַ צווייט געקוילעט קינד, אָוועקגעפירט עס אין שעכט־הויז, געעפנט דאָס פלייש און געפרעגט די אייגענע שאלה. האָט אים דער חבר געענטפערט: יאָ, דאָס איז כשר, האָט ער דאָס געבדקעט, ווי מען טוט מיט ציקעלעך און שעפסעלעך, און געטראָגן דאָס אויף אַ שטאַנג איבער די גאַסן פון דער שטאָט און געשריגן אויפן קול: „ווער וויל האַנדלען ציקעלעך און שעפסעלעך”. לויט „צוק העתים” האָט די צאָל געשאָכטענע קינדער באַטראָפן ביז הונדערט. די שחיטה איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן זעלבן אופן, ווי אַ שוחט שעכט עופות אָדער בהמות — דורך איבערשניידן דעם האַלז. וועגן גרויס פון חורבן אין קרעמענעץ קען מען אויך זען פון דעם, וואָס פון 169 יידישע הייזער זיינען געבליבן קוים 11.

אויפן צוריקוועגס פון זאַמאָשטש איז כמיעלניצקי בראש פון 4 טויזנט קאָזאַקן אַריין קיין זאַסלאוו. אַ טייל יידן זיינען באַצייטנס אַנטלאָפן. פון די פאַרבליבענע זיינען בערך 200 דערמאָרדעט געוואָרן. אַ צאָל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער. ווען דער הונגער און די קעלט האָבן גענומען שטאַרק פייניקן, זיינען זיי צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין. די מיעשטשאַנעס האָבן זיי געכאַפּט און צוגעטרעטן צו דער הריגה, „נאָר די יידן האָבן געבעטן, — דערציילט נתן נטע האַנאָווער, וועלכער איז אַליין אַנטלאָפן פון זאַסלאַוו, — אַז מען זאָל זיי שעכטן אויפן הייליקן אָרט, כדי זיי זאָלן קענען קומען צו קבר־ישראל. און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן הייליקן אָרט אין אַ שטוב אַריין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און

דאָרט האָט מען אַלעמען געהרגעט. דערנאָך האָבן זיי דאָס שטיבל מיט די יידן פאַרברענט״.

לויט אַן אַנדערן יידישן כראָניקער זאָל מען אין זאַסלאַוו האָבן אומגעברענגט 300 יידישע נפשות. אַ העלפט פון דער שטאָט איז אַוועק מיטן פייער. פון 30 יידישע הייזער איז נישט געבליבן קיין איינס. פון דער שול איז געמאַכט געוואָרן אַ פערד־שטאַל. דעם קאַשטשאַל האָט מען צעשטערט.

דער זעלבער האַנאָווער גיט נאָך איבער וועגן אַנטייל פון זאַס־לאַווער יידן אין קאַמף קעגן די רוצחים. צום אַרמיי־פירער פירליי „האָבן זיך באַהעפט עטלעכע הונדערט יידן פון אַרעמען פאָלק, מוטיקע קעמפער, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען נקמה נעמען פון זייערע שונאים. און דער האַר פירליי האָט געשיקט פאַליאַקן און עטלעכע הונדערט יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואו עס זיינען נאָר געווען אוקראַאינישע מורדים און זיי האָבן פאַרפירט אַ מלחמה און אויסגעהרגעט אַ סך יוונים און איינגע־נומען אַלע שטעט.״

לויט אַן אוקראַאינישן קוואַל, האָבן די זאַסלאַווער אוקראַאינער אין 1649 גערופן די קאָזאַקן און זיי אַריינגעלאָזט אין שטאָט. קודם האָבן זיי אויסגעהרגעט די קאַטאָליקן. נאָך דעם האָט מען זיך גענומען צו די יידן. מ׳האָט זיי נישט געוואָלט אומברענגען גלייך, נאָר פריער אָנטאָן יסורים. מ׳האָט איינגעהייצט אויוונס און די יידן צוגעשטופט צו זיי און אויף אַזאַ אופן געפייניקט מיט שטאַרקער היץ. די רוצחים זיינען געשטאַנען אַרום און אַנגעקוואָלן. אין די מערדערייען האָבן זיך אויך אַקטיוו באַ־טייליקט די אָרטיקע פּראַוואָסלאַווע מיעשטשאַנעס. באַלד איז זיי אַליין אויסגעקומען צו פאַרזוכן דעם זעלבן טעם. די טאַטערן זיינען אָנגע־קומען. יידן און קאַטאָליקן זיינען שוין נישט געווען. האָבן די „פאַר־בינדעטע״ טאַטערן זיך אַ נעם געטאָן צו די פּראַוואָסלאַווע אוקראַאינער. זיי האָבן פריער צוגערויבט די פאַרמעגנס און דערנאָך די באַרויבטע פאַרמאַטערט צום טויט. פרויען און מיידלעך האָבן זיי פאַרגוואַלטיקט און פיל פון יינגוואַרג אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט.

אין קאָרניצע האָבן אָפּעריִרט די טאַטערן. די קריסטלעכע באַפעל־

קערונג האָבן זיי אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט, און די יידישע אויסגעשאָכטן.

אין קאַשגאָראָד זיינען 33 יידישע הייזער צעשטערט און פאַרברענט געוואָרן.

אין ניי־ווישנעוויץ זיינען אַלע יידן אויסגעשאָכטן געוואָרן.

אין יאַמפּאָל זיינען אַלע יידישע היימען חרוב געוואָרן.

אין וואָלין זיינען נאָך פאַרניכטעט געוואָרן די יידישע ישובים אין טשאַרטאָריאַ, סטעפּאַן, טאָרטשין.

אין בערעסטעטשקאָ זיינען אומגעקומען קרוב 200 יידישע משפחות. שפּעטער, אין יאָר 1651, האָט אויפן זעלבן אָרט אין דער גרויסער שלאַכט, אין וועלכער די קאָזאַקישע הויפּט־אַרמיי איז צעשמעטערט געוואָרן, אַנטיילגענומען אַן אָפּטיילונג פון טויזנט באַוואָפנטע יידן.

ביי בערעסטעטשקאָ האָבן די קאָזאַקן געליטן אַ קאַטאַסטראָפאַלע מפּלה. נאָך דעם ווי די טאָטערן זיינען אַוועק און „מיטגעפירט" מיט זיך דעם העטמאַן באָגדאַן כמיעלניצקי, האָט די העטמאַנסטוואָ אויפן שלאַכטפעלד איבערגענומען באָהון. די טאָטערישע אַרמיי, וואָס איז אַוועק, האָט געציילט בערך 100 טויזנט מאַן, די געבליבענע קאָזאַקישע אַרמיי איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס. די לעצטע האָט געהאַט גענוג קראַפט זיך צו שלאָגן, זי איז אָבער אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ פּאַניק. די פּאָליאַקן האָבן דאָס אויסגענוצט און די קאָזאַקישע מאַסע צעקלאַפּט. פיל קאָזאַקן זיינען דערביי דערטרונקען געוואָרן. עס זיינען אויך דערהרגעט געוואָרן פיל קאָזאַקישע פרויען און קינדער, וואָס זיינען מיטגעגאַנגען מיט זייערע מענער און טאַטעס. עס ווערט געשאַצט, אַז ביי בערעסטעטשקאָ זיינען בלויז מצד די קאָזאַקן געפאַלן איבער 20 טויזנט. אין די שחיטות איבער די קאָזאַקן האָבן זיך אויך באַטייליקט אוקראַינישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געקעמפט אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי. דער דאָזיקער זיג איז פון די פּאָליאַקן נישט ווי געהעריק אויסגענוצט געוואָרן, ווייל די שליאַכטע האָט נישט געהאַט קיין חשק טיפער אַריינצודרינגען אין אוקראַינע און מיט דעם אוממעגלעך מאַכן כמיעלניצקין ווידער צו מאָביליזירן זיינע כוחות. בלויז שוואַכערע מיליטערישע

כוחות האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אוקראַינע. די שליאַכטע איז מיט אירע מיליטערישע אָפּטיילונגען אַוועק אַהיים.

אין „פּתח תשובה" ווערט דערציילט: אין דער הייליקער קהילה בערשיטה האָט מען גענומען קליינע קינדער און זיי אויסגעלייגט איינס לעבן אַנדערן און איינס אויפן אַנדערן אויף אַ לאַנגער באַנק. מיהאָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ צווייטע לאַנגע באַנק. אויף דער צווייטער באַנק האָבן זיך אַוועקגעשטעלט רשעים און געטרעטן און געשפּרונגען מיטן גאַנצן כוח, ווי מיטרעט איילבירטן אין קעלטער, ביז דאָס בלוט פון די קינדער איז אויסגערונען.

## קאַפּיטל XVIII

פּאָלעסיע און ווייס-רוסלאַנד. — רייכע און אָרימע יידן. — אַנטויל פון די מיעשטשאַנעס אין די הריגות. — כמיעלניצקיס פּריינט קריטשעווסקי. — האַמעל. — די רייד פון די יידן און די רייד פון זייערע מערדער. — ראַדזיווילס חיול שלאָגט שטאַרק. — ווילנע.

באַלד אין די ערשטע חדשים פון דער מרידה זיינען אין די ישובים אויף בײדע זייטן דניעפּער, פון טשיהירין און טשערקאַס אין דרום ביז טשערנאָביל און טשערניגאָוו אין צפון נישט געבליבן קיין איין יידישע משפחה. דער בלוטיקער שטורם האָט זיך דאַן פאַרקירעוועט צו פּאָדאָליע און דרום־וואָלין. שפּעטער האָט דער שטורם אויך פאַרכאַפּט צפון־וואָלין, פּאָלעסיע און ווייס־רוסלאַנד.

אין פּאָלעסיע האָבן געליטן אַ ריי יידישע ישובים מיט די צוויי גרעסטע קהילות פּינסק און בריסק בראש.

אונטער דער אָנפירונג פון פולקאָווניק נעבאַבא האָבן די קאָזאַקן פאַרנומען פּינסק. דאָס מיליטער פון ליטווישן העטמאַן יאַנוש ראַדזיוויל האָט פאַרפירט אַ שלאַכט און דעם 9־טן אָקטאָבער 1648 האָבן די קאָזאַקן געליטן אַ גרויסע מפּלה. די יידן האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אויס־געהויכט זייער אָטעם. וואָרים באַלד ביים איבערגעבן די שטאָט האָבן די מיעשטשאַנעס אינאיינעם מיט די אַריינמאַרשירנדיקע קאָזאַקן אויס־געהרגעט כמעט אַלע יידן. אין פּינסק גופא האָבן די קאָזאַקן און זייערע פאַרבינדעטע מיעשטשאַנעס געהרגעט בלויז די אָרימערע יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מיטלען צו אַנטלויפן. די דאָזיקע יידן האָט מען אויף אַ שרעקלעכן אופן פאַרטיליקט. די יידישע גבירים און פאַרמעג־לעכע זיינען אין שטאָט שוין נישט געווען. אויך זיי האָבן נישט באַוויזן זיך צו ראַטעווען. דער שונא האָט זיי אָנגעיאָגט אויפן פרייען פעלד, אין שכנות פון פּינסק. עס זיינען געלאָפן הונדערטער וואָגנס. דער שונא

האָט זיי דעריאָגט און אויך צווישן די רייכערע פּינסקער יידן דורכ־געפירט אַ שחיטה. לויט אַ יידישן קוואַל, זאָל מען האָבן אומגעברענגט 300 יידישע משפחות פון פּינסק.

ראַדזיווילס מיליטער האָט גענומען נקמה דורך אונטערצינדן די שטאָט און אויסהרגענען טויזנטער אוקראַינישע מיעשטשאַנעס און קאַ־זאַקן. די קאַזאַקישע רעשטלעך זיינען דערטרונקען געוואָרן אין טייך פּינאַ. בכלל זאָלן דעמאָלט האָבן געווען אין פּינסק 14 טויזנט הרוגים.

אַ ביטער מזל האָט אויך געהאַט בריסק ביים בוג. פון אַלטן יידישן קיבוץ זיינען די רייכע און אָנגעזעענע מיטן הויפּט־רב בראש באַ־צייטנס אַנטלאָפן. געבליבן איז די אָרימע מאַסע. און זי — בערך 2 טויזנט אין צאָל — איז אומגעקומען מיט כלערליי מיתות משונות. די הייזער און קראָמען זיינען געוואָרן צערויבט און צעשטערט.

לענגאויס דעם טייך פּריפּעט האָבן אין 1649 געווילדעוועט די מחנות אונטער דער אָנפירונג פון איליא האַלאַטאַ. דאָס פּויליש־ליטווישע מיליטער האָט לסוף די דאָזיקע מחנות פולשטענדיק פּאַרטיליקט. אין די ישובים ביים טייך פּריפּעט האָבן אויך געליטן די יידן פון טוראָוו.

די זעלבע ווילדע מעשים און רציחות האָבן די קאַזאַקן אָפּגעטאָן אין ווייס־רוסלאַנד. דאָרט האָבן געווילדעוועט די קאַזאַקישע אָפּטיילונגען פון נעבאַבאַ, נאַפּאליטש, כוועסקא, מיכאַענקאַ, קריוואָשאַפּקאַ, גאַר־קושא און אַנדערע. ס׳זיינען דאָרט געווען אַ ריי יידישע ישובים, איי־ניקע פון זיי מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל יידן. די יידן האָבן צוויי מאָל געליטן: אין די ערשטע צייטן פון כמיעלניצקיס אויפשטאַנד און שפּע־טער — פון 1654 — פון דער רוסיש־פּוילישער מלחמה, אין וועלכער די קאַזאַקן האָבן אויך גענומען אַן אָנטייל. דאָס וואָס ס׳איז נאָך געבליבן פון די פריערדיקע שחיטות, איז פאַרניכטעט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. דער גרויסער רוב איז אומגעקומען. פון די איבערגעבליבענע האָט מען אַ טייל געצוואונגען איבערצוגיין צום קריסטנטום און אַ צווייטער טייל איז אַנטלאָפן. אויף דער ווייס־רוסישער ערד איז כמעט נישט גע־בליבן קיין יידן. אין די הריגות האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אויך די מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן געזען אַ שעת־הכושר פּטור צו ווערן פון זייערע קאָנקורענטן.

זומער 1649 האָבן אין ווייס־רוסלאַנד אָפּעריִרט די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון די פּולקאָווניקעס סטעצקאָ, פּאָדבאַילאָ און קרי־טשעווסקי. דער לעצטער איז געווען כמיעלניצקיס אַ פּערזענלעכער פריינט. דאָס איז דער זעלבער, אינטער וועמענס השגחה קאָניעצפּאָלסקי האָט געשטעלט כמיעלניצקין נאָכן באַפרייען אים פון אַרעסט און וועלכער האָט דערלויבט זיין פריינט עוקר צו זיין קיין זאַפּאָראָזשע. אין אַ בלו־טיקער שלאַכט מיט ראַדזיוווילס מיליטער איז ער געפאַלן פּאַרוואונדעט ביי לאָעוו. ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און באַלד געשטאָרבן.

פון די שטעט, וואָס האָבן געליטן, דאַרף מען קודם דערמאָנען האָמעל. פאַר די געשעענישן פון 1648 איז דאָרט געווען אַ באַדייטנדיקע יידישע קהילה. לויט ידיעות פון יענער צייט, זאָלן די קאָזאַקן האָבן אויסגע־הרגעט כמעט אַלע יידן. כדי זיך צו ראַטעווען פון טויט, האָבן אַ צאָל יידן זיך געשמדט. (מיט יאָרן שפּעטער, ווען די שטאָט איז צוריק איינגע־גלידערט געוואָרן אין פּוילן, האָט דער רוב פון די געשמדטע זיך אומ־געקערט צום יידנטום). די שטאָט איז פיל מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. קעגן די קאָזאַקן האָט געקעמפט דאָס מיליטער פון ליטווישן העטמאַן ראַדזיוויל. אין יאָר 1654 איז די שטאָט נאָך אַ בלו־טיקער שלאַכט דעראָבערט געוואָרן דורך די קאָזאַקן אונטער דער אָנפי־רונג פון זאָלאָטאַרענקאָ. כמעט אַלע קאַטאָליקן און יידן זיינען אויס־געשאָכטן געוואָרן.

שבתי כהן דערציילט אין „מגילת עיפה" וועגן אַן אַקט פון קידוש־השם, וואָס איז פאָרגעקומען ביי הומיה (דאָס איז אַן אַלטער נאָמען פאַר דער שטאָט האָמעל). אָט איז זיין שילדערונג:

„מען ווייסט פון אַן אמתער קלאָרער ידיעה, אַז יענע יידן, וועלכע זיינען געווען באַלאַגערט אין דער שטאָט הומיה, האָבן מקדש־השם געווען מער ווי אַנדערע יידן, צדיקים און חכמים. עס זיינען געקומען טמאדיקע ליידאַקעס, און פאַרשייטע פּריצים האָבן די יידן, ווי אומשולדיקע שעפּע־לעך, איבערגעענטפערט אין זייערע הענט. און מיהאָט זיי אַרויסגעטריבן מחוץ דער שטאָט, אויף פעלדער און וויינגערטנער. די ליידאַקעס האָבן דעמאָלט אַרומגערינגלט די יידן, אויסגעטאָן נאַקעט און אַנידערגעלייגט אויף דער ערד. די יידן האָבן זיך געשעמט, ווי אַ שעפעלע, וואָס מיפירט

צו דער שחיטה, און זיי זיינען פארשטומט געוואָרן, ווי אַן אָרים שעפּעלע, וואָס שווייגט פאַר די, וועלכע גייען עס אָפּשערן.

דעמאָלט האָבן די דאָזיקע לײדאַקעס גערעדט צו די יידן גוטע רייד און טרייסט־ווערטער: — פאַרוואָס זאָלט איר ווערן דערהרגעט און דערוואָרגן און געשאָכטן, ווי אַ יינגער אָקס? וואָס טויג אייך אייער גאָט, וואָס האָט אַן רחמנות אויסגעגאָסן אויף אייך זיין צאָרן? איז דאָך שוין בעסער, אַז איר זאָלט דינען אונזער גאָט, אונזערע איקאָנעס און אונזערע צלמים. וועלן מיר זיין איין פאָלק און צוזאַמען וועלן מיר זיין איינס. דעמאָלט וועט איר זיין פריי און איר וועט לעבן. מ׳וועט אייך אומקערן אייער האָב־און־גוטס און איר וועט זיין גרויסע עשירים און גרויסע שררות.

אָבער די הייליקע זאָמען (די יידן), וועלכע זיינען אין אַלע צייטן אומגעקומען פאַר גאָט, האָבן זיך געמיאוסט צו לעבן אין אַזאַ וועלט. בחורים און בתולות און זקנים, גרייז־גראָע און יינגע — זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט גרויס און קליין, און קינדער אָן אַ מום. זיי האָבן געשריגן אַ גרויס ביטער געשריי צו גאָט ברוך הוא, וואָס רוט אין די הויכענישן: — שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד. מלך פון די וועלטן, פאַר דיר זיינען מיר געהרגעט געוואָרן אין אַלע צייטן, גאָט פון ישראל. מיר וועלן נישט זיצן צוזאַמען מיט פאַלשע מענטשן און מיר וועלן נישט קומען אין געזעמל פון פּוסטאַקעס.

און זיי האָבן מתוודה געווען אויף זייערע זינד און געזאָגט: — מיר זיינען שולדיק. און האָבן אויף זיך מצדיק־הדין געווען און געזאָגט, אַז גאָט איז גערעכט. זיי האָבן געקלאָגט אַ סך קינות און זייער געוויין איז געגאַנגען אַרויף אין די הימלען.

און ווען די לײדאַקעס האָבן געזען, אַז די יידן זיינען פעסט אין זייער גלויבן, האָבן זיי דעמאָלט גערעדט האַרבע ווערטער: — ווי לאַנג נאָך וועט איר זיך האַלטן שטייף און איר וועט זיך מאבד־עצמו־לדעת־זיין און איר וועט אַליין זיין אייערע רוצחים? וואָרים איר אַליין זענט שולדיק אין אייער טויט, ווייל איר ווילט נישט דינען אונזער גאָט אויף די הויכע בערג.

האָבן די יידן צו זיי געזאָגט: — פאַרוואָס זוימט איר און איר

הרגעט אונז נישט? מיר וועלן אייך נישט הערן. מיר וועלן נישט זאָגן צו דעם, וואָס אונזערע הענט האָבן געמאַכט: דו ביזט אונזער גאָט, וואָרים גאָט איז איינער אין הימל און אויף דער ערד. גאָט איז אונזער מלך. ער וועט אונז העלפן. און איר זענט געשיקט פון גאָט ברוך הוא אונז צו הרגענען. ווייל אַ זינד הייסט מען טאָן אַ זינדיקן, אַזוי ווי איר, וואָס איר זענט אונזערע פיינט און שונאים. און אויב איר וועט אונז נישט הרגענען, האָט גאָט אַנדערע שלוחים, ווי לייבן און בערן, אונז צו טויטן. איר זענט פון אייביק אָן אָנגעגרייט אונז, יידן, צו טאָן פורעניות.

די ליידאַקעס האָבן דעמאָלט אויפגעהויבן זייערע הענט און זיי גע־הרגעט אין אונזערע זינד. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסע הריגה צווישן אונזערע ברידער, זין און טעכטער, צווישן אונזערע יינגע און זקנים. און זיי האָבן אונז באַרויבט און געוואָרפן אין די גאַסן אונזער זילבער. ווייל דער רוב רייכע פון לאַנד אוקראַינע זיינען דאָרט אַהין אַנטלאָפן צו די איבעריקע יידן. זיי האָבן געזאָגט: — דאָס זיינען דאָך אונזערע ברידער און אונזער פלייש. דאָרט האָבן זיך אויך געזאַמלט די יידן, וועלכע זיינען נאָך פריער געווען.״

שבתי כהן זאָגט: „אין דאָזיקן פרייטאָג זיינען מיר פאַרשניטן געוואָרן צוויי מאָל. אַזוי ווי אין טולטשין, האָט מען אויך געהרגעט הונדערטער נפשות, ליבע און זיסע, אין דער שטאָט הומיה, פון דער מדינה רוסיא, וואָס איז וויט פון טולטשין 70 מייל, דאָס מיינט 260 תחום־שבת.״

די הריגה אין הומיה, וועגן וועלכער עס דערציילט שבתי כהן, איז פאָרגעקומען איז זעלבן טאָג, וואָס אין טולטשין — די תמוז שנת ת״ח. לויט אים זאָל די צאָל פון די אומגעקומענע יידן אין הומיה באַטרעפן 1500.

מאָהילעוו ביים דניעפּר איז אין 1648 פאַרנומען געוואָרן דורך די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון הלאַדקי. אין 1649 האָט ראַדזיוווילס חייל די שטאָט צוריק דעראָבערט. אין 1654 זיינען אַהין אַריין זאָלאָטאַ־רענקאָס קאָזאַקן צוזאַמען מיטן רוסישן חייל. מיהאָט געראַבעוועט און גע־מאָרדעט. יידן האָבן שטאַרק געליטן. דער רוב איז געטויט געוואָרן און אַ טייל האָט מען געניידט צו בוקן זיך צום צלם און אָננעמען די קריסט־

לעכע אמונה (שפּעטער האָט אַ גרויסער טייל פון די משומדים מבטל געמאַכט דעם שמד).

אין וויטעבסק האָבן יידן אַ לאַנגע צייט נישט געטאָרט וואוינען. אין יאָר 1597 האָט מלך זיגמונד דער 3־טער דעם פאַרבאָט באַשטעטיקט. שפּעטער האָבן יידן דאָך זיך באַזעצט אין שטאָט. ערשט נאָכן אַרויפּ־שטייגן פון וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן אויפן טראָן, האָט מען אין יאָר 1633 דערלויבט יידן צו קויפן הייזער און פּלעצער, אָבער פון די מאַגדעבורגער רעכט, וואָס די שטאָט האָט געהאַט, האָבן זיי נישט געקענט געניסן. אין 1654 האָבן די רוסן פאַרניכטעט די שטאָט. אויך די יידן האָבן שטאַרק געליטן.

מיט גרויס מי איז אויסגעקומען די יידן זיך צו פאַרפעסטיקן אין מינסק. שריט נאָך שריט האָבן זיי געמוזט אַרויסרייסן רעכט אויף צו וואוינען און האַנדלען. נישט האָבנדיק קיין רעכט צו באַזיצן הייזער אויף שטאָטישער ערד, זיינען די יידן געווען געצוואונגען צו באַזעצן זיך מחוץ דער שטאָט אויף דער ערד פון דער אוניאַטישער קירכע. צווישן די פּראַוואָסלאַוונע מיעשטשאַנעס און די אוניאַטן האָט געהערשט אַ שנאה. די פּראַוואָסלאַוונע האָבן זייער כעס אויך אויסגעלאָזט צו די יידן. בעת דער רוסיש־פּוילישער מלחמה האָבן די טאָטערן צעראָבירט די שטאָט און אַ העלפט פון איר פאַרברענט.

אין רעטשיצע האָבן יידן געליטן. די שטאָט איז אַ פּאָר מאָל פאַר־נומען געוואָרן. אין יאָר 1649 זיינען די קאָזאַקן אַרויסגעשטויסן געוואָרן. די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון קריטשעווסקי און פּאָדביילאָ זיינען צעקלאַפּט געוואָרן ביי לאָעוו. אין אַ שפּעטערער צייט האָט נעבאַבאַ פאַרנומען די שטאָט. אויך דאָסמאָל האָט ראַדזיווילס חייל צעקלאַפּט די קאָזאַקן. דערביי איז נעבאַבאַ געפאַלן טויט.

אַ בעסער מזל האָט שוין געהאַט סלוצק. צוויי מאָל איז די שטאָט באַלאַגערט געוואָרן — אין 1648 דורך די קאָזאַקן און אין 1655 בשותפות מיט די רוסן. ביידע מאָל האָבן זיי די באַלאַגערטע שטאָט נישט געקענט איינגעמען. אין 1648 האָבן די יידן פונדעסטוועגן געליטן.

מאָזיר איז אין 1648 פאַרנומען געוואָרן דורך מיכאַענקאָס קאָזאַקן.

שפּעטער האָט דאָס ליטווישע חייל זיי אַרויסגעשטויסן און מיכאַענקאָן דערהרגעט. דער יידישער ישוב האָט געליטן.

שקלאָווער יידן האָבן געליטן פון די שלאַכטן, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין די יאָרן פון דער פּויליש־רוסישער מלחמה. צווישן די שטעט, וואָס האָבן געליטן אין 1648 פון די קאָזאַקן, איז אויך געווען באברויסק. די שטאָט איז דורך זיי דעראָבערט געוואָרן. ליטוויש מיליטער האָט שפּעטער באַלאַגערט דעם קאָזאַקישן גאַרניזאָן און אים באַזיגט. די קאָ־זאַקישע פירער האָבן זיך לעבעדיק פאַרברענט.

רוסיש מיליטער האָט מיט שטורם דעראָבערט די שטאָט מסטיסלאוול און געמאַכט אַ שחיטה צווישן דער באַפעלקערונג. יידן האָבן געליטן.

אין יאָר 1654 האָבן די רוסן געמאַכט אַ שחיטה אין ניעסוויעזש און יידן האָבן אַוועקגעגעבן זייער בלוט און לעבן.

בעתן רוסיש־פּוילישן קריג האָט מען אין 1654 צעשטערט דעם יידישן ישוב אין טשאוסי. אַ טייל זיינען אומגעקומען, אַ צווייטן טייל האָט מען אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט.

אין זעלבן יאָר האָבן די קאָזאַקן אומגעברענגט די יידן אין פּאָלאָצק.

יידן האָבן געליטן פון די קאָזאַקן און רוסן אין בערעזינא, פּראָפּאָיסק, אַלט־ביכאָוו, קאָפּיס, קריטשעוו, טשעריקאָוו, האָרקי, טשעטשערסק, בראַ־היך, לידע, נאָוואָגרודעק, אָשמענע און אַנדערע.

אין סמאָלענסק האָבן יידן בעת דער רוסיש־פּוילישער מלחמה אין יאָר 1654 אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט קעגן די רוסן.

אויך די ווילנער יידן האָבן געצאָלט זייער בלוט־שטייער. זיי זיינען געווען באַגרענעצט אין זייער רעכט. אין יאָר 1633 איז באַשטימט גע־וואָרן, אַז יידן מעגן וואוינען און האַנדלען נאָר אויף באַשטימטע גאַסן. פון קאָשטשאָל פון הייליקן מיקאָלאַי ביז דער דייטשער גאַס, אויף דער יאַטקע־גאַס און יידישער גאַס. פון כמיעלניצקיס פאַרויסמאַרש האָבן ווילנער יידן נישט געליטן, אָבער פון דער רוסיש־פּוילישער מלחמה — זייער שטאַרק. דעם 10־טן אויגוסט 1654 איז דאָס רוסישע מיליטער אַריין אין ווילנע און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען — 25 טויזנט מענטשן זיינען אומגעקומען און צווישן זיי אַ צאָל יידן.

ווען די קאָזאַקן צוזאַמען מיט די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו ווילנע, איז כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אַנטלאָפן. דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר. פון דער ביטערער דערפאַרונג אין אַנדערע שטעט האָבן די ווילנער יידן שוין גוט געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט. יענע וועלכע האָבן נישט געקענט אָדער נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, זיינען טאַקע אומגעקומען. צוזאַמען מיט אַ באַדייטנדיקן טייל פון שטאָט איז אויך דער יידישער קוואַרטאַל אַוועק מיט די פלאַמען. פון די יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן, האָט אַ טייל זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און אַ צווייטער טייל איז אַוועק אין מערב־טייל פון ליטע, וואו עס האָבן זיך געפונען די שוועדן. הונגער און קרענק האָבן די יידן געטריבן פון די וועלדער צוריק קיין ווילנע, וואו זייער לאַגע איז נישט בעסער געוואָרן. אין גרויס פאַרצווייפלונג זיינען מענטשן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אַ ווילנער רב (משה רבקהס), איינער פון די אַנטלאָפענע, האָט דערציילט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען: „די מיליטערישע מחנות פון די רוסן און קאָזאַקן האָבן פאַרפלייצט גאַנץ ליטע, איינגענומען פאַלאָצק, וויטעבסק און מינסק און צעשטערט די שטעט. די קאָזאַקן האָבן צווישן די יידן דורכגעפירט גרויסע שחיטות אין יעדן ישוב, וואו זיי זיינען אַריין, און צעראַבירט דאָס איבערגעבליבענע (אין די יאָרן 1654—55). ווען דאָס מוראדיקע חייל איז צוגעקומען צו די טויערן פון ווילנע, איז דער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל מיט זיין מיליטער אַנטלאָפן פון שטאָט, און מיט אים זיינען אַוועק פיל איינוואוינער. מיטוואָך כ״ג תמוז 1654 איז אַנטלאָפן כמעט די גאַנצע קהילה. איין טייל — אויף פערדאון־וואָגן, אַן אַנדערער טייל — צו־פוס, טראָגנדיק די קליינע קינדער אויף די אַקסלען.״

ווייטער דערציילט ער, אַז אין גראָדנע האָבן די קאָזאַקן באַרויבט די יידן און אין בריסק האָבן עס געטאָן די טאָטערן.

בעת די קאָזאַקן־מלחמות זיינען אויך געהרגעט געוואָרן אַ סך יידן אין מאָלדאוויע.

# קאַפּיטל XIX

הונגער און מגפות. — קופּעס נישט־באַערדיקטע מתים. — „וועלט־אונטער־גאַנג". — אויף די שקלאַפן־מערק. — די צאָל יידישע קרבנות. — טאָטאַלע אויסראָטונג. — דער גרויזאַמסטער פון די גרויזאַמע קריוואָנאַס. — ווי אַזוי האָט מען זיך געראַטעוועט? — געשמדטע קענען ווערן צוריק יידן. — פולשטענדיקער חורבן.

אַחוץ דירעקט פון די הריגות, זיינען פיל טויזנטער יידן אומגע־קומען פון הונגער און מגפות.

נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרלוירן זייער האָב־און־גוטס, זיינען אַפילו פאַרמעגלעכע מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטלער און געמוזט אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה. דער אַלגעמיינער הונגער, וואָס האָט זיך בעת די מהומות פאַרשפּרייט אין לאַנד, האָט זייער שטאַרק געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג.

גאָר אַ גרויסן שניט האָבן געמאַכט די פאַרשידענע חולאתן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט. די עפּידעמיעס האָבן נישט געוואוסט פון קיין ראַגאַטקעס און זיך אויך אַריבערגעוואָרפן טיפער אין פּוילן.

די מלחמות האָבן צעשטערט דאָס נאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן. ישובים זיינען געוואָרן פּוסט און וויסט. צענטליקער טויזנטער מתים האָבן זיך געוואַלגערט נישט באַערדיקטע און זיינען געוואָרן צעפוילט. עס זיינען אויך געלעגן נישט־באַגראָבן גרויסע מאַסן פערד. דאָס האָט פאַרפּעסטעט די לופט. אין גרויסן הונגער האָבן מענטשן זיך געוואָרפן עסן גראָז און בלעטער.

פון הונגער און מגפה זיינען אומגעקומען מענטשן אין די באַלאַ־גערטע שטעט, אַזוי אויך אין די ערטער, וואו די שווערד פון מלחמה און דער שגעון פון מאָרד זיינען אַדורך. נאָך מער: די עפּידעמיעס זיינען שוין שפּעטער געלאָפן פאַרויס אין די שטעט, וואו דאָס פייער פון מלחמה האָט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט.

אַ פּאָר ביישפּילן: בלויז אין לעמבערג זיינען פון פעסט אומגעקומען 10 טויזנט יידן. אין קראָקע זיינען יעדן טאָג געשטאָרבן 50 יידן און 100 קריסטן.

די פעסט האָט אין יאָר 1652 זיך פאַרשפּרייט איבער פאַרשידענע טיילן פון פוילן. געקומען איז זי פון אוקראַינע. געשמועסט האָט מען, אַז אָנגעהויבן האָט זיך די מגפה ביי בערעסטעטשקאָ, וואו עס זיינען געלעגן 30 טויזנט נישט־באַערדיקטע מתים. פאַקטיש האָט אויך אַ גרויסע ראָל געשפּילט דער הונגער, בעת וועלכן טייל האָבן זיך געשפּייזט מיט גראָז פון פעלד און פלייש פון נבילות, ווי אויך די הילפלאָזיקייט, אומבאַהאָלפנקייט און אָפּגעלאָזנקייט. צוליב דעם חורבן און צערודערונג אין לאַנד האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אָרגאַניזירן אַ געהעריקן אָפּוועער קעגן דער מוראדיקער עפּידעמיע. אָדער מ׳האָט בכלל גאָר נישט געטאָן קעגנצוואווירקן, אָדער מ׳איז אָפּגעקומען מיט באבסקע רפואות.

עטלעכע יאָר צייט האָט די פעסט געבושעוועט און פאַרכאַפּט אַלץ נייע און נייע געגנטן פון לאַנד. וועגן דער אַלגעמיינער צאָל קרבנות, וואָס די מגפה האָט צוגענומען, קען מען זיך מאַכן אַ באַגריף דערפון, וואָס בלויז אין קראָקע זיינען געשטאָרבן פאַר דער צייט 30 טויזנט מענטשן, פון זיי 3500 יידן.

די מגפה האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. אירע סימנים זיינען געווען: אויף די מענטשלעכע גופים האָבן זיך באַוויזן קליינע רויטע פלעקן, וואָס מ׳האָט גערופן „מאַרואווקעס״. די מענטשן האָבן באַקומען היץ. אַמאָל איז דער גוף געווען רויט און אַמאָל — בלוי. דער קערפּער איז געוואָרן באַשיט מיט קרעצלעך. די קראַנקע האָבן באַקומען קאָפּווייטאָג, באַגלייט מיט אויסברעכן, שווערן אָטעמען, בלוטיקן פון מויל און נאָז, שלאָפלאָזיקייט. ס׳זיינען געווען אויך אַנדערע סימפּטאָמען. די שטעט האָבן אויסגעזען ווי שפּיטאָלן, די מענטשן — ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אייגענע אָדער פרעמדע לוויות.

אַ סך מענטשן האָבן געפּרואווט זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן טיף אין די וועלדער, גלויבנדיק, אַז אַהין וועט זיי די פעסט נישט גרייכן. די מענטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין גרויס פאַרצווייפלונג און געגלויבט, אַז ס׳איז וועלט־אונטערגאַנג. אַנדערע האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן יעדע

מאָראַלישע פּליכט און פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף. טאָמער האָבן יידן געהאַט נאָך ווייניק צרות, האָבן צווישן אַבערגלויבישן פּוילישן המון זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך פון דעם, וואָס די יידן האָבן פאַרסמט די ברונימער. און געטאָן זאָלן זיי עס האָבן אינאיינעם מיט זייערע אומברענגער — די אוקראַאינער. און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלויבט דעם דאָזיקן אַבסורד.

גרויס איז געווען די צאָל, וואָס זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין טאָטערישער געפאַנגענשאַפט און קנעכטשאַפט. גרויסע מאַסן זיינען דערנאָך אויף די מערק פון קרים, טערקיי, פערסיע און אַפריקע פאַרקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן. צוליב גרויסן אָנבאָט איז דער פּרייז שטאַרק געפאַלן. מיהאָט פאַרקויפט מענטשן פאַר אַ שיבוש. דער פּוילישער היסטאָריקער אַלעקסאַנדער יאַבלאָנאָווסקי שאַצט די אַלגעמיינע צאָל געפאַנגענע, וואָס די טאָטערן האָבן בעת די קאָזאַקן־מלחמות אַרויס־געפירט פון אוקראַאינע אויף איבער אַ מיליאָן.

די גרויסע מערהייט פון די געפאַנגענע, וואָס זיינען געוואָרן אַוועק־געפירט פון לאַנד און פאַרקויפט געוואָרן שפּעטער צו קאַטאָרגע־אַרבעט, איז באַשטאַנען פון קריסטן, און זייער פיל טאַקע פון אוקראַאינער גופא. אָבער אויך די צאָל יידן איז געווען אַ היפשע. אַ טייל פון זיי האָט מען דערנאָך אויסגעקויפט. אין אַ ריי לענדער האָבן יידן געזאַמלט געלט פאַר פּדיון־שבויים. האַנאָווער גיט איבער, אַז אין טערקיי האָט מען אויסגעלייזט פון געפאַנגענשאַפט „אַן ערך צוואַנציק טויזנט נפשות". ווען ס'איז געווען מעגלעך אויסצוקלייבן צווישן טויט אויפן אָרט און יסורים אין דער אומווירדיקער געפאַנגענשאַפט, האָבן יידן אויסגעקליבן דאָס צווייטע. „יידן האָבן צו זיך אַזוי געזאָגט: אויב מיר וועלן וואַרטן ביז די יוונים וועלן אַריין אין שטאָט, וועלן זיי אונז אַלעמען אויסשעכטן אָדער זיי וועלן אונז, חלילה, נייטן בייטן אונזער אמונה, איז שוין בעסער, אַז מיר זאָלן אַליין גיין צו דער מחנה פון די טאָטערן און זיך אָפּגעבן אין געפאַנגענשאַפט."

וויפיל יידן זיינען אומגעקומען? ס'איז שווער צו געבן דערויף אַ גענויע תשובה. די יידישע מקורים זיינען סתירהדיקע. די ציפערן,

וואָס זיי גיבן אָן הן פאַר יעדן אָרט באַזונדער, הן פאַר דער צאָל ישובים, הן פאַרן אַלגעמיינעם סך־הכל פון די קרבנות, אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די כראָניקער פון יענער צייט האָבן נישט געהאַט די אָביעקטיווע מעגלעכקייט און די מיטלען פעסט־צושטעלן פינקטלעך די גרויס פון דער צאָל קרבנות. זיי האָבן זיך גע־מוזט פאַרלאָזן אויף צופעליקע ידיעות פון פליטים אָדער אויף דער אייגענער שאַצונג־פעאיקייט. אייניקע יידישע כראָניקער האָבן מער מי אָפּגעגעבן אויף צו געפינען אַ רמז אויפן אומגליק אין דער תורה אָדער אין דער גמרא, ווי פעסטצושטעלן גענוי די פאַקטן. ווי ווייט יידן זיינען אונטער דער דערדריקנדיקער ווירקונג פון די גרויזאַמע געשע־ענישן אין געוויסע פאַלן געווען ווייט פון די רעאַליטעטן פון לעבן, קען מען זען פון דעם, וואָס איינער פון זיי, ר׳ יעקב בן יחזקאל הלוי, זאָגט אין זיינס אַ ספר. ער דערציילט, אַז ער אַליין און אויך אַנדערע האָבן געהערט ווי מתים האָבן געוויינט און געיאָמערט. ער און אַנדערע האָבן אויך געזען ווי טויטע יידישע קינדער זיינען געזעסן אונטערן אָרון־קודש אין שול און האָבן זיך געבראָכן די הענט איבערן קאָפּ.

וועגן דער אַלגעמיינער צאָל אָפּגעמעקטע יידישע ישובים און אומ־געברענגטע יידישע נפשות זיינען פאַראַן אַזעלכע ציפערן:

אין די באַשלוסן, וואָס דער ליטווישער וועד הקהילות האָט אָנגע־נומען אין יאָר 1650, ווערט געזאָגט, אַז „פיל צענטליקער טויזנטער יידן זיינען געוואָרן דערהרגעט.״

שבתי כהן גיט אָן אין „מגילת עיפה״ פאַר דער זעלבער צייט — ת״ח ות״ט — די צאָל דערמאָרדעטע אויף „מער פון הונדערט טויזנט נפשות.״ אין דעם חשבון גייען אַריין בלויז יענע, וועלכע זיינען געטויט געוואָרן דירעקט דורך די קאָזאַקן. צו דעם קומען נאָך צו פיל טויט־פאַלן פון פליטים.

די העכסטע ציפער ווערט אָנגעגעבן אין „טיט היון״ — איבער 600 טויזנט. נאָך אַ יידישער מקור גיט אָן 400 טויזנט.

אין זיין „דעקלאַראַציע צו דער ענגלישער קאָמאָנוועלטה״ אין יאָר 1655 גיט אָן מנשה בן ישראל די ציפער פון איבער 180 טויזנט יידן, וואָס די קאָזאַקן האָבן דערהרגעט. נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָ גייען

אַריין אויך די קרבנות נאָך ת״ח ות״ט, איז צווישן דער ציפער פון מנשה בן ישראל און דער ציפער פון שבתי כהן קיין סתירה נישט פאַראַן. מען דאַרף די דאָזיקע ציפער אָננעמען פאַר די אַממערסטן וואַרשיינלעכע. די ציפער פון „טיט היון״ איז אַ גוזמאדיקע שוין צוליב דעם, וואָס אין 1648 איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין אַלע טיילן פון דער פוילישער מלוכה געווען וויניקער פון אַ האַלבן מיליאָן נפשות.

דער פוילישער היסטאָריקער סטאַניסלאַוו קוטזשעבא צווייפלט אַפילו אין דער ציפער פון 180 טויזנט און זאָגט, אַז זי איז שטאַרק איבער־געטריבן. די אוקראַינישע היסטאָריקערין אַלעקסאַנדראַ יעפימענקאָ מיינט, אַז „בכלל האָט מען חרוב געמאַכט ביזן גרונט 300 יידישע קהילות, וואָס האָבן געציילט ביז 250 טויזנט נפשות.״

אויך וועגן דער צאָל פאַרניכטעטע קהילות זיינען פאַראַן באַדייטנ־דיקע אונטערשידן. די העכסטע ציפער איז 744. „טיט היון״ גיט אָן די צאָל פון צעשטערטע קהילות — 700. אין הסכם מיט דעם איז האַנאָווער, וועלכער זאָגט אין „יון מצולה״: „זיי האָבן חרוב געמאַכט מער פון זיבן הונדערט קהילות, אַלע שטעט און שטעטלעך ביז צום טייך וויסל.״

לויט דער מיינונג פון יידישן היסטאָריקער י. גאַלאַנט זיינען פאַר־טיליקט געוואָרן בערך 300 יידישע קהילות.

מיט פולער פינקטלעכקייט איז, נאַטירלעך, היינט שוין אומ־מעגלעך פעסטצושטעלן די צאָל קרבנות און פאַרניכטעטע ישובים. אָבער וועגן איין זאַך קען נישט זיין דער מינדסטער ספק — וועגן כאַראַקטער פון די שחיטות: זיי האָבן געצילט צו טאָטאַלער אויסראָטונג. און אין אַ גרויסער צאָל ישובים איז דאָס דערגרייכט געוואָרן אויף הונדערט פראָצענט.

דער פריער־דערמאָנטער יידישער היסטאָריקער גאַלאַנט האַלט, אַז אין פּאָדאָליע האָבן זיך געראַטעוועט קוים 10 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער רוסישער היסטאָריקער מ. וולאַדימירסקי־בודאַנאָוו זאָגט, אַז אין די יאָרן 1648—1657 האָט אין אוקראַינע די יידישע באַ־פעלקערונג זיך פאַרקלענערט אויף בערך 90 פּראָצענט. דער פוילישער געלערנטער אַלעקסאַנדער בריקנער שאַצט, אַז אוקראַינע האָט אין די

עטלעכע יאָר זינט 1648 בכלל פאַרלוירן אַ מיליאָן מענטשן. אויפן לינקען ברעג פון דניעפּער איז נישט געבליבן קיין איין יידישער ישוב.

דער קאָזאַקישער פּולקאָווניק ראַדאַק האָט זיך באַרימט, אַז ער אַליין האָט פאַרמוטשעט צום טויט איבער 40 טויזנט יידן אין טשערניגאָוו, סטאַראָדוב און קיעוו. פון אַלע קאָזאַקישע פירער האָט דעם וועלט־גרעסטן רעקאָרד פון גרויזאַמקייטן און הריגות מאַקסים קריוואָנאָס (אויך פּערע־בינאָס — ער האָט געהאַט אַ נישט־נאָרמאַל גרויסע, געבויגענע נאָז און פונדאַנען דער צונאָמען). עס זיינען געווען נאָך אַ ריי קאָזאַקישע קאָ־מאַנדירן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער בעסטיאַליטעט. וועגן איינעם פון זיי — פּאָלאָוויאַן — האָט מען דערציילט: ווען ער האָט געכאַפּט יידישע אָדער פּוילישע מיידלעך, האָט ער פון זייער האַלז אַראָפּגעריסן אַ פּאַס הויט, זיי דערלאַנגט און געזאָגט, אַז די קאָזאַקן גיבן זיי אַ מתנה אַ רויטע סטענגע.

ביי אַזאַ אכזריות און טאָטאַלער אויסראָטונג — ווי אַזוי האָבן דאָך אַ צאָל יידן באַוויזן זיך צו ראַטעווען?

מעגלעך איז דאָס געוואָרן דורך עטלעכע אופנים: דורך אַנט־לויפן טיפער אין די פּוילישע פּראָווינצן; אויסהאַלטן אין די באַלאַ־גערטע שטעט, וואָס די קאָזאַקן און טאָטערן זיינען נישט געווען בכוח איינצונעמען; אַריינפאַלן אין טאָטערישער געפאַנגענשאַפט; באַהאַלטן זיך אין די וועלדער; איבערגיין צום קריסטנטום.

ס׳איז לגמרי פאַלש די מעשה פון טייל אוקראַינישע היסטאָריקער, אַז „גוטע יידן" האָט מען נישט געטשעפּעט. אָט דערציילט דער אוקראַיני־שער היסטאָריקער ניקאָלאַי מאַרקעוויטש: „פּאָליאַקן און יידן, וועלכע האָבן נישט געהערשט איבערן פאָלק, נאָר זיך פאַרנומען מיט מסחר און מלאָכה, געווען האַנטווערקער, זיינען געבליבן אויף די ערטער אָן שום אונטערדריקונג. בראַד, אַ גרויסע האַנדלס־שטאָט, אָנגעפילט כמעט בלויז מיט יידן, האָט מען געלאָזט פריי." און ווייטער: „פון די יידן האָט מען בלויז גענומען אַ זייער מעסיקע קאָנטריבוציע." (ווי ס׳איז ווירקלעך געווען אין בראָד, איז פריער דערציילט געוואָרן.) אַזוי האָבן טייל אוקראַינישע היסטאָריקער מיט בפירושע פעלשונגען זיך באַמיט

צו פאַרשענערן די מעשים־תעתועים פון די כמיעלניצקיס און קרי־וואָנאָסעס.

וואָס שייך די יידן, וואָס האָבן אונטער דער דראָאונג פון טויט זיך געשמדט, האָבן זיי שפּעטער באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צום יידנטום. אין אַן אוניווערסאַל וואָס דער פּוילישער מלך יאַן קאַזשימיעזש האָט אַרויסגעגעבן דעם 2־טן מאַי 1650, ווערט געזאָגט: אַזוי ווי מ׳האָט בעת דער קאָזאַקישער מלחמה אַ טייל יידן דורך פאַרשידענע פּייניקונגען אָדער דורך אַנוואַרפן אויף זיי אַ מורא געצוואונגען איבערצוגיין צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און מ׳באַפרייט זיי נישט דערפון, ווערט שטרענג באַפוילן אָפּצולאָזן די דאָזיקע יידן, די פרויען און זייערע קינדער. די וועלכע מ׳האָט מיט גוואַלט געשמדט און די וועלכע ווילן ביי דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן נישט בלייבן, דאַרפן ווערן אָפּגעלאָזט פריי צו זייערע הייזער, פאַרמעגן און מסחרים. מען טאָר זיי נישט מאַכן קיין שטער־רונגען און זיי דאַרפן געניסן פון די פריערדיקע רעכט.

האַנאָווער ווייסט וועגן דעם צו דערציילן: „און אַלע אנוסים זיינען צוריק געוואָרן יידן. זיי האָבן ווייטער געוואוינט אין יענע ערטער, וואו זיי האָבן געביטן זייער גלויבן און זיינען געוואָרן יידן בפרהסיה אין אַלע ערטער, וואו יידן האָבן געוואוינט. און פון אַלע קאָזאַצקע ערטער, וואו יידן האָבן דעמאָלט נישט געוואוינט, אַזוי ווי דער מלך האָט געבאָטן, זיינען די אנוסים אַנטלאָפן. און די ווייבער, וואָס די קאָזאַקן האָבן זיך גענומען, זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן אין יענע מקומות, וואו יידן האָבן געוואוינט. אָט אַזוי זיינען עטלעכע הונדערט אנוסים צוריק געוואָרן יידן. און אין אַלע ערטער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע שחיטות, זיינען פאַרבליבן פיל הונדערטער יינגלעך און מיידלעך און גאָר קליינע קינדער, וואָס האָבן זייער גלויבן געביטן, האָבן יידן זיי פון די גויאישע הענט מיט גוואַלט אַרויסגענומען.“

אַזוי האָט דער קעניגלעכער אוניווערסאַל מעגלעך געמאַכט אַ צאָל געשמדטע צוריק צו באַהעפטן זיך מיטן יידישן פאָלק. דער דאָזיקער יושר־דיקער אַקט איז דורכן זעלבן מלך באַגלייט געוואָרן מיט אַ צווייטן אַקט — אַ נישט־יושרדיקן: אין זעלבן יאָר האָט מלך יאַן קאַזשימיעזש געשענקט דעם בידגאָשטשער און סאָקאַלער סטאַראָסטע זיגמונד דאַנהאָף אַלע

גיטער און פאַרמעגנס, וואָס זיינען געבליבן נאָך די דערהרגעטע יידן אין אוקראַינע, אויב עס מעלדן זיך נישט קיין יורשים. מיטן יידישן פאַרמעגן האָט מען אים באַלוינט „פאַר זיינע פאַרדינסטן צום קעניג און לאַנד."

אַז ס'יוואָלט געווען יושרדיקער דעם פאַרבליבענעם פאַרמעגן צו פאַר־ווענדן אויף הילף פאַר די נויט־באַדערפטיקע יידן, וועלכע האָבן פון העלישן פייער קוים געראַטעוועט זייער נאַקעטן נפש, איז צום קעניגלעכן געוויסן נישט דערגאַנגען. אין וואָס פאַר אַ מצב די שארית־הפליטה האָבן זיך דעמאָלט געפונען, זאָגט עדות אַ באַשלוס פון ליטווישן וועד הקהילות אין יאר 1652. עס ווערט געזאָגט, אַז די יידן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן די שחיטות, וואָגלען אַרום פון איין אָרט צום צווייטן און זיינען בוכ־שטעבלעך געבליבן אָן מלבושים, אָן עסן און אָן טרינקען. די גרויסע מערהייט פון זיי איז באָרוועס און נאַקעט און האָט נישט מיט וואָס דעם גוף צוצודעקן. זיי קומען אין די הונדערטער און טויזנטער, וויינען און קלאָגן, בעטן רחמנות און הילף.

דער חורבן אין אוקראַינע, און טיילווייז אין פוילן און ליטע, איז געווען אַ פולשטענדיקער. די יידישע באַפעלקערונג איז מיט קאָזאַקישע הענט געוואָרן געשאָכטן און מיטן אייגענעם וואָרעמען בלוט פאַרפלייצט. פון יידישן לעבן איז געבליבן בערג אַש און קופּעס הרוגים.

פערטער טייל

# צי האָבן יידן געפּאַכטעט צערקוועס?

# קאַפּיטל XX

באַשולדיקונגען קעגן די יידן. — וועגן צערקווע-פּאַכטן. — דאָס ערשטע מאָל. — די בראָשור וועגן לובלינער „נס". — די כראָניק פון סאַמאָווידעץ. — אַ טעות וואָס ווערט בסדר איבערגעחזרט. — דער ווערט פון די כראָניקעס. — די קאָבזאַרן און זייערע דומעס.

נאָך די שחיטות פון 1648 און 1649 האָבן זיך באַוויזן אַ ריי באַשול־דיקונגען קעגן יידן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרשטענדלעך מאַכן דעם קאָ־זאַקישן צאָרן — דעם צאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעלאָדן אין די זינלאָזע, אוממענטשלעכע יידן־הריגות. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן און באַ־טראַכטן געוויי די סאַמע שווערסטע באַשולדיקונג: אַז יידן האָבן גע־פּאַכטעט צערקוועס און דערמיט באַליידיקט די רעליגיעזע געפילן און געריצט דאָס אוקראַינישע פאָלק.

וואָס זאָגט קאָנקרעט די באַשולדיקונג? — זי זאָגט, אַז די פּריצים האָבן אָוועקגעגעבן אין פּאַכט צו די יידן די צערקוועס. די יידן האָבן געהאַלטן ביי זיך די שליסלען. האָט אַן אוקראַינער געדאַרפט טויפן אַ קינד, דורכפירן אַ חתונה־צערעמאָניע אָדער באַפרידיקן אַנדערע רעלי־גיעזע הצטרכותן, האָט דער ייד געהייסן דערפאַר זיך באַצאָלן.

צי איז דאָס אמת? — לאָמיר זען פון וואַנען די באַשולדיקונג קומט.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך באַוויזן אין יאָר 1649. אין דער שטאָט לובלין איז דעמאָלט אין דער דרוקעריי פון יאַן וויעטשאָרקאָוויטש אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ בראָשור מיט אַ זייער לאַנגען טיטל, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: פּאַוואַר ניעביעסקי (הימלישער חסד). דער מחבר — גלח פּאַוועל רושעל, אַ דאָמיניקאַנער. דאָרט ווערט באַשריבן, ווי אַזוי לובלין איז דורך אַ נס דעם 10־טן נאָוועמבער 1648 געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה מצד די קאָזאַקן. געשען איז דאָס, לויט דער באַ־

שרייבונג, אויף אַזאַ אופן: אין קאַשטשאַל פון די דאָמיניקאַנער האָט זיך געפונען אַ שטיק האָלץ פון אַ קרייץ. 1 ביינאַכט האָט אין הימל איבער דעם קאַשטשאַל זיך באַוויזן אַ גרויס ליכט, וואָס האָט געלויכטן אַ האַלבע שעה צייט. באַגדאַן כמיעלניצקי האָט מיט זיינע קאָזאַקן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. ווען זיי האָבן דערזען דאָס ליכט אויפן הימל, האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם טייטש דערפון, און זיינען אַוועק. דעם 25־טן מערץ 1649 איז אין דאָמיניקאַנער קלויסטער צונויפגעשטעלט געוואָרן אַן אָפיציעלער אַקט וועגן דעם נס און 9 עדות האָבן דאָס באַ־שטעטיקט מיט אַ שבועה און אונטערשריפט. די עדות זיינען געווען פון די פני פון שטאָט. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן עס געהערט פון מענטשן (נאַכט־וועכטער), וועלכע האָבן עס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן. פון דער ליכטיקייט, האָבן זיי איבערגעגעבן, האָט זיך פאַרמירט אַ שווערד מיטן שפיץ צו זאַמאָשטש און מיטן הענטל און צלם צו לובלין. און פון שפיץ איז אַרויס אַ פייערדיקע פייל, וואָס איז שנעל געלאָפן צו זאַמאָשטש. דאָס איז געשען נאָך אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע, וואָס די דאָמיניקאַנער האָבן אַדורכגעפירט, לויט דער ביטע פון מאַ־גיסטראַט, כדי גאָט זאָל שיצן די שטאָט קעגן שונא. אין דער פּראָצעסיע האָט מען געטראָגן דאָס וואונדער־שאַפנדיקע שטיק האָלץ פון צלם. (דאָס זעלבע שטיק פון צלם האָבן די קאָזאַקן און דאָס רוסישע מיליטער אין יאָר 1655 צוגענומען און אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע. אין פּויליש־רוסישן שלום־אָפּמאַך פון יאָר 1667 איז נאָך לענגערע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען ספּעציעל דערמאָנט געוואָרן, אַז רוסלאַנד דאַרף אומקערן פּוילן דעם דאָזיקן צוגענומענעם טייל פון צלם).

אין אָט דער בראַשור וועגן לובלינער „נס" דערציילט גלח רושעל, אַז אין אוקראַינע דערלויבט מען נישט די סכיזמאַטיקער (פּראַוואָסלאַוונע) חתונה האָבן און טויפן קינדער, אויב מ'באַצאָלט נישט דעם ייד אַ ספּעצ־יעלן שטייער. און דאָס איז באַזונדערס שלעכט, ווייל די יידן זוכן קינדיש בלוט.

די לעצטע ווערטער גיבן אונז אַ גרונט צו באַציען זיך מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי צו דעם, וואָס עס דערציילט דער דאָמיניקאַנער גלח וועגן די צערקוועס און די יידן. מען מוז זיך פרעגן צי די מעשה פון

פאַכטן צערקוועס פאַרמאַגט אין זיך אַזוי פיל אמת ווי די מעשה, אַז יידן זוכן קינדיש בלוט. דאָס אַליין איז שוין גענוג צו שטעלן רושעלס ווערטער אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך עפּעס.

אין די פאַרגאַנגענע צענטליקער יאָרן ביז דעמאָלט איז לובלין געווען אַ שטאָט, ווי די אַטמאָספער איז געווען פאַרפּעסטעט מיט די שענד־לעכסטע בלבולים קעגן יידן; אַ שטאָט, וואו אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן די קרעכצן און דער געיאָמער פון אומשולדיק פאַרפייניקטע. אַ פּאָר ביישפּילן: אין 1598 האָט מען דאָרט געפערטלט דריי יידן אונ־טער דער באַשולדיקונג פון טויטן אַ קריסטלעך קינד צו ריטועלע צוועקן. אין יאָר 1636 האָט מען אַ ייד פאַרמשפּט צעהאַקט צו ווערן אויף שטיקער פאַר כלומרשט דערהרגענען אַ מאָנאַך, הגם דער לעצטער האָט זיך דערנאָך אָפּגעזוכט אַ לעבעדיקער און עדות געזאָגט קעגן ייד. מ׳האָט געמשפּט דעם איינצלנעם ייד און באַשולדיקט גאַנץ קהל. אין לובלין האָט אַמטירט דער קרויז־טריבונאַל, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַ ריי עלילת־דם־פּראָ־צעסן. דאָרט זיינען פאָרגעקומען די „אויספאָרשונגען" און די שרעקלעכע פייניקונגען און עקזעקוציעס. אין יאָר 1646 האָבן די שילער פון דער יעזואיטישער קאָלעגיע דורכגעפירט אַ פּאָגראָם — 8 יידן דערהרגעט און 50 פאַרוואונדעט. אין זייער דרוקעריי האָבן די יעזואיטן געדרוקט אַנטיסעמיטישע אויפרופן, פול מיט גיפט, גאַל און בלבולים קעגן יידן.

דאָס איז געווען די אַטמאָספער, אין וועלכער דער דאָמיניקאַנער פּאַוועל רושעל, אַליין איינער פון די „בעלי־מופת", איינער פון די מאַכערס פון לובלינער „נס", האָט געוואוסט צו דערציילן וועגן דער יידישער זוכעניש פון קריסטלעך בלוט צו ריטועלע צוועקן און וועגן די צערקוועס אין יידישע הענט.

לאָמיר איצט זען אַ צווייטן מקור, אַן אוקראַיִנישן. פון די אוקראַיִני־שע קוואַלן לאָמיר אויך נעמען דעם ערשטן און — דעם סאַמע בעסטן. די היסטאָריקער זיינען איינס, אַז פון אַלע אוקראַיִנישע כראָניקעס פון יענער צייט, איז די סאָלידסטע דער „ליעטאָפּיס" פון „סאַמאָווידעץ". כלומרשט לויט אים, האָט די שליאַכטע פאַרקויפט צו יידן די צערקוועס און רעליגיעזע ריטואַלן, די קאָזאַקישע קינדער געקאָכט אין קעסלען און מיט

האַלץ אויסגעקוועטשט די ברוסטן ביי די ווייבלעך (דאָס אַלץ ווערט דערציילט אין איין זאַץ).

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אָט די כראָניק? — דער אוקראַינישער היסטאָריקער פ. קוליש האָט געפונען דעם דאָזיקן „ליעטאָפּיס". אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט ווער ס'איז דער מחבר, און פון טעקסט איז געווען קלאָר, אַז דאָס האָט געשריבן אַן עד־ראיה, האָט ער ביים פאַר־עפנטלעכן די כראָניק אין יאָר 1846 אָנגעגעבן אַלס מחבר „סאַמאָווידעץ". (שפּעטער איז מען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז ראָמאַן ראַקושקאַ, וועלכער האָט אין די יאָרן פון די קאָזאַקישע מלחמות געדינט אין ניע־זשינער קאָזאַקישן פולק און שפּעטער פאַרנומען פאַרשידענע מיליטערישע אַמטן. די כראָניק האָט ער געשריבן אין די יאָרן פון 1670 ביז 1702). קוליש האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין געדרוקט בוך, נאָר אַ כתב־יד. ער האָט געמיינט, אַז דער געפונענער כתב־יד איז געשריבן געוואָרן פון מחבר גופא. ער האָט אָבער געזען אַ גרויסן אונטערשייד צווישן ערשטן און ווייטערדיקן טייל וואָס שייך דער שפּראַך און אופן פון שרייבן, און האָט דעריבער געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער אָנהויב פון „ליעטאָפּיס" איז גענומען געוואָרן דורך דעם סאַמאָווידעץ פון אַן אַנדערער אוקראַינישער כראָניק. וועגן דעם האָט קוליש אויפמערקזאַם געמאַכט אין זיין פאָרוואָרט.

מיט דער צייט זיינען געפונען געוואָרן נאָך עטלעכע געשריבענע עקזעמפּלאָרן פון דער זעלבער כראָניק. און עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן עטלעכע וויכטיקע זאַכן: ערשטנס, קיין איינער פון די כתב־ידן איז נישט דער אָריגינאַל; צווייטנס, ביים איבערשרייבן זיינען דורך די איבערשרייבער געמאַכט געוואָרן אַ ריי ענדערונגען — זיי האָבן אַריינ־געשטעלט אייגענע צוגאָבן; דריטנס, מ'איז דערגאַנגען פונוואַנען עס שטאַמט דער ערשטער טייל — ביז כמיעלניצקיס אויפשטאַנד; פערטנס, נישט דער סאַמאָווידעץ אַליין האָט דעם ערשטן טייל צוגעשטעלט, נאָר אַ סך שפּעטער האָט עס געטאָן אַן איבערשרייבער; פינפטנס, דער עלטסטער פון די געפונענע כתב־ידן שטאַמט פון יאָר 1740.

דאָס איז וויכטיק צו וויסן. געוויינלעך איז מען זיך סומך אויף דער כראָניק פון דעם סאַמאָווידעץ, ווי אויף אַ זיכערן מקור פון דער

באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן געפּאַכטעט צערקוועס. אין דער אמתן איז דאָס אין זיין כראָניק לגמרי נישט פאַראַן! וועגן פּאַכטן צערקוועס דורך יידן רעדט זיך גאָר אין ערשטן טייל, וואָס אַן אַנדערער האָט געשריבן און אַ פרעמדע האַנט האָט אַריינגעשטעלט. אונטער דער דאַטע פון יאָר 1637 געפינט זיך דער פריער־דערמאָנטער זאַץ וועגן פאַר־קויפן צו יידן די צערקוועס און די רעליגיעזע ריטואַלן, וועגן קאָכן די קאָזאַקישע קינדער אין קעסלען און וועגן אויסקוועטשן ביי די ווייבלעך די ברוסטן. די כראָניק פון דעם סאַמאָווידעץ איז נישט קיין באַווייז פאַר דער באַשול־דיקונג, נאָר אַ באַווייז קעגן איר. וואָלט אַזאַ זאַך ווירקלעך געווען, וואָלט דאָך דער סאַמאָווידעץ אין זיין כראָניק, וואו ער רעדט בכלל אי וועגן פאַרפאָלגונגען אויף דער פראַוואָסלאַוונער צערקווע מצד פוילן, אי וועגן געוויסע עוולות מצד יידן — דאָס זיכער דערמאָנט, ווי אַ שרייענדיקע עוולה. אָבער וועגן געבן צו די יידן אין פּאַכט די צערקוועס און די רעליגיעזע צערעמאָניעס איז אין דער כראָניק, וואָס דער סאַמאָווידעץ האָט געשריבן, קיין וואָרט נישטאָ (זיינע טענות זיינען, אַז יידן האָבן נישט געלאָזט די קאָזאַקן האַלטן אין דער היים משקאות, האָבן געהאָלפן אויספרעסן שטייערן א.ד.ג.).

די גאַנצע אויסגאַבע פון „ליעטאָפּיס" איז איינגעטיילט אין עטלעכע טיילן. דער ערשטער טייל ווערט דערפירט ביז כמיעלניצקיס מלחמות. דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן פון כמיעלניצקיס אויפשטאַנד — און ערשט דער דאָזיקער טייל גייט אונטער דעם קאָפּ: „ליעטאָפּיס פון סאַמאָווידעצן וועגן כמיעלניצקיס מלחמות". אַחוץ דעם ווערט געגעבן אַ כראָניק פון 1702 ביז 1734, שוין געשריבן דורך אַנדערע (דער סאַמאָ־ווידעץ איז געשטאָרבן אין 1703). דער ברייטער עולם לייענער האָט אָבער די דאָזיקע איינטיילונג נישט באַמערקט און אויך נישט געדענקט קולישעס באַמערקונגען אין דעם אַריינפיר־וואָרט און איז געבליבן מיטן איינדרוק, אַז אַלץ איז פון דעם סאַמאָווידעץ.

נאָך מער: אין יאָר 1878 איז אין קיעוו דערשינען אַ צווייטע אויס־גאַבע פון „ליעטאָפּיס". כדי די לייענער זאָלן נישט מער אַריינפאַלן אין טעות, האָט מען די פאַרשידענע טיילן פון אים געדרוקט אין באַזונ־

דערע אָפּטײלונגען. אין זײן אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער אױסגאָבע זאָגט דער אוקראַיִנישער היסטאָריקער אַרעסט לעװיצקי: דאָס דרוקן דעם ערשטן טײל צוזאַמען מיט דער כראָניק פון דעם סאַמאָװידעץ האָט אַ סך אַרײַנגעפירט אין אַ טעות. מיהאָט געמײנט, אַז דאָס איז אַ טײל פון גאַנצן „ליעטאָפּיס" פון דעם סאַמאָװידעץ גופא. מיהאָט געפונען דעם קװאַל און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ צוגעטשעפּעטע פרעמדע זאַך. אױך דער סוף איז נישט זײַנער.

אָבער אױך דאָס אָפּטײלן די פרעמדע זאַכן אין באַזונדערע אָפּטײלונגען און דאָס װאָרענען דעם לײענער האָבן נישט געהאָלפן און עד־היום װערט דער טעות איבערגעחזרט.

דער ערשטער טײל, װאו עס װערט דערמאָנט װעגן פאַכטן צערקװעס, איז פאַרפאַסט געװאָרן לאַנג נאָך דעם טױט פון סאַמאָװידעץ. ערשט אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט האָט מען בײם איבערשרײַבן די כראָניק פון דעם סאַמאָװידעץ צוגעגעבן פון פאַרנט טײלן פון אַ צװײטער כראָניק — „קראָטקאָ אָפּיסאַניע מאַלאָראָסיי" — אַ געשיכטע, װאָס איז פאַרפאַסט געװאָרן אין די דרײַסיקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט אױפן יסוד פון ליעטאָפּיס פון גראַביאַנקאָ (גריגאָרי גראַביאַנקאָ איז געװען אַ קאָזאַקישער פּאָלקאָװניק, אומגעקומען 1737 אין אַ שלאַכט אין קרים).

בכלל האַלטן די היסטאָרישע פאָרשער, אַז די כראָניקעס זײַנען װײַט נישט קײן זיכערע קװאַלן פאַר פעסטשטעלן דעם געשיכטלעכן אמת. ביז מיטן 17־טן יאָרהונדערט זײַנען די כראָניקער געװען גײסטלעכע און מאָנאַכן פון די מאָנאַסטירן. די מעשה װעגן פאַכטן צערקװעס און װעגן נגישות מצד יידן װאָלט דאָך זײ געדאַרפט אַמשטאַרקסטן אָנגײן, דאָך איז אין זײערע כראָניקעס װעגן דעם גאָר נישט פאַראַן. ערשט שפּעטער, אין דער צװײטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט, האָבן זיך באַװיזן װעלטלעכע, בעיקר קאָזאַקישע כראָניקער און זײ האָבן געלאָזט אין גאַנג די מעשה װעגן די צערקװעס. צװישן זײ זײַנען פאַראַן בפירוש ליגנערישע כראָניקער, װעמען מיקען לײַכט כאַפּן בײ דער האַנט. אָפילו די בעסטע זײַנען נישט פרײ פון אומפּינקטלעכקײטן, גוזמאות און פאַנטאַזיעס. אַט טאַקע די כראָניק פון דעם סאַמאָװידעץ.

פון אַלע אוקראַינישע איז זי די סאָלידסטע. פונדעסטוועגן דערציילט ער, אַז אין דער רוסיש־שוועדישער מלחמה אין יאָר 1656 האָבן אין דער באַלאַגערונג פון ריגע אָנטיילגענומען 700 טויזנט מאָן פון רוסישן מיליטער. און מ׳וואָלט אים געדאַרפט גלויבן, ווייל ער איז געווען צווישן די באַלאַגערער. די דאָקומענטן פון רוסישן מיליטערישן אַרכיוו און קאָמפּעטענטע היסטאָריקער שטעלן אָבער פעסט, אַז די צאָל פון רוסישן מיליטער, וואָס האָט באַלאַגערט ריגע, האָט באַטראָפן נישט מער ווי 34 טויזנט. די דאָזיקע גוזמא, ווי אויך דער פאַקט, וואָס דער סאַמאָווידעץ האָט זיין כראָניק וועגן כמיעלניצקיס מלחמות אָנגעהויבן צו שרייבן אַ סך שפּעטער — ערשט אין 1670 — הייסן זיין זייער פאָרזיכטיק אַפילו לגבי אָט דער בעסטער כראָניק.

אַ פיל קנאַפּערן צוטרוי פאַרדינען די שפּעטערע כראָניקער, וועלכע זיינען שוין קיין עד־ראיהס נישט געווען און איבערחזרן די באַשולדיקונג וועגן פאַכטן צערקווס. דאָס זיינען וועליטשקאָ, גראַביאַנקאַ, לוקאַמסקי — קאָזאַקישע שרייבער, וועלכע האָבן פאַרפאַסט זייערע געשיכטעס ערשט אין 18־טן יאָרהונדערט.

די ערנסטע אוקראַינישע היסטאָריקער האַלטן, אַז די כראָניקעס פון די פריער־דערמאָנטע זיינען פול מיט פאַנטאַזיעס און אויסטראַכטענישן. מען קען דאָס מיט צענטליקער ביישפּילן באַווייזן. וועליטשקאָס שרייבן רופט אָן דער רוסישער היסטאָריקער גענאַדי קאַרפּאָוו — מעשהלעך. זייער אָפט דערציילט וועליטשקאָ מיט די קלענסטע פרטים געשעענישן, וואָס זיינען קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. ווי אַן אילוסטראַציע זאָל דינען די מעשה מיט טשאַפּלינסקין. ער דערציילט אויספירלעך, ווי כמיעלניצקי האָט פרילינג 1648 געשיקט קיין טשיהירין קאָזאַקן כאַפּן זיין קאָנקורענט און שונא טשאַפּלינסקי. און זיי האָבן אים טאַקע געכאַפּט אין זיין היים, נאַקעט אין בלויזן העמד. מ׳האָט אים געברענגט צו כמיעלניצקין און דער לעצטער האָט אים געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ. די גאַנצע מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע. געננג אָנצואווייזן, אַז אין 1649 ביי די שלום־אונטערהאַנדלונגען האָט כמיעלניצקי געפאָדערט, אַז מ׳זאָל אים אַרויסגעבן טשאַפּלינסקין און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער נאָך געסטראַשעט צו גיין אויף וואַרשע, אויב מ׳וועט אים נישט אַרויסגעבן זיין דם־שונא.

ס'איז אויך פעסטגעשטעלט, אַז וועליטשקא און די אַנדערע כראָניקער האָבן פֿאַבריצירט און געפעלשט בריוו און אוניווערסאַלן פון כמיעלניצקין און אַנדערע קאָזאַקישע פירער.

דער אוקראַינישער געשיכטע־פאָרשער פ. קוליש זאָגט, אַז „ווי מקורים פון געשיכטע פאַרדינען נישט די כראָניקעס קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט פון היסטאָריקער, מיטן אויסנאַם פון איינער — דער אַזוי־גערופענער ליעטאָפּיס פון דעם סאַמאָווידעץ."

נישט קיין גרעסערן צוטרוי קען מען האָבן צו טייל פּוילישע כראָניקער. איינער פון זיי — וועספּאַזיאַן קאָכאָווסקי — האָט אין 1683 אויך איבערגעחזרט די באַשולדיקונג וועגן דער צערקווע־פּאַכט. דאָס איז אָבער נישט קיין באַגלויבטער שרייבער. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען שטאַרק אַבערגלויבעריש, איז ער אויך געווען אַ פאַנאַטיקער און געהאַסט אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייטן. זיין כראָניק פאַרמאָגט אַ סך אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיעס. דערצו נאָך האָט ער קיין עד־ראיה נישט געקאָנט זיין, ווייל אין 1648 איז ער אַלט געווען 15 יאָר און ביז דעמאָלט נישט געלעבט אין אוקראַינע.

אַ צווייטער כראָניקער — סאַמועל גראָנדסקי, וועלכער ברענגט אין זיין געשיכטע פון די קאָזאַקן־מלחמות די מעשה מיט די צערקווע־פּאַכטן, פאַרדינט אויך נישט קיין צוטרוי. עס וואָרנען קעגן אים אי די פּוילישע, אי די אוקראַינישע היסטאָריקער. וועגן זיין כאַראַקטער זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס ער האָט בעת די קאַמפן געדינט אַלע צדדים: די פּאָליאַקן, כמיעלניצקין, די שוועדן, ראַקאָטשין און לסוף — אויך אים פאַרראָטן. זיין געשיכטע איז פול מיט אויסטראַכטענישן.

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז די כראָניקער, האָבנדיק פאַר זיך די בראָשור פון דאָמיניקאַנער פּאַוועל רושעל, האָבן פון „הימלישן חסד" איבערגעשריבן די פּאַרטיקע באַשולדיקונג. אַז אַזעלכע זאַכן קומען פאָר, אַז שפּעטערדיקע מחברים קוקן אַריין און שרייבן איבער פון פריערדיקע ווערק, קען מען פעסטשטעלן ביי פאַרשידענע גרויסע געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס — פון די עלטסטע צייטן ביז היינט, נאָך דעם חורבן, וואָס דער היטלעריזם האָט איבערגעלאָזט. ס'איז מעגלעך, אַז די מעשה וועגן צערקווע־פּאַכטן האָט איר אָנהויב אין דער לובלינער בראָשור. ווי עס

זאָל נישט זיין, האָט מען שוין אין די ווייטערדיקע יאָרן אין אוקראַינע געשמועסט, אַז יידן האָבן געהאַלטן אין פאַקט צערקוועס. צי די קאָזאַקן האָבן עס גענומען פון דאָמיניקאַנער גלח אָדער ער האָט עס גענומען פון זיי — איז שוין היינט נישט מעגלעך פעסטצושטעלן.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ מקור, וואָס האָט די מעשה פאַרשפּרייט און אונטערגעהאַלטן: דאָס איז אַן אוקראַינישע דומע. בעטלער, על פּי רוב בלינדע, האָבן זיך פאַרנומען מיט שאַפן, זינגען אָדער דערציילן די פאָלקס־דיכטונגען. פון איינעם פון זיי, פון אַ בלינדן קאָזאַק, האָט דער היסטאָריקער קוליש פאַרצייכנט איינעם דומעס.

אין איינער ווערט דערציילט, אַז די פּאָליאַקן האָבן צוגענומען ביי די קאָזאַקן די שליסלען פון זייערע הייזער, זיך פאַרמאַכט און געשלאָפן דאָרט מיט די קאָזאַקישע ווייבער. האָבן זיי געשריבן אַ בריוו צו כמיעל־ניצקין און פאַרקלאָגט זיך. און באַגדאַן האָט געשיקט די קאָזאַקן צו שניידן די ליאַכעס (פּאָליאַקן) און „מישן מיטן געלן זאַמד זייער ליאַכיש בלוט, נישט לאָזן זיי באַליידיקן די הייליקע קריסטלעכע אמונה". אַזוי ווערט פאַרגעשטעלט די סיבה פון אויפשטאַנד.

אין אַ צווייטער דומע, וואָס דער זעלבער בלינדער קאָזאַק האָט איבערגעגעבן, ווערט שוין דערציילט, אַז די יידן האָבן אין אוקראַינע גענומען אין אַרענדע „אַלע קאָזאַקישע צערקוועס". און אַ קאָזאַק אָדער אַ פּויער האָט נישט געקאָנט טויפן קיין קינד און דורכפירן אַ חתונה, אויב מ'האָט פריער נישט באַצאָלט דעם ייד־אַרענדאַר. דעריבער האָט באַגדאַן כמיעלניצקי צונויפגענומען די קאָזאַקן און געזאָגט צו זיי: „איי, קאָזאַקן, קינדער, פריינט! כיבעט אייך, סטאַרעט זיך: שטייט אויף פון שלאָף, לייענט דעם רוסישן ,פאָטער אונזער', קומט אין דער סלאַווער אוקראַינע, שניידט די יידן־אַרענדאַרן ביזן לעצטן, מישט אין פעלד מיטן געלן זאַמד זייער יידיש בלוט, דערלאָזט נישט באַליידיקן אייער קריסט־לעכע אמונה, דעם יידישן שבת אָכטעט נישט."

אין איין דומע ווערט די פריער־דערמאָנטע ציטאַטע איבער־געחזרט וואָרט אין וואָרט, נאָר אויפן אָרט פון יידן און יידיש בלוט, ווערט געזאָגט — ליאַכן און ליאַכיש (פּויליש) בלוט. בעת אין דער דומע, וואָס האָט צו טאָן מיט די יידן, גייען די קאָזאַקן אַוועק קיין פּאָלאָנע

(שוין דערמאָנט פריער בעת דער פאַלאָנער שחיטה), ענדיקט זיך עס אין דער אַנדערער דומע מיט דער פאַנטאַסטישער מעשה, ווי אַזוי די קאָזאַקן האָבן דערטרונקען די פאָליאַקן אין דער ווייסל...

פון די ערשטע ווערטער אין דער דומע וועגן יידן, איז צו זען, אַז זי איז געשאַפן געוואָרן אַ סך שפּעטער פון כמיעלניצקי־פּעריאָד, שוין אָפּגעזען, אַז קיין שום געוויסנהאַפטער היסטאָריקער וועט די דומעס נישט נעמען פאַר אַ געשיכטלעכן מקור פון ווירקלעכע פאַקטן. זיי זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן און זיינען אין מויל פון די זינגער־קאָבזאַרן געענדערט געוואָרן (מיהאָט זיי אָנגעהויבן פאַרשרייבן ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט).

# קאַפּיטל XXI

ירידה פון קאַטאָליציזם און פּראַוואָסלאַוויע. — רעפאָרמאַציע. — די בריסקער אוניע. — שפּאַלטונג ביי די אוקראַינער. — פאַרביטערטע קאַמפן און בלוטיקער טעראָר. — בלאָק פון פּראַוואָסלאַוונע און פּראָטעסטאַנטן. — אין סיים, סענאַט און סיימיקעס. — די שליאַכטע אין שוץ פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע.

וויכטיק איז פעסטצושטעלן צי איז בכלל מעגלעך געווען, אַז יידן זאָלן האָבן אין זייער רשות די צערקוועס, אַז די פּאָפּן זאָלן זיין פון זיי אָפּהענגיק און די אוקראַינישע באַפעלקערונג זאָל מוזן צו זיי אָנקומען ביים באַפרידיקן אירע רעליגיעזע הצטרכותן? צו געבן דערויף אַן ענטפער, מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן ווי ס'איז געווען דער מצב פון די רעליגיעס אין דעמאָלטיקן פּוילן.

אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט האָבן די צוויי הויפּט־רעליגיעס אין דער פּוילישער מלוכה — דער קאַטאָליציזם און די פּראַוואָסלאַוויע — זיך געפונען אין אַ דעמאָראַליזירטן צושטאַנד. די העכערע גייסטלעכע האָבן בעיקר אין זינען געהאַט זייערע כיבודים, הכנסות און מאַכט. זייענדיק די בעלי־בתים פון די גרויסע קירכלעכע גיטער, האָבן זיי אונטערדריקט די פאַרקנעכטעטע פּויערים נישט ערגער, ווי די מאַגנאַטעריע און שליאַכטע. אין פיל פאַלן האָבן זיי אַפילו זונטאָג און יום־טוב געצוואונגען די פּויערים צו אַרבעטן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די גייסטלעכע האָט קיין בילדונג נישט געהאַט, איז געווען קאָרומפּירט און געזאָרגט וועגן לעבן אַ גוטן טאָג.

אין די אינטעליגענטערע שיכטן האָט זיך געלאָזט מערקן אַן אומצופרידנקייט מיט דער געפאַלנקייט פון דער קירכע. די אומצופרידענע זיינען אַוועק פון קאַטאָליציזם און פּראַוואָסלאַוויע. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט דער פּראָטעסטאַנטיזם, אַריאַניזם און אַנדערע סעקטעס. די טרעגער פון די דאָזיקע נייע רעליגיעזע שטרעמונגען זיינען בעיקר גע־

קומען פון די אויבערשטע סאָציאַלע שיכטן. אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט זיינען אין גרויס־פוילן און קליין־פוילן געווען 720 קירכעס, וועלכע זיינען פריער געווען קאַטוילישע און זיינען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין רעפאָרמירטע. אין ליטע, וואו ס׳איז געוואָרן שטאַרק דער קאַלוויניזם, זיינען געווען 320 רעפאָרמירטע קירכעס.

אַן ענלעכער פראָצעס איז פאָרגעקומען אין אוקראַינע און אין די שכנישע פראָווינצן, וואו מ׳האָט פאַרלאָזט די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע (פראַוואָסלאַוונע) צערקווע און מ׳איז אַריבער צו רעפאָרמירטע אמונות. עס זיינען געווען אַ מאָסע פראַוואָסלאַוונע פאָפן, וועלכע האָבן אַפילו נישט געקענט לייענען און שרייבן. די גלחישע אַמטן האָט מען געקענט קויפן פאַר געלט. די גייסטלעכע זיינען נישט געווען פריי פון די חסרונות, וואָס זיינען געווען איינגעגעסטעט אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט: שיכרות, אויסגעלאַסנקייט, געשלעגן, אַנפאַלן, רויבעריי אד״גל. אַפילו די בעסטע פאָרשטייער פון דער פראַוואָסלאַוונער צערקווע האָבן זיך נישט געקענט אינגאַנצן באַפרייען פון דעם. די העכערע גייסטלעכע האָבן געצויגן רי־זיקע הכנסות פון די קירכלעכע גיטער און פון אַנדערע זייטיקע קוואַלן. זיי זיינען געווען פאַרפלאָנטערט אין פערזענלעכע פראָצעסן און אַפילו זיך אַליין באַטייליקט אין באַוואָפנטע אַנפאַלן אויף פרעמדע גיטער. דערביי איז געווען אַ טיפער תהום צווישן די העכערע, רייכערע גייסט־לעכע און די נידריקע, אָרימע פאָפן. די ערשטע האָבן זיך געפירט ווי די שליאַכטע, די צווייטע זיינען געווען ענלעך צו פויערים.

צוליב דעם געפאַלענעם מצב פון דער פראַוואָסלאַוונער צערקווע, ווי אויך צוליב אַנדערע, וועלטלעכע טעמים, איז אַ טייל פון דער אוקראַינישער אַריסטאָקראַטיע און שליאַכטע אַוועק צו די רעפאָרמירטע קירכעס אָדער צום קאַטאָליציזם. אין שייכות מיט די רעליגיעזע אומצו־פרידנקייטן, בלאַנדזשעניש און אומוואַנדלונגען איז כדאַי צו ברענגען דעם פאַל מיט דער פירשטין אַנאַ קאָרעצקאַ־כאָדקעוויטש. זי האָט פאַר־לאָזט איר פריערדיקן גלויבן און איז געוואָרן אַ קאַלוויניסטקע און שפעטער — אַן אַריאַנערין. זי האָט זיך דערנאָך פון דעם אויך אָפגעזאָגט: זי האָט בכלל פאַרלאָזט די קריסטלעכע קירכע און אָנגענומען די יידישע

אמונה. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס זי איז צוריקגעקומען אַהיים — צו דער פּראַוואָסלאַוויע.

דער ענטפער, וואָס מ׳האָט געפּרואווט געבן קעגן דער ירידה פון די צוויי הויפּט־אמונות, און קעגן דער רעפאָרמאַציע, האָט געזאָלט זיין אַ פאַרשטאַרקונג פון קאַטאָליציזם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַ־טוילישע רעאַקציע, אין וועלכער די יעזואיטן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל. די פירער פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע האָבן אויך געזוכט אַ רעטונג דורך צוטוליען זיך צו רוים.

אין יאָר 1596 איז אין בריסק פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די העכסטע פאַרשטייער פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע און ס׳איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן אוניע מיט דער קאַטוילישער קירכע. אָנער־קענענדיק די העכסטע אויטאָריטעט פון פּויבסט און די גרונד־עיקרים פון קאַטאָליציזם, איז אָבער ווייטער איינגעהאַלטן געוואָרן דער ריטואַל און די אויסערלעכע פאָרמען פון דער פּראַוואָסלאַוויע. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די נייע קירכע — די אוניאַטישע אָדער גריכיש־קאַטוילישע.

די בריסקער אוניע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אין דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אַרום דער פראַגע. די העכערע גייסטלעכע — דער מיטראָפּאָליט און אַלע ביסקופן, אַחוץ צוויי — זיינען געווען פאַר דער אוניע, די נידריקע קעגן. אויך די אוקראַאינישע מאַגנאַטעריע און שליאַכטע זיינען געווען צעטיילט. וואָס שייך דעם בירגערטום, איז עס כמעט אינגאַנצן געווען קעגן דער אוניע. די פּויערים און די קאָזאַקן זיינען אין די ערשטע צייטן געווען גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין.

אַפילו אין דער פּוילישער געזעלשאַפט איז נישט געווען קיין איינ־שטימיקייט. די רעגירונג און די קאַטוילישע קירכע האָבן שטאַרק גע־אַרבעט פאַר דער אוניע, אָבער אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פּוילישער שליאַכטע איז געווען קעגן דעם צוליב פּאָליטישע טעמים: ס׳איז געווען אַ מורא, אַז די מאַכט פון דער קאַטוילישער קירכע וועט אַזוי שטייגן, אַז עס וועלן באַדראָט ווערן די שליאַכטעצקע פרייהייטן; די אָנהענגער פון דער רעפאָרמאַציע האָבן אויך מורא געהאַט, אַז די פאַראייניקונג פון קאַטאָליציזם און פּראַוואָסלאַוויע קען באַדייטן אַ טויט־קלאַפּ פאַר די

רעפאַרמירטע קירכעס. דער פּראָטעסט פון דער שליאַכטע אין אוקראַינע קעגן דער אוניע האָט געהאַט אויף זיך די אונטערשריפטן אי פון פּראַ־וואָסלאַוונע אי פון דיסידענטן, אי פון אוקראַינער אי פון פּאָליאַקן.

די קירכלעכע אוניע איז געוואָרן אַ פאַקט. און ס'האָט זיך צעפלאַ־קערט אַ ביטערער אומאויפהערלעכער קאַמף צווישן די צעשפּאָלטענע צווייגן פון דער גריכישער צערקווע — דעם אָרטאָדאָקסישן און דעם ניי־געשאַפענעם קאַטוילישן טייל. די דאָזיקע פאַרביסענע קאַמפן, וואָס האָבן אָפּט אָנגענומען בלוטיקע פאָרמען, האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט אָנגעפילט מיט ביטערניש און צאַנקערייען דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אוקראַינע און די שכנותדיקע פּראָווינצן.

דער קאַמף האָט זיך באַלד צעפלאַקערט אַרום די ריזיקע פאַרמעגנס פון די צערקוועס און אַרום די צערקוועס גופא. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַפּעניש. וועלכער צד עס איז געווען שטאַרקער, יענער האָט פאַר־כאַפּט די גיטער און די בנינים פון די צערקוועס און מאָנאַסטירן. די געריכטן זיינען געווען פול מיט קעגנזייטיקע אָנקלאַגעס. איינער האָט דעם צווייטן באַשולדיקט אין נישט־געזעצלעכקייט, אין רויבעריי און גוואַלט. על פּי רוב האָט געוואונען יענער צד, וואָס איז געווען דער אוחז־ביד. די ערשטע צייט איז די אוניאַטן, ביי דער אונטערשטיצונג פון דער פּוילישער רעגירונג, געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ באַדייטנדיקע צאָל צערקוועס און גיטער. די טריי־געבליבענע פּראַוואָסלאַוונע האָבן געענט־פערט מיט אַ בלוטיקער טעראָר־אַקציע און מאָרד־כוואַליע. אַ גרויסע צאָל אוניאַטישע גייסטלעכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער מאָרד איבער דעם פּאָלאָצקער אוניאַ־טישן אַרציביסקופּ יוזעף קונצעוויטש, וואָס איז אין 1623 אויסגעפירט געוואָרן אין וויטעבסק. מ'האָט געכאַפּט אוניאַטישע גלחים און זיי גע־ממיתט — געהאָנגען, דערטרונקען אָדער אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. ביז דער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען אויף אַזאַ אופן דערמאָרדעט גע־וואָרן בערך הונדערט אוניאַטישע גייסטלעכע.

במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט זינט דער שאַפונג פון דער קירכ־לעכער אוניע איז דער קאַמף פון די צוויי צעשפּאָלטענע טיילן אויף

געפירט געוואָרן אויף די פּאָליטישע פאָרומס פון דער פּוילישער מלוכה. דער פּאָליטישער קאַמף איז געפירט געוואָרן אין די סיימיקעס פון די פּראָווינצן און אין אַלגעמיינעם מלוכהשן סיים. באַלד אין יאָר 1596 איז אויף דעם סדר־היום פון די סיימיקעס אין וואָלין, רייסן, בראַצלאַווער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפטן געשטאַנען די פראַגע וועגן דער אוניע. די שליאַכטע, וואָס איז געווען פאַרטרעטן אויף די דאָזיקע סיימיקעס, האָט באַפולמעכטיקט אירע דעפּוטאַטן צום מלוכהשן סיים צו קעמפן קעגן דער אוניע. די באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק און די דעפּוטאַטן האָבן געהאַט אַ מאַנדאַט פון „אַלע בירגער". אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען אויף די סיימיקעס אָנגענומען געוואָרן ענלעכע באַשלוסן.

די פּראַוואָסלאַוונע און פּראָטעסטאַנטן מכל המינים האָבן געשאַפן אַ בלאָק קעגן די קאַטאָליקן און אוניאַטן. אין 1599 איז אין ווילנע צונויפ־גערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון פּראַוואָסלאַוונע און פּראָטעסטאַנטן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונג צום קאַמף פאַר די רעכט פון פּראַוואָסלאַוונע און רעפאָרמירטע קירכעס. בראש פון דעם בלאָק האָבן זיך געשטעלט מצד די פּראַוואָסלאַוונע דער קיעווער וואָיעוואָדע פירשט קאָנסטאַנטי אָסטראָגסקי, דער וואָלינער וואָיעוואָדע פירשט אַלעקסאַנדער אָסטראָגסקי, דער בראַצלאַווער קאַשטעלאַן פירשט סאַנגושקאָ, די פירשטן אַדאַם און מיכאַל ווישניאַוויעצקי, און 15 אַנדערע מאַגנאַטן. אויך מצד די פּראָטעסטאַנטן איז געווען פאַרטרעטן אַ גרעסערע צאָל מאַגנאַטן מיטן ווילנער וואָיעוואָדע פירשט קזשישטאָף ראַדזיוויל בראש.

אַדאַנק דער דאָזיקער קאָנפעדעראַציע האָבן די פּראַוואָסלאַוונע זיך געשאַפן אַ מערהייט קעגן די אוניאַטן אין די סיימיקעס פון די מזרח־קרעסן און ליטע, און אין די ערשטע יאָרן — אפילו אין מלוכהשן סיים.

דער בלאָק פון די פּראַוואָסלאַוונע און פּראָטעסטאַנטן האָט טאַקע אין סיים און אין סענאַט אומאויפהערלעך אויסגענוצט זיין מאַכט. כמעט אויף אַלע סעסיעס איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן עוולות, וואָס ווערן געטאָן די פּראַוואָסלאַוונע און אַנדערע נישט־קאַטוילישע קריסטלעכע אמונות. דער בלאָק האָט זיך געקענט באַנוצן מיטן געווער

פון וועטאַ־רעכט און סיימען זיינען מיט דער הילף פון וועטאָ אַראָפּ־געריסן געוואָרן. אין די יאָרן 7—1606 האָט פּירשט אָסטראָגסקי אין נאָמען פון 60 טויזנט שליאַכטשיצעס אין אוקראַינע און וואָלין געפּאָדערט פון קעניג צו באַזייטיקן די אוניאַטישע גייסטלעכע פון די צערקוועס. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דער קעניג געווען געצוואונגען צו גיין אויף הנחות. אַדאַנק דעם ענערגישן קאַמף איז די פּראַוואָסלאַוונע געלונגען איינצוהאַלטן אין זייערע הענט אַ גרויסע צאָל צערקוועס. אין יאָר 1620 זיינען פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס בלויז פון נידריקן טיפּ (פּאַראַפיאַלע) געווען בערך 8 טויזנט.

מיט דער צייט האָבן די פּראַוואָסלאַוונע גענומען די אויבערהאַנט, בפרט נאָך דעם טויט פון מלך זיגמונד דעם 3־טן. זינט 1632, פאַר דער צייט פון מלך וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן, האָט די פּראַוואָסלאַוונע קירכע צוריק באַקומען אַן אייגענעם, אַ לעגאַלן מיטראָפּאָליט אין קיעוו. דער מצב אין דער פּראַוואָסלאַוונע צערקווע האָט זיך כסדר פאַרבעסערט און זי האָט צוריק באַקומען אַ טייל פון די פּאָזיציעס, וואָס די אוניאַטן האָבן פריער געהאַט פאַרכאַפּט. נישט געקוקט דערויף, זיינען אויף כמעט אַלע סעסיעס פון סיים און פון די סיימיקעס אין די מזרח־פּראָווינצן ווייטער אויפגעהויבן געוואָרן פאַרשידענע פראַגן אין שייכות מיט די צערקווע־ענינים.

דער מצב פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע אין אוקראַינע אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט איז באַקאַנט אין אַלע פּרטים. ס׳איז אויך געננוי באַקאַנט דער שטרייט, וואָס האָט זיך געפירט צווישן איר און דער אוניאַטישער אָפּשפּליטערונג. אין דעם אַלעם איז אָבער נישט פאַראַן קיין שום שפּור, אַז יידן האָבן געהאַט עפּעס אַ שייכות צו די צערקוועס. די פּראַוואָסלאַוונע דעפּוטאַטן אויף די סעסיעס פון מלוכהשן סיים האָבן במשך צענטליקער יאָרן אין זייערע רעדעס און דעקלאַראַציעס אויסגערעכנט פאַרשידענע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, אָבער קיין איין איינציק מאָל איז נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז יידן זיינען פאַרמישט אין אונטערדריקן אָדער פאַכטן צערקוועס. און וואָלט אַזוינס ווירקלעך געווען, וואָלטן עס די

פּראַוואָסלאַוונע דעפּוטאַטן נישט פאַרשוויגן. פאַרקערט, זיי וואָלטן עס אַרויסגעברענגט פאַר דער עפנטלעכקייט ווי אַ שלאַגנדיקן באַווייז פון באַגאַנגענע עוולות; זיי וואָלטן דערמיט געקענט אַמשטאַרקסטן אַפּעלירן צו די קריסטלעכע סענטימענטן פון די אַנדערע דעפּוטאַטן. אין קיין שום רעדע און דעקלאַראַציע וועגן דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע — און רעדעס און דעקלאַראַציעס פון דעם מין זיינען געווען זייער אַ סך — איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן וועגן עוולות מצד יידן אויף דעם געביט.

דער קאַמף אין פּוילישן סיים פאַר דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע איז געווען אַ פּערמאַנענטער. באַזונדערס פיל צייט איז אויף דעם אָוועקגעגעבן געוואָרן אויף די סיים־סעסיעס, וואָס זיינען צונויפגערופן געוואָרן נאָכן טויט פון מלך זיגמונד דעם 3־טן, אין יאָר 1632. פון קיעווער, בראַצלאַווער און וואָלינער וואָיעוואָדשאַפטן זיינען געקומען צום וואַל־סיים 185 דעפּוטאַטן. די פּראַוואָסלאַוונע דעפּוטאַטן האָבן געבילדעט אַ בלאָק מיט די פּראָטעסטאַנטן און סאָציאַנער. דער בלאָק האָט דער־קלערט, אַז ער וועט נישט לאָזן באַהאַנדלען קיין שום ענינים, און אויך נישט לאָזן אויסוויילן אַ נייעם מלך, אויב מ׳וועט פריער נישט גאַראַנטירן די פרייהייט פאַר אַלע רעליגיעס. די דעפּוטאַטן פון וואָלין, ווי אויך פון קיעווער און בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפטן האָבן געגעבן אַ שבועה נישט צו לאָזן אויסוויילן אַ נייעם מלך, אויב מ׳וועט נישט נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען וועגן דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. ווי שטאַרק דער נישט־קאַטוילישער בלאָק איז געווען, איז אויך צו זען פון דעם, וואָס אַלס מאַרשאַלעק פון דעם קאָנוואָקאַציע־סיים איז אויסגעקליבן געוואָרן דער ליטווישער העטמאַן קזשישטאָף ראַדזיוויל, אַ קאַלוויניסט, אַ פאַרביני־דעטער פון די פּראַוואָסלאַוונע און אַ פירער פון דעם נישט־קאַטוילישן בלאָק. אויףביידע סיימען אין יאָר 1632 האָבן די פּראַוואָסלאַוונע דע־פּוטאַטן אַ סך גערעדט וועגן דער לאַגע פון די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס, אויסגערעכנט אַ לאַנגען צעטל עוולות און געוואָרפן פאַרשידענע באַשול־דיקונגען, אָבער וועגן יידישע פאַכטן איז קיין וואָרט נישט געווען. דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ סיים־קאָמיסיע מיטן קומענדיקן קעניג וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן בראש. די באַ־

שלוסן, וואָס די סיים־קאָמיסיע האָט אָנגענומען דעם 1־טן נאָוועמ־בער 1632, האָט מען באַטראַכט פאַר אַ פולע מפּלה פון דער אוניאַטישער קירכע. פון דעמאָלט אָן האָט זיך טאַקע די לאַגע פון דער פּראַוואָ־סלאַווער צערקווע באַדייטנדיק פאַרבעסערט. דער נייער קעניג איז אַנטקעגנגעקומען די פּראַוואָסלאַווע, ווייל דאָס איז געווען אין הסכם מיט זיינע פּאָליטישע פּלענער. די פּראַוואָסלאַווע דעפּוטאַטן און סע־נאַטאָרן האָבן געאַרבעט לטובת זייער צערקווע און געשטאַנען אויף דער וואַך פון אירע אינטערעסן.

און אין די סיימיקעס אויף די מזרח־קרעסן האָט מען כסדר געגעבן אינסטרוקציעס די דעפּוטאַטן, אַז זיי זאָלן אין מלוכהשן סיים זיך אָננעמען די קריוודע פון דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע און שטיין אויף דער וואַך. אַזוי איז געווען ביז מיטן 17־טן יאָרהונדערט. אויך דאָרט איז קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין איין וואָרט וועגן פאַרפאַכטן צערקווע צו יידן. די סיימיקעס פון דער שליאַכטע זיינען דאָך געווען די פּראָווינץ־פּאַרלאַמענטן פון הערשנדיקן סאָציאַלן און פּאָליטישן שיכט און זיי וואָלטן געקאָנט ליקווידירן אַזאַ מין פּראַקטיק, אויב זי וואָלט געווען. די פּראַוואָסלאַווע שליאַכטע, וואָס האָט דאָמינירט אין די סיימיקעס פון די מזרח־קרעסן, וואָלט באַין אופן נישט דערלויבט, אַז די צערקוועס פון איר אמונה זאָלן פאַרשוועכט ווערן דורך יידן און זיין אָפּהענגיק פון זיי. אָבער קיינמאָל האָט מען אויף די סיימיקעס וועגן דעם נישט דערמאָנט — נישט אין די רעדעס און נישט אין די דעקלאַראַציעס וועגן צערקווע־ענינים.

דערביי איז כדאַי אָנצואווייזן, אַז די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנ־טישע טיילן פון דער שליאַכטע האָבן אין די סיימיקעס פון אוקראַינע און די שכנישע פּראָווינצן אונטערגעשטיצט די פאָרשלאָגן פון די פּראַוואָ־סלאַווע שליאַכטשיצעס לטובת דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער צערקווע און מיט דעם מעגלעך געמאַכט, אַז די דעקלאַראַציעס און אינסטרוקציעס פאַר די דעפּוטאַטן צום מלוכהשן סיים זאָל אָנגענומען ווערן איינשטימיק. דער וואָלינער סיימיק, אין וועלכן עס איז געווען פאָרטרעטן די שליאַכטע פון אַלע אמונות, האָט דעם 21־טן אויגוסט 1632 אין לוצק אָנגענומען אַן

איינשטימיקע דעקלאַראַציע, וואָס זאָגט: „מיר סענאַטאָרן, פירשטן, דיגניטאַרן, באַאַמטע און דאָס גאַנצע ריטערטום פון דער וואָלינער וואָיע־וואָדשאַפט פאַרפליכטן זיך נישט לאָזן אויפן וואַל־סיים צוטרעטן אויס־וויילן אַ נייעם קעניג ביז וואַנען עס וועלן נישט באַפרידיקט ווערן אַ ריי פונקטן." און דער ערשטער פונקט, ווערט אָנגעוויזן, איז דאָס באַפרידיקן „די גריכישע רעליגיע" (פּראַוואָסלאַווע). דער נונציוס האָט אַפילו פאַרמסרט פאַרן פויבסט דעם קאַטוילישן טייל פון דער וואָלינער שליאַכטע פאַרוואָס אַלע פאַרשלאָגן פון די פּראַוואָסלאַוונע גייען אַדורך איינשטימיק און טרעפן נישט אָן קיין ווידערשטאַנד. די סיימיקעס פון די מזרח־קרעסן האָבן כסדר געשטיצט די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע ביזן סאַמע אויסברוך פון כמיעלניצקיס אויפשטאַנד. ביי אַזאַ מצב איז פאַקטיש געווען אוממעגלעך, אַז יידן זאָלן זיין בכוח צו טאָן עפּעס שלעכטס די אוקראַינער אויפע רעליגיעז געביט.

# קאַפּיטל XXII

ווירקלעכע עוולות און סכסוכים. — ליטעראַרישע פּאָלעמיק. — די באַשולדיקונג אין צערקווע-פּאַכטן אַנטשטאַנען ערשט נאָכן אומברענגען די יידן. — קיין שום דאָקומענטאַלע באַשטעטיקונג. — די פאַרשידנסטע מקורים. — אַ פעלשונג. — אַ דיאַלאָג צווישן אַ ייד און אַ קריסט. — פון קאָזאַקן און פּאָפּן קיין שום טענות.

עוולות זיינען גאָר געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. אַזוי ווי טיילן פון דער שליאַכטע און מאַגנאַטעריע האָבן געביטן זייער רעליגיע, פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן, נישט פרעגנדיק ביי די מתפללים, איבערגעפירט צו זייער נייער אמונה די קירכע, וואָס איז געשטאַנען אויף זייער ערד. פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַטוילישע קאָשטשאָלן אָדער אין רעפאָרמירטע קירכעס. דאָס האָט מען נישט אָנגעווענדט בלויז לגבי פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס. אַפילו קאַטוילישע קאָשטשאָלן זיינען נישט געווען זיכער קעגן אומוואַנדלונג. מיט יידן האָט דאָס אַבסאָלוט נישט געהאַט צו טאָן. בלויז צוליב דעמאַגאָגישע צוועקן פלעגט מען אין אַזאַ פאַל זאָגן, אַז מען האָט פון דער צערקווע אָדער פון קאָשטשאָל געמאַכט אַ „יידישע סינאַגאָגע".

די פּראַוואָסלאַוונע האָבן געפירט אַ שטאַרקע שריפטלעכע פּאָלעמיק מיט זייערע קעגנער און אויך אין די ליטעראַרישע אויסגאַבעס, וואו עס ווערן אויסגערעכנט פאַרשידענע עוולות לגבי דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, ווערן נישט דערמאָנט קיין יידישע צערקווע־פּאַכטן.

די ווילנער פּראַוואָסלאַוונע בראַטסטווע האָט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור א. נ. סינאָפּסיס. אין דער בראָשור, וואָס איז געווענדט צו די דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, ווערט געשילדערט די לאַגע פון די פּראַוואָסלאַוונע צוליב דער אוניע. עס ווערט דאָרט געזאָגט: „קינדער גייען אַוועק פון דער וועלט אָן טויפונג, דערוואַקסענע לעבן אָן חתונה און שטאַרבן אָן ווידוי און אָן הייליקע סאַקראַמענטן. די קערפּערס פון די פאַר־

שטאַרבענע קריסטן ווערן אָן שום צערקאָווגע צערעמאָניעס געהיים באַ־גראָבן אויף די פעלדער, גערטנער, סעדער און וועלדער." און דאָס איז אַלץ דערפאַר, — ווערט דאָרט געזאָגט, — ווייל צוליב דער אוניע ווערן מיט גוואַלט צוגענומען די צערקווס און מ׳דערלאָזט נישט פּראַוואָ־סלאַוונע גייסטלעכע אָפּריכטן די גאָטעס־דינסטן. צי וועלן די נשמות פון די אַלע געשטאָרבענע (אָן טויפונג און אָן סאַקראַמענטן) נישט יאָמערן און רופן גאָט אויף זיין שרעקלעכן משפט צו נעמען נקמה פון די, וועלכע האָבן געמאַכט אַזאַ אוניע צו פאַרניכטן דאָס פאָלק אין דער מלוכה?

ענלעכע באַשולדיקונגען ווערן אויך אַרויסגערוקט אין די שריפטן, וואָס זאַכאַריאַ קאָפּיסטענסקי האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 22—1619. ער זאָגט, אַז דאָס טוען יענע פון דער אוקראַאינישער שליאַכטע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די פּראַוואָסלאַוונע אמונה און זיינען אַריבער צו די פאַר־שידענע אַנדערע אמונות, און בפרט די אַריאַנער.

ס׳איז אַ קאַמף פון אוקראַאינער מיט אוקראַאינער, פון גריכיש־אָרטאָ־דאָקסישע מיט גריכיש־קאַטוילישע, פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע מיט אירע אָפּטריניקע קינדער, וועלכע האָבן געביטן זייער גלויבן. יידן האָבן צו די אַלע עוולות קיין שום שייכות נישט. נישט מען רופט זיי צו גאָטס משפט, נישט מען רופט גאָט צו נעמען נקמה פון זיי; נישט מען וועקט דאָס קריסטלעכע געוויסן פון די דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן צו ראַטעווען די הייליקע צערקווס פון די הענט פון די „אומגלויביקע" יידן.

גראָד אין די לעצטע 25 יאָר פאַר כמיעלניצקיס אויפשטאַנד און בפרט זינט 1632 האָט די לאַגע פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע אין דער פוילישער מלוכה באַדייטנדיק זיך פאַרבעסערט. ס׳איז כדאַי צו הערן וואָס עס זאָגט וועגן דעם דער היסטאָריקער פון דער פּראַוואָסלאַוו־נער צערקווע, דער מאָסקווער מיטראָפּאָליט מאַקאַרי: „אויב אין ווילנע, פּאָלאָצק און אַנדערע ערטער האָט די רעגירונג אַזוי ווי פריער אונטער־דריקט די פּראַוואָסלאַוונע, האָט שוין דאָס נישט געקענט זיין אין קיעוו, אַרום קיעוו און בכלל אין קליין־רוסלאַנד, וואו עס האָבן זיך געפונען קאָזאַקן." . . . „מיטן טויט פון קעניג זיגמונד האָט דער גורל פון די פּראַוואָסלאַוונע ממשותדיק זיך פאַרבעסערט."

די פראַוואָסלאַוונע צערקווע האָט געהאַט מעכטיקע באַשיצער סיי אויף די ערטער, סיי אויף די פּאָליטיש־מלוכהשע פאָרומס. דער בלאָק פון די פראַוואָסלאַוונע און פּראָטעסטאַנטן אין סיים און סענאַט און אין די סיימיקעס איז געווען אַ כוח נישט צום איגנאָרירן. פון 1632 האָבן די פראַוואָסלאַוונע אוקראַינער אויך געהאַט אַ שטאַרקע שטיצע אין קעניג, וועלכער האָט געזוכט זייער הילף און דערפאַר אָפט געפּסקנט לטובת זיי אין דעם צערקווע־שטרייט.

מיר מוזן זיך קלאָר מאַכן אָט דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט: ביז 1649 איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט, אַז יידן האָבן געהאַט אַ מגע ומשא מיט די צערקוועס. דאָס הייסט, כל־זמן די יידן פון אוקראַינע און די שכנישע פּראָווינצן האָבן נאָך געלעבט און געווען טעטיק, האָט מען זיי אין דעם חטא נישט באַשולדיקט. ערשט מיטן דערשיינען פון דער בראָשור „פּאַוואָר ניעביעסקי" אין 1649, דאָס הייסט נאָך די שחיטות פון ת"ח ות"ט, ווען די יידן זיינען שוין אין אוקראַינע נישט געווען, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַזאַ באַשולדיקונג קעגן זיי.

ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַז נישט אין סיים, נישט אין די סיימיקעס און אויך נישט אין דער פּאָלעמישער ליטעראַטור איז אַזאַ באַשולדיקונג אַרויסגערוקט געוואָרן. וואָלטן די יידישע צערקווע־פּאַכטן געווען אַ פאַקט, וואָלט וועגן זיי געדאַרפט דערמאָנט ווערן נאָך אין אַ ריי אַנדערע ערטער: אין די זעמסקע און גראָדזקע ביכער. אַרענדעס האָבן געהאַט אַ יורידישן ווערט, אויב זיי זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין די דערמאָנטע ביכער. ערשט דעמאָלט איז דער אָפּמאַך געוואָרן אַ יורידישער אַקט. עס געפינען זיך אין די זעמסקע און גראָדזקע ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן פון פאַרשידענע עפּאָכעס ביז מיטן 17־טן יאָרהונדערט, אַ ריי אַרענדע־אָפּמאַכן צווישן יידן און פּריצים. אין די אָפּמאַכן ווערן אויסגערעכנט מיט די קלענסטע שבקלענסטע פּרטים, וואָס די אַרענדאַרן נעמען איבער, אָבער וועגן איבערגעבן צערקוועס ווערט נישט דערמאָנט (וועגן איין אויסנאַם וועט שפּעטער גערעדט ווערן).

יידן האָבן געהאַט כלערליי קאָנפליקטן מיט קריסטן. אין די געריכט־

אַקטן זיינען פאַראַן אַ סך אַנקלאַגעס און קעגן־אַנקלאַגעס. דאָס איז אָבער אַלץ צוליב געשעפטלעכע סכסוכים, גוואַלט־טאָטן אאַז״וו. קיינמאָל נישט מחמת אַ קאָנפליקט צוליב צערקווע־פאַכטן. פאַראַן אפילו אַקטן וועגן אייניקע סכסוכים צווישן יידן און פּאָפּן, אָבער אויך די דאָזיקע פאַלן האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט צערקווע־ענינים, נאָר מיט געשעפטלעכע אָדער פּערזענלעכע. און מען דאַרף געדענקען, אַז עס זיינען פאַרבליבן בערך זעקס טויזנט ביכער מיט אַקטן פון די גראָדזקע, זעמסקע און מאַגיסטראַטישע געריכטן אין אוקראַינע, וואָלין און פּאָדאָליע פאַר דער צייט פון 16־טן—18־טן יאָרהונדערט. דאָרט איז נישטאָ קיין איין איינציקע אַנקלאַגע אָדער אַן אַנדערער יורי־דישער דאָקומענט, וואָס זאָל קענען ווייזן, אַז יידן זיינען געווען פאַרמישט אין צערקווע־עסקים.

אין יענע צייטן האָט די פּוילישע רעגירונג אַרויסגעשיקט אויף די ערטער לוסטראַטאָרן דורכצופירן אינספּעקציעס. זייערע באַריכטן גיבן אַן אויספירלעך בילד וועגן לעבן, באַציאונגען און הכנסות אין די אוקראַיני־שע פּראָווינצן. זיי זיינען צונויפגעשטעלט מיט די קלענסטע פּרטים און אַנטהאַלטן אויך אַ סך אַנקלאַגעס וועגן מיסברויכן, עוולות און ענלעכע זאַכן. די לוסטראַטאָרן דערציילן גאָרנישט וועגן יידישער אַריינמישונג אין צערקווע־ענינים. וואָלט אַזאַ זאַך געווען, איז אוממעגלעך, אַז דאָס וואָלט פאַרשוויגן געוואָרן אין די זייער אויספירלעכע באַריכטן. דאָס וואָלט געמוזט זיין שוין צוליב דעם פּשוטן טעם וואָס די הכנסות פון די פאַרשידענע באַפעלקערונג־גרופּן האָבן געדינט פאַר אַ יסוד צו באַשטימען די הויך פון זייערע שטייערן און אָפּצאָלן.

דאָס זעלבע איז מיט די צאָלרייכע אַנקלאַגעס קעגן כלערליי באַשעפּ־טיקונגען פון די יידן. פון אַ גרויסער צאָל ישובים זיינען אָנגעקומען פאָ־דערונגען, אַז מען זאָל פאַרווערן יידן זיך צו פאַרנעמען מיט פאַרשידענע פרנסות. קיין איין איינציק מאָל האָט מען נישט געפאָדערט צו פאַרבאָטן יידן צו נעמען אָפּצאָלן פון צערקווע. צי זיינען די אוקראַינער זייערע הייליקע צערקוועס ווייניקער אָנגעגאַנגען, ווי שענקען, מאַרק־האַנדל אָדער פאַרשידענע מלאכות? פאַרוואָס האָבן זיי געקענט מאַכן אַ גרויסן ליאַרם וועגן „יידישע אַפּרעסיעס״, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַרטרייבן

אַ קרעמער אָדער בעל־מלאָכה און געשוויגן ווי פיש וועגן אַזאַ מעשה־נורא ווי נעמען אין אַרענדע זייערע געטלעכע הייזער ?

עס זיינען פאַרצייכנט פיל פאַלן פון דערמאָרדן יידן ביז 1648. דאָס איז געשען אויפן גרונט פון קאָנקורענץ, צוליב רויב־צוועקן אָדער צוליב אַנטיסעמיטישער העצע. קיינמאָל איז דאָס נישט געווען צוליב דעם, וואָס יידן זאָלן כלומרשט האָבן געהאַלטן ביי זיך די שליסלען פון די צערקוועס און גענומען אַן אָפּצאָל פאַר לאָזן דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס. וואָלט אַזאַ פּראַקטיק ווירקלעך געווען, וואָלט דאָס זייער לייכט פּראָוואָצירט צו אָנפאַלן אויף יידן.

און אין נאָך איין אָרט זוכן מיר און געפינען נישט. עס זיינען פאַראַן פיל טאָג־ביכער, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין די מאָנאַסטירן און צערקוועס פון אוקראַינע. אין קיין איינעם פון זיי געפינט זיך אַפילו נישט קיין רמז וועגן דער מעשה מיט די צערקווע־פּאַכטן. און דאָ איז דאָך אַוודאי דאָס פּאַסיקסטע אָרט, אַז אַזאַ מעשה־נורא זאָל פאַרשריבן ווערן לדורות.

און פאַרוואָס זוכן בלויז ביי נישט־יידן ? מען מוז אויך אַ קוק טאָן אין די יידישע מקורים.

אין צוויי ערטער וואָלט אַזאַ זאַך געמוזט אַרויסקומען: אין די שאלות ותשובות פון די רבנים ווי אויך אין די באַשלוסן פון וועד ארבע ארצות און פון ליטווישן וועד־הקהילות. באַזונדערס וואָלט דאָס געמוזט זיך באַווייזן אין די באַשלוסן פון קהילה־וועדים. זיי האָבן דאָך באַהאַנדלט די פאַרשידנאַרטיקסטע ענינים פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן. זיי זיינען געווען באַזונדערס פילבאַר צו ענינים, וואָס האָבן געשמעקט מיט סכנות פאַרן כלל. די וועדים האָבן געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן. אויב זיי האָבן זיך כסדר פאַרנומען מיט אַרענדעס פון ווירטשאַפטלעכע צווייגן און פלעגן וועגן און מעסטן צי דאָס איז נישט קיין סכנה פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, וואָלטן זיי נישט דורכגעלאָזט אַזאַ מין אַרענדע, וואָס איז אַ פאַרשוועכונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע — אַן אַרענדע, וואָס איז ממש אָנגעלאָדן מיט פּולווער. אין די טויזנטער באַשלוסן פון די קהילה־

וועדים איז אַפילו קיין רמז דערויף נישטאָ. אַזוי אויך אין די שאלות ותשובות פון די רבנים.

מען קען אויך גאָר נישט געפינען וועגן דעם אין די יידישע שריפטן, וואָס זיינען דערשינען ביז די יאָרן פון די שחיטות. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די באַריכטן פון די שחיטות, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך ת"ח ות"ט. נישט פריער און נישט שפּעטער ווערט וועגן דעם דערמאָנט. אַפילו די יידישע כראָניקער, וועלכע שרייבן, אַז יידן זיינען אומגעקומען פאַר זייערע זינד, מיינען זיי די זינד קעגן גאָט... מיהאָט דאָך געדאַרפט דעם רבונו־של־עולם פאַרענטפערן פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק...

**אין קיין שום יידישן מקור איז נישטאָ קיין באַשטעטיקונג פאַר דער באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן גענומען אין פאַכט צערקוועס.**

זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז אין איין יידישער אויסגאַבע האָט מען זיך דערלויבט אַ שענדלעכע פעלשונג.

אין 1898 איז אין ווילנע (הוצאת ר׳ יצחק פונק) אַרויס אַ יידישע אויסגאַבע פון „ספר שבט יהודה". דער איבערזעצער — יהושע מזח — האָט צוויי מאָל געפעלשט דעם טעקסט פון שבתי כהנס „מגילת־עיפה", וואָס איז דאָרט אָפּגעדרוקט. אין דער איבערזעצונג שטייט: „זייערע הייליקע זאַכן האָבן זיי מחלל געווען, זייערע בתי־תפילה מבזה געווען און אָפּגעגעבן אין אַרענדע יידן." אין העברעאישן אָריגינאַל זיינען די דאָזיקע ווערטער אינגאַנצן נישט פאַראַן. זיי זיינען פשוט אויס־געטראַכט פון איבערזעצער. אַזוי איז אויך אין אַ צווייט אָרט. דאָרט וואו עס ווערט דערציילט וועגן אַקט פון קידוש־השם ביי הומיה, לייגט מזח אַריין אַזעלכע ווערטער אין מויל פון די יידן, בעת זיי האָבן געזאָגט ווידוי פאַר זייער מאַרטירער־טויט: „מיר אַליין זיינען שולדיק אין אונזער אומגליק, פאַר אונזערע חטאים שטראָפט אונז גאָט, און ווייל מיר האָבן זייערע בתי־תפילה גענומען אין אַרענדע ביי די פּוילישע פּריצים." אויך דאָס איז אין אָריגינאַל נישטאָ. דער איבערזעצער האָט די לעצטע אויספאַנטאַזירטע ווערטער ווי אַ ממזר אונטערגעוואָרפן די יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם (דעם ריכטיקן טעקסט פון

„מגילת־עיפה״ ברענגען מיר אויף זייטן 3־181, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער שחיטה ביי הומיה).

אַז יידן האָבן אַזעלכע ווערטער נישט געקענט ברענגען פאַר זייער מויל, זאָגט אומדירעקט עדות גראַד אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, דער אוקראַינישער גלח יאָאַניקי גאַליאַטאָווסקי. ער האָט געלעבט אין כמיעל־ניצקיס צייטן און איז אַרומגעפאָרן אין אַלע געגנטן פון לאַנד — פון פאָלעסיע ביז אַריבער דעם דניעפּר. אַ וואַנדערנדיקער אַגיטאַטאָר פאַר דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. ער איז געווען אַ באַוואוסטער פּרעדיקער און שרייבער און געוואוסט וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום צערקווע־לעבן. דער דאָזיקער גלח האָט אַרויסגעלאָזט אַ בוך אויף אוקראַיניש קעגן יידן. דאָס איז שוין געווען נאָך די יידן־שחיטות. דאָס בוך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מעסיאַ פּראַוודיווי״ („דער אמתער משיח״) איז געשריבן געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישן אַ קריסט און אַ ייד. גאַליאַטאָווסקי לייגט אַריין אין מויל פון קריסט אַ סך באַשולדיקונגען קעגן יידן. עס ווערן אויסגערעכנט אַ ריי פאַר־ברעכנס, וואָס יידן זאָלן האָבן באַגאַנגען און דערמיט ווערט באַרעכטיקט די שנאה צו זיי מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דער קריסט זאָגט, אַז גאָט שטראָפט די קריסטלעכע מלוכות מיט הונגער און פאַרשידענע עפּידעמיעס צוליב די יידן. ער דערצעדט זיך אַזוי ווייט, אַז מ׳דאַרף די יידן דערהרגענען און אויסראָטן און „דעמאָלט וועט גאָט אויפהערן אונז, קריסטן, שטראָפן מיט הונגער, מלחמה, מיט פאַרפּעסטעטער לופט און אַנדערע צרות״. אין די באַשולדיקונגען פעלט אויך נישט, אַז יידן גנבענען און דערהרגענען קריסטלעכע קינדער, אויסצאַפּנדיק פון זיי דאָס בלוט אויף צו היילן דערמיט קראַנקע אָדער צו מאַכן כישוף; אַז זיי פאַרסמען דאָס וואַסער, מישן אַריין סם אין די רפואות, פרעסן אַרויס פון פרויען־ברוסטן מילך אד״גל. און דער באַשולדיקער קומט צום אויס־פיר: כדי אויסצומיידן גאָטס שטראָף, דאַרפן די קריסטן טויטן די יידן און פאַרגיסן זייער בלוט.

ווען דער קריסט זאָגט, אַז „מען דאַרף נישט דערלויבן אייך, יידן, צו בויען אייערע בוזשניצעס, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף זיי צעשטערן״ — רופט זיך אָן דער ייד: „פאַרוואָס זאָלט איר צעשטערן אונזערע סינאַ־

גאָגעס, בעת מיר טוען נישט קיין שום שלעכטס אייערע צערקוועס ?״

וואָלט געווען אמת די מעשה מיט די צערקווע־פּאַכטן, וואָלט דער ייד אַזאַ פראַגע נישט געפרעגט. און אויב גאַליאַטאָווסקי וואָלט אים אַזאַ פראַגע אַריינגעלייגט אין מויל אַריין, וואָלט ער באַלד דורכן מויל פון קריסט מיט טריאומף אויסגערופן: איר האָט דאָך אונזערע צערקוועס פאַרשוועכט, איר האָט זיי דאָך געהאַלטן אין פּאַכט, געהייסן זיך באַצאָלן פאַר די גאָטעס־דינסטן אד״גל. אָבער גאַליאַטאָווסקיס קריסט רעדט וועגן דעם קיין וואָרט נישט. אָנשטאָט צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ שרייענ־דיקן פאַקט — אויב אַזאַ זאַך וואָלטווירקלעך געווען — ענטפערט גאָר דער קריסט אויף דעם יידס פראַגע אַזוי: „מיר, קריסטן, דאַרפן אַרונטער־רייסן און פאַרברענען די יידישע בוזשניצעס, אין וועלכע איר לעס־טערט גאָט, מיר דאַרפן ביי אייך צונעמען די סינאַגאָגעס און פאַר־וואַנדלען זיי אין צערקוועס; מיר דאַרפן אייך, ווי שונאים פון קריסטוסן און פון די קריסטן, פאַרטרייבן פון אונזערע שטעט, פון אַלע מלוכות, דערהרגענען אייך מיט דער שווערד, דערטרינקען אין די טייכן און פאַרטיליקן מיט כלערליי מיתות משונות.״

דאָס איז געווען דער דירעקטער ענטפער אויף דעם יידס פראַגע: „פאַרוואָס זאָלט איר צעשטערן אונזערע סינאַגאָגעס, בעת מיר טוען נישט קיין שום שלעכטס אייערע צערקוועס ?״ סיי די פראַגע פון ייד, סיי דער ענטפער פון קריסט שליסן אויס יעדע מעגלעכקייט, אַז יידן זאָלן האָבן געבאַלעבאָטעוועט מיט די צערקוועס. אַפילו אַזאַ גאַליאַטאָווסקי, וועל־כער האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע פאַרשטייער פון דער פראַוואָ־סלאַווער צערקווע און גלייכצייטיק אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ווילדע שנאה צו יידן און געהעצט צו מאָרד, האָט פונדעסטוועגן נישט געוואַגט אַרויס־צוקומען מיט דער באַשולדיקונג וועגן די צערקוועס. אַגב, קיין שום פּראַוואָסלאַווער גייסטלעכער פון יענער עפּאָכע האָט אַזאַ באַשולדי־קונג קעגן יידן נישט אַרויסגערוקט.

זוכנדיק קוואַלן, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אַ וויכטיקן מקור: די קאָזאַקן. אויב ס׳איז אמת, אַז זיי האָבן אויסגעמאָרדעט די יידן, ווייל אין זיי האָט געברענט דער הייליקער צאָרן צוליבן פאַר־שוועכן די צערקוועס, האָבן זיי דאָך פאַר, בעת און נאָך די הריגות

געדאַרפט דעם דאָזיקן צאָרן זייערן אַרויסשרייען. וועגן פאַרשידענע זאַכן האָבן זיי גערעדט — געבעטן און געפאָדערט, געמאָנט און אָנגע־קלאָגט — נאָר וועגן דעם האָבן זיי געשוויגן. זיי האָבן אויך די יידן נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, און אויך פאָדערונגען געשטעלט וועגן די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס, נאָר אַז יידן האָבן אויף אַ וועלכן נישט איז אופן אַ שייכות צו דעם מצב פון די צערקוועס — וועגן דעם האָט קיינער פון זיי אַפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן.

בכלל זיינען די קאָזאַקן געווען גאַנץ קנאַפּע מאמינים און האָבן קיין אינערלעכע באַציאונג צום מעמד פון דער רעליגיע נישט געהאַט. האָבן זיי זיך דאָך אַליין כאַראַקטעריזירט אין אַ לידל, וואָס זיי האָבן געזונגען:

> וואָסערע הייליקע צערקווע איז אין דאָרף
>
> האָט דער קאָזאַק נישט געפרעגט,
>
> ריהאָט יאָ געפרעגט וואו ס׳איז אַ קרעטשמע אַ נייע
>
> און אַ שענקערין אַ יינגע.

ביז סוף 16־טן יאָרהונדערט איז אין זאַפּאָראָזשע נישט געווען קיין צערקוועס און אויך נישט קיין פּאָפּן. זיי פלעגן נישט וועלן קיין גאָטעס־דינסטן, ווען זיי זיינען געווען אין מלחמה. אַזוי איז געווען ביז מיטן 17־טן יאָרהונדערט. ערשט אין מיטן פון דער מלחמה מיט פּוילן (אין 1651) האָבן זיי צום ערשטן מאָל צוגעלאָזט רעליגיעזע צערעמאָניעס פאַר די קאָזאַקישע פולקן. אָבער נאָך פריער זיינען זיי ביסלעכווייז דורך פּאָפּן אַריינגע־צויגן געוואָרן אין שטרייט צווישן דער פּראַוואָסלאַוונער און דער אוניאַטי־שער צערקווע — צווישן דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער און גריכיש־קאַטוילישער. דער אינטערעס — נישט צום רעליגיעזן לעבן, נאָר צום רעליגיעזן שטרייט — איז זיך מאָדנע צונויפ־געפאַלן אין צייט מיט דער פאַרמערונג פון די קאָזאַקישע אָנפאַלן, רוי־בערייען, גוואַלט־טאַטן און הריגות. דאָס איז געווען די ערשטע העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט, ווען די פּראָווינציעלע סיימיקעס און מלוכהשע סיים־סעסיעס זיינען פאַרשיט געוואָרן מיט אָנקלאַגעס קעגן די קאָזאַ־קישע אָנפאַלן אין די אוקראַאינישע שטעט און דערפער. דאָס מישן זיך אין רעליגיעזן שטרייט איז די קאָזאַקן געווען אויף דער האַנט. דאָס האָט

זיי געגעבן אַן אידעאישן שלייער פאַר זייערע רייך־קאַסטישע פאָדערונגען ; דאָס האָט געקאָנט געבן אַ הייליקן שיין פאַר די גוואַלט־טאַטן. אמת, כמעט תמיד איז דער ענין רעליגיע ביי זיי געווען אין סאַמע סוף פון זייערע פאָדערונגען, אָבער פאַרט האָבן זיי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געלאָזט הערן זייער שטים לטובת דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע. אייניקע מאָל האָבן פאַרשטייער פון קאָזאַקישן מיליטער דערלאַנגט ווענדונגען אין פּוילישן סיים וועגן עוולות מצד אוניאַטן, נאָר קיינמאָל האָבן זיי נישט דערמאָנט וועגן עוולות מצד יידן אויפן קירכלעכן געביט.

דריי פאַרשטייער פון „זאַפּאָראָזשער מיליטער" זיינען געקומען צו די סיים־סעסיעס אין 1632 און געפאָדערט, אין הסכם מיט דער באַקומענער אינסטרוקציע, אַז דאָס אוקראַאינישע פאָלק און די גייסטלעכע זאָלן מער נישט ליידן צרות און עוולות מצד די אוניאַטן. וועגן יידן איז אפילו קיין רמז נישט געווען.

אין דער אינסטרוקציע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די קאָזאַקישע פאַרשטייער אויף דער ראַדע אין פּרילוקי, זומער 1632, און איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זייערע פאָסלעס צום וואַרשעווער סיים, ווערט געזאָגט :

„צוליב דער אוניע האָט מען נישט געקאָנט במשך פון עטלעכע יאָרצענטליק רואיק אָפּריכטן די גאָטעס־דינסט פון אונזער אַלטער גריכישער רעליגיע, וואָס איז פאַרזיכערט געוואָרן דורך פּריווילעגיעס און שבועות פון די ליכטיקסטע פּוילישע מלכים ; צוליב איר קומט פאָר אַ גרויסע פאַרוויסטונג פון דער צערקווע, אונטערדריקונג פון די גייסטלעכע, דאָס צונעמען פון מאָנאַסטירן און גיטער ; דאָס באַזייטיקן פאַרשידענע מענטשן פון אָרטיקע געריכטן, דאָס גוואַלטזאַמע פאַרבאָטן די פּראַוואָסלאַווע כלי־קודש אָפּצוריכטן גאָטעס־דינסטן אין די שטעט, צוליב וועלכן די קינדער גייען אַוועק פון דער וועלט אָן טויפונג, דערוואַקסענע לעבן אָן חתונה, שטאַרבן אָן סאַקראַמענטן."

די קאָזאַקישע פאַרשטייער האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט אָפּגעהאַלטן אַ ריי פאַרזאַמלונגען פון זייערע ראַדעס. אין די דרייסיקער יאָרן זיינען אַזעלכע ראַדע־פאַרזאַמלונגען פאָרגע־

קומען עטלעכע מאָל. צו זיי זיינען געקומען גייסטלעכע און גערעדט וועגן די צערקווע־ענינים. די קאָזאַקישע ראַדעס האָבן אַנגענומען באַשלוסן וועגן קעמפן קעגן דער קירכלעכער אוניע. קעגן יידן האָט מען קיין טענות נישט אַרויסגערוקט און אין צערקווע־עסקים נישט באַשולדיקט.

ווען די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן האָבן זיך באַראָטן וועגן זייערע אינסטרוקציעס צום וואַל־סיים, זיינען ספּעציעל אָראָפּגעקומען צו זיי פון פאַרשידענע ערטער 300 פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע, געפאַלן פאַר זיי אויף די קני און מיט טרערן אין די אויגן זיי געבעטן זיך איינצושטעלן פאַר דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער אמונה. די קאָזאַקן האָבן מסכים געווען. אין דעם פאַל, ווי אין אַ ריי אַנדערע פאַלן, איז נאָר געווען די רייד וועגן דער אוניע, און וועגן די צרות און עוולות מצד איר. ס׳קען נישט זיין דער מינדסטער ספק, אַז די קאָזאַקן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געמאָרדעט יידן, וואָלטן קיין יידישע עוולות נישט פאַרשוויגן, אויב די יידן וואָלטן געהאַט אַריינגעשטעקט זייערע הענט אין צערקווע־עסקים.

מיט 10 יאָר פאַרן אָנהויב פון כמיעלניצקיס יידן־שחיטות איז אויסגעבראָכן אַ קאָזאַקישער בונט אונטער דער אָנפירונג פון העטמאַן פון זאַפּאָראָזשער מיליטער אָסטריאַניצאַ. דעם 20־טן מערץ 1638 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן אוניווערסאַל, אין וועלכן ער רעכנט אויס באַליידיקונגען און עוולות מצד די פּאַליאַקן און פאַרגעסט אויך נישט וועגן יידן. אָבער אין וואָסער שייכות? דער קאָמאַנדיר פון פּוילישן מיליטער העראַדאָווסקי זאָל האָבן צעמזיקט דעם פאָטער און ברודער פון אָסטריאַניצאַ. דער פירער פון קאָזאַקישן בונט נוצט־אויס דעם נאָמען העראַדאָווסקי צו פאַרבינדן אים מיט די יידן (דורך דעם יידישן מלך הורדוס...). ער דערציילט פאַרשידענע פאַנטאַזיעס וועגן יידן און העצט קעגן זיי, אָבער וועגן יידישע צערקווע־פאַכטן ווייסט ער נישט צו דערציילן, הגם וועגן סתם עוולות צוליב דער קירכלעכער אוניע דערמאָנט ער יאָ.

וויכטיקער פון דעם זיינען אין דעם פאַל די אוניווערסאַלן פון באָגדאַן כמיעלניצקי אַליין. אין סאַמע פייער פון אויפשטאַנד, דעם 28־טן מאַי 1648, האָט ער אין לאַגער ביי ביאַלאַצערקווע אַרויסגעגעבן אַן אוניווערסאַל, אין וועלכן ער קלערט־אויף די סיבות פון דער מלחמה און רופט

דאָס פאָלק זיך נעמען צום געווער. צווישן אַנדערן ווערט דאָרט גערעדט, אַז מיהאָט אוקראַינע אָפּגעריסן פון דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע צוליב דער קירכלעכער אוניע, אָבער יידן טשעפּעט ער נישט צו צו די עוולות אויפן רעליגיעזן באָדן. אויך יידן דערמאָנט ער איינמאָל, אָבער נישט אין שייכות מיט צערקוועס.

דעם 2־טן יולי 1648 האָט דער פירער פון קאָזאַקישן אויפשטאַנד געשריבן אַ בריוו צום פוילישן קעניג. אין דעם בריוו, וואָס איז פול מיט בפירוש פאַלשע רייד און מיט חניפה צום קעניג, אַטאַקירט כמיעל־ניצקי אויך די יידן און רופט זיי „פאַרשאָלטענער יידישער שטאַם". קאָנקרעט באַשולדיקט ער די יידן, אַז פון איין זייט באַרייסן זיי די קאָזאַקן, און פון דער צווייטער זייט זוכן זיי אויס חטאים און די סטאַ־ראָסטעס באַשטראָפן מיט טויט. און ווען מען וויל זיך ווענדן צום קעניגלעכן מאַיעסטעט, הויבט מען־אויף אויף די קאָזאַקן די שווערד. דעריבער, — שרייבט כמיעלניצקי, — האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן ווייב און קינדער, לויפן אין זאַפּאָראָזשע, כדי דאָרט צו דינען דעם קעניג און דעם קעניגרייך. אָבער אויך דאָרט האָט מען זיי געוואָלט פאַרטיליקן און פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. איז דעריבער נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה. און איצט פאָלט דאָס זאַפּאָראָזשער מיליטער צו די קעניגלעכע פיס, בעט מחילה און שווערט ביי גאָט צו בלייבן אייביק טריי און גע־האָרכזאַם דעם קעניגלעכן מאַיעסטעט.

דער בריוו איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אין אים איז קיין וואָרט נישטאָ בכלל וועגן רעליגיע. ער רעדט בלויז וועגן די קאָ־זאַקן, אַפילו נישט וועגן אוקראַינער בכלל.

דעם 17־טן יולי 1648 האָבן אין פוילישן סיים אין וואַרשע 4 קאָזאַ־קישע פּאָסלעס געבראַנגט אינסטרוקציעס פון העטמאַן באָגדאַן כמיעל־ניצקי. וועגן רעליגיע רעדט זיך אין לעצטן, 14־טן פּונקט פון די אינ־סטרוקציעס: „בעטן וועגן די גייסטלעכע פון דער אַלטער גריכישער רע־ליגיע, אַז זיי זאָלן בלייבן אומבאַרירלעך, אַז די הייליקע צערקוועס, וואָס מיהאָט מיט כוח פאַראייניקט צו דער אוניע (עס ווערן אָנגערופן אייניקע ערטער וואו דאָס איז פאָרגעקומען), זאָלן ווידער קענען בלייבן ביי זייערע

אַמאַליקע רעכט.״ אויך דאַסמאָל האָט מען נישט געהערט קיין וואָרט וועגן שייכות פון יידן צו צערקוועס.

אין פאַרשידענע רעדעס, וואָס באַגדאַן כמיעלניצקי האָט געהאַלטן, האָט ער קיינמאָל נישט באַשולדיקט יידן אין פאַכטן צערקוועס און האַלטן די שליסלען.

אַזוי זעען מיר, אַז די וועלכע האָבן געקענט האָבן אַ פּראַקטישן אינטערעס אין דער זאַך, האָבן וועגן דעם לגמרי זיך נישט באַקלאָגט פאַר און בעת דעם אויפשטאַנד, הגם דאָס וואָלט זיי געווען צו באַזייטיקן דאָס שלעכטס און שפּעטער — צו פאַרענטפערן די שחיטות. אין דער ר ע אַ ל י ט ע ט פ ו ן ל ע ב ן האָבן קיין יידישע צערקווע־פאַכטן נישט עקזיסטירט, במילא, האָט מען מיט דעם נישט געקענט אָפּערירן אין ר ע אַ ל ן פּ אָ ל י ט י ש ן ק אַ מ ף. ס׳איז אַפילו נישט געווען עפּעס אַ קערנדל, וואָס מ׳זאָל קענען מגזם זיין. ערשט שפּעטער, ווען די יידן פון אוקראַינע זיינען שוין געווען אויסגעשאָכטן און די שארית הפליטה — צעזייט און צעשפּרייט, האָבן זיך אָפּגעזוכט שרייבער, וואָס האָבן געוואוסט וועגן דעם צו דערציילן. און אינטערעסאַנט, אַז אַפילו די דאָזיקע שרייבער און כראָניקער ווייסן נישט אָנצוגעבן ק י י ן ש ו ם ק אָ נ ק ר ע ט ע פ אַ ל ן וואו עס זאָלן האָבן געווען אַזעלכע צערקווע־פאַכטן, ווען דאָס זאָל האָבן געווען און וועלכע פּריצים און יידן זאָלן האָבן געווען פאַרמישט אין דעם.

יאָ, ס׳איז פאַראַן איין אייינציקער ד אָ ק ו מ ע נ ט, וואָס פאַרבינדט א י י ן ייד מיט אַ צערקווע. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט צערקווע־פאַכט און מיט די מעשיות, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן. דער דאָקומענט איז אַן אָפּמאַך פון יאָר 1596 וועגן איבערגעבן אין אַרענדע דאָס דאָרף סלושטש טשערבאַרסקי אין כעלמער געגנט צו צוויי שותפים — אַ קריסט און אַ ייד. עס ווערן אויסגערעכנט גענוי אַלע באַדינגונגען און וואָס עס ווערט די שותפים אַרענדאַרן איבערגעגעבן. עס ווערט אויך געזאָגט, אַז עס ווערן זיי איבערגעגעבן די צערקוועס מ י ט ד ע ר „פּ אַ ד אַ ו ו אַ נ י ע״.

כדי זיך קלאָר מאַכן וואָס דאָס מיינט, דאַרף מען וויסן, אַז אין דער פעאָדאַלער צייט האָט אין דער קריסטלעכער וועלט עקזיסטירט דער אַזוי־

גערופענער פּאַטראָנאַט־רעכט (יוס פּאַטראָנאַטוס). לויטן דאָזיקן רעכט האָט דער פּריץ, אויף וועמענס ערד די קירכע איז געשטאַנען, געדאַרפט זאָרגן, אַז זי זאָל האָבן די נויטיקע איינריכטונגען און אַז זי זאָל זיך קענען אויסהאַלטן, דערפאַר איז געווען זיין פּריווילעגיע אָנצומערקן אַ קאַנדידאַט פאַר אַ נייעם גלח און אים פאָרשלאָגן דער העכערער קירכ־לעכער היעראַרכיע צום באַשטעטיקן. דאָס פּאַטראָנאַט־רעכט האָט אָנגע־האַלטן הונדערטער יאָרן. ס'האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט ציען הכנסה פון דער קירכע. אין פיל פאַלן איז דער פּריץ געווען דער פונ־דאַטאָר פון דער קירכע און ער האָט פאַר איר באַשטימט שטיקער ערד, פון וועלכע זי זאָל קענען ציען הכנסה. די אָפּצאָלן פון די מתפּללים בכלל און פאַר באַפרידיקן די רעליגיעזע הצטרכותן פון די באַזונדערע יחידים — דאָס זיינען געווען טיילן פון די נאָרמאַלע הכנסות פון די גלחים.

דאָס איבערגעבן אין דעם פריער־דערמאָנטן אָפּמאַך די דאָרפישע צערקוועס מיט דער „פּאַדאַוואַניע״ מיינט, אַז דער גוט־באַזיצער האָט אויף דער באַשטימטער צייט פון אַרענדע־אָפּמאַך איבערגעטראָגן צו די צוויי שותפים אויך זיין פּאַטראָנאַט־רעכט, אָדער ווי מ'פלעגט זאָגן אין אוקראַינע און אין רוסלאַנד: „פּאַדאַוואַניע כליעבאַוו דוכאַווניך״.

לסוף לאָמיר אַריינבליקן אין דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע גופא.

פון צייט צו צייט זיינען צונויפגערופן געוואָרן סאָבאָרן פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער אמונה, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט כלערליי צערקווע־ענינים. עס זיינען געווען אַלגעמיינע — פון פאַרשטייער פון די צערקוועס אין דער גאַנצער פּוילישער מלוכה, און רעגיאָנאַלע. אין די צוואַנציקער, דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען פאָרגעקומען פיל אַזעלכע סאָבאָרן. **אויף קיין איינעם פון די דאָזיקע סאָבאָרן**, וואו מ'האָט אַרומגערעדט די פאַרשידנסטע נויטן און באַדערפענישן פון די צערקוועס, **האָט מען נישט גערעדט וועגן דעם, אַז יידן האָבן עפּעס אַ שייכות צו צערקווע־עסקים.** דאָס וואָלט געווען לחלוטין אוממעגלעך, ווען צערקוועס וואָלטן געווען פאַרפאַכטעט צו יידן.

# קאַפּיטל XXIII

ניט מעגלעך געווען. — פּרעמדע זינד אויף יידישע פּלייצעס. — „יידישע״ חתימה אויף רעפאַרמירטע קירכעס. — אַ כּתב פון פּראַוואָסלאַוונעם מיטראַ-פּאָליט וועגן קויפן כשר פלייש. — שטימען פון אוקראַינישע און פּוילישע היסטאָריקער.

ביי דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער לאַגע און ביי די פּאַקטישע כּוחות־פאַרהעלטענישן האָט אַזאַ זאַך גאָר נישט געקאָנט געמאָלט זיין. אוקראַינישע פּראַוואָסלאַוונע מאַגנאַטן און שליאַכטע האָבן פאַרנומען הויכע מלוכהשע אַמטן, זיינען געווען אַ מאַכט אין פּוילישן סיים און סענאַט — זיי האָבן געשיצט און פאַרביסן געקעמפּט פאַר זייער אמונה. די גרויסע מערהייט פון די מיעשטשאַנעס און די קאָזאַקן זיינען געווען גרייט דורס־זיין יעדן, וועלכער האָט געקריוודעט זייער צערקווע. בלויז איין ביישפּיל: דעם 10־טן יוני 1636 האָבן די פּראַוואָסלאַוונע אַרומ־גערינגלט די שטאָט פּשעמישל מיט 20 טויזנט מענטשן, צווישן זיי באַ־וואָפנטע שליאַכטע, און מיט גוואַלט צוגענומען ביי די אוניאַטן אַ מאָ־נאַסטיר. (ענלעכע פאַלן זיינען געווען אויך אין אַנדערע ערטער.) פּשעמישל ליגט אין מיטן פון פּוילן, שוין מיט אַ געמישטער באַפעלקע־רונג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָסזעלבע האָבן זיי געקענט אַ סך לייכטער מאַכן ווייטער אויף מזרח, אין די געביטן, וואו די אוקראַינישע פּראַוואָ־סלאַוונע באַפעלקערונג איז געווען נאָך שטאַרקער. און אַוודאי וואָלטן זיי דאָס געקענט אַ סך לייכטער מאַכן מיט אַ פיל־שוואַכערן בעל־דבר — יידן, ווען זיי וואָלטן פּשוט געקאָנט צעטראָגן, אויב די מעשה, אַז די הייליקע צערקוועס זיינען געווען אין גלות ביי יידן, וואָלט אמת געווען.

אינטערעסאַנט, אַז די וועלכע האָבן, שוין נאָכן אויסשעכטן די יידן פון אוקראַינע און אַרומיקע געגנטן, פאַרשפּרייט די מעשה וועגן די צערקווע־פּאַכטן, דערציילן עס אויף כּמעט דעם זעלבן אופן — אין רוב פאַלן פּשוט מיט די זעלבע ווערטער. דער טעקסט ווייזט קודם אויף

מעכאַנישע איבערחזורונגען, וואָס איין כראַניקער מאַכט נאָכן צווייטן. נאָך וויכטיקער פון דעם איז דער פאַקט, וואָס די ווערטער אַליין זאָגן־אויס פונגוואַגען זיי שטאַמען. זיי זיינען אונז גוט באַקאַנט. מיר האָבן זיי פריער געהערט הונדערטער מאָל — נאָר זיי האָבן צו יידן קיין שום שייכות נישט.

אין כמעט אַלע רעדעס, דעקלאַראַציעס, זשאַלאָבעס און שטרייט־שריפטן וועגן דער רעליגיעזער פראַגע האָבן די פראַוואָסלאַוונע זיך באַקלאָגט, אַז זייערע קינדער גייען אַוועק פון דער וועלט נישט־געטויפטע, די יינגע מענטשן לעבן אָן חתונה און דערוואַקסענע שטאַרבן אָן ווידוי און אָן סאַקראַמענטן. מיהאָט די דאָזיקע ווערטער אַזוי פיל גענוצט, אַז זיי זיינען שוין געוואָרן טראַפאַרעטן. געהייסן האָט עס, אַז אין רע־זולטאַט דערפון וואָס די אוניאַטן האָבן אין פיל ערטער פאַרכאַפט די צערקוועס, האָבן די טריי־געבליבענע גריכיש־אָרטאָדאָקסישע אוקראַינער נישט געהאַט וואו צו באַפרידיקן די רעליגיעזע הצטרכותן און אויך נישט געהאַט די פּאָפּן, וואָס זאָלן דורכפירן דעם רעליגיעזן ריטואַל.

ביז כמיעלניצקיס שחיטות האָט קיינער נישט פאַרגעוואָרפן, אַז יידן זיינען עפּעס שולדיק אין דעם. שפּעטער, שוין אַ סך יאָרן נאָך די שחיטות, זיינען געקומען די כראַניקער און פאַרבונדן דעם ענין פון דער קינדער־טויפונג, חתונות און לוויות מיט די כלומרשטע צערקווע־פּאַכטן.

אין די באַשולדיקונגען פון די כראַניקער פאַרנעמען אַן אַנגעזעען אָרט דאָס פאַרשליסן צערקוועס און נעמען אָפּצאָלן — דאָס הייסן זיך געבן אַ „דודעק״ אָדער אַנדערע סומעס פאַר לאָזן טויפן קינדער, דורכפירן די חתונה־צערעמאָניעס אאַז״וו. אויך דאָס זיינען באַקאַנטע זאַכן פון פריער־דיקע צייטן.

אָפּצאָלן פאַר דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס און ריטואַלן זיינען געווען אַריינגערעכנט אין די הכנסה־קוואַלן פון די פּאָפּן. עס זיינען געווען איינגעשטעלט נאָרמעס, וואָס די הראַמאַדע האָט באַשטימט. זי פלעגט אונטערהאַנדלען מיטן פּאָפּ און צונויפריידן זיך וועגן דער הויך פון די אָפּצאָלונגען פאַר באַפרידיקן די פאַרשידענע מינים רעלי־גיעזע „טרעבעס״. נאָכן דורכקומען פלעגט געשלאָסן ווערן אַן אָפיציעלער

קאָנטראַקט און אין זייער פיל פאַלן האָט מען דעם אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך געשיקט אין געריכט אַריין, כדי דאָס זאָל זיין אַן אָפיציעלער יורידישער אַקט. דאָס איז געווען נויטיק, ווייל די צדדים האָבן שוין געהאַט אַ דערפאַרונג פון כלערליי סכסוכים, אַז מ׳האַלט נישט קיין וואָרט. די הראַמאַדע האָט זיך באַמיט צו שיצן קעגן די פּרואוון מצד די פּאַפּן צו נעמען העכערע אָפּצאָלן. נישט זעלטן האָט מען דעריבער אַריינגעשריבן אין די אָפּמאַכן אַזעלכע ווערטער, אַז „דער פּאָפּ זאָל גאָרנישט מער פאַרלאַנגען״, „זאָל גאָרנישט נעמען מיט גוואַלט״, אָדער „הפקרדיק אַליין באַשטימען״. דערביי האָט דער פּאָפּ זיך געמוזט האַלטן ביי די פעסטגעשטעלטע פּרייזן בלויז בנוגע די מיטגלידער פון זיין פּאַראַפיע, ער האָט אָבער געמעגט נעמען וויפיל ער האָט געוואָלט ביי אַנדערע. נישט געקוקט אויף די קאָנטראַקטן, זיינען פונדעסטוועגן געווען אַן אַ שיעור רייסערייען און סקאַנדאַלן צווישן די פּאַפּן און זייערע הראַמאַדעס צוליב די פּרייזן פאַר באַפרידיקן די רעליגיעזע „טרעבעס״. בעת אַזעלכע סכסוכים האָבן די פּאַפּן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופירן די רעליגיעזע צערעמאָניעס.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע סכסוכים: צווישן די נידריקע פּאַפּן און דער העכערער קירכלעכער היעראַרכיע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, און טיילמאָל האָט ער אָנגענומען גאַנץ שאַרפע און ברוטאַלע פאָרמען, וועגן די חלקים פון די צערקווע־הכנסות. די העכערע גייסטלעכע האָבן געריסן גרויסע אָפּצאָלונגען פון די נידריקע פּאַפּן אין די פּאַראַפיעס. די פּאַפּן האָבן געצאָלט די עפּיסקאָפּן אַ יערלעכן אָפּצאָל, ווי אויך געוויסע חלקים פון באַשטימטע הכנסות. צווישן אַנדערן האָט דער פּאָפּ געמוזט געבן דעם עפּיסקאָפּ אַ געוויסן אָפּצאָל פון יעדער דורכגעפירטער חתונה. אַן אַ שיעור סכסוכים צווישן דער העכערער און נידריקער היעראַרכיע זיינען אויך געווען וועגן אייגנטום־רעכט און די הכנסות פון די גרויסע גיטער, וואָס האָבן ביי די צערקווע זיך אָנגעזאַמלט במשך פון דורות דורך פאַרשידענע געשאַנקען. און עס פלעגט טרעפן, אַז בעת אַט אַזעלכע סכסוכים האָט די העכערע היעראַרכיע געהייסן שליסן און פאַרחתמענען די אָרטיקע, פּאַראַפיאַלע צערקווע און פאַרווערן די גאָטעסדינסטן, אויב זי האָט מיט די פּאַפּן און זייערע פּאַראַפיעס נישט געקענט

דורכקומען מיט גוטן. צווישן די אַרטיקע פּאָפּן און זייערע פּאַראַפּיעס זיינען פאָרגעקומען סכסוכים אַרום צערקווע־אייגנטום. טיילמאָל האָט דער פּאָפּ דערקלערט די צערקווע־גיטער פאַר זיין פּריוואַט־אייגנטום, דאָס איבערגעגעבן בירושה צו אַ זון אָדער גאָר פאַרטאַכליעוועט. צערקוועס און מאָנאַסטירן האָבן פאַרוואַנדלט פּויערים אין לייב־אייגענע און זיי געצוואונגען צו פּאַנשטשיזנע־אַרבעט, און נישט ווייניק קאָנפליקטן זיינען צוליב דעם אויסגעבראָכן.

די קאָנפליקטן וועגן אָפּצאָלן פאַר דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס און אַנדערע קירכלעכע עובדות, און דאָס שליסן צערקוועס האָבן די שפּעטערע כראָניקער אַריבערגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון די יידן, הגם ביז דער כמיעלניטשינע האָט זיי דאָס קיינער נישט פאָרגעוואָרפן. און געטאָן האָט מען עס נישט בלויז צו באַרעכטיקן די פאָרגעקומענע יידן־שחיטות, נאָר אויך כדי צו העצן צו די שפּעטערדיקע שחיטות מצד די היידאַמאַקעס, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און האָבן אָנגעהאַלטן אין 18־טן יאָרהונדערט. מיהאָט דאָ געאַרבעט לויט דער זעלבער טעכניק, וואָס ביי עלילת־דם. אַ טויט, צעשטאָכן קינד איז דאָ, נאָר די מערדער וואַרפן אַרויף די שולד אויף אומשולדיקע, כדי זיי צו קאָנען פּייניקן און אומברענגען. און ווער עס וויל גלויבן, דער גלויבט.

ס'איז שוין געווען אַן אַלטע טראַדיציע אַרויפצולייגן אַ יידישן סטעמפּל אויף מענטשן און פּאַסירונגען, וואָס האָבן צו יידן קיין שייכות נישט געהאַט.

די אוקראַיניש־פּראַוואָסלאַווע שליאַכטע פון רויט־רייסן האָט נאָך אין 16־טן יאָרהונדערט געשיקט אַן אָנקלאַגע צום ראש פון דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע, דעם דעמאָלטיקן קיעווער מיטראָפּאָליט אַניסטאַפּאָר דיעוואָטשקאָ און אים גופא באַשולדיקט — אין העלפן יידן קעגן דער הייליקער צערקווע... זי שרייבט צו אים וועגן די באַליידיקונגען און קריוודעס, וואָס די פּראַוואָסלאַוויע האָט אין רויט־רייסן אויסצושטיין מצד די אַנדערש־גלויביקע און דערציילט וועגן צעהאַקן קרייצן און צונעמען גלאָקן לטובת די זשידעס. און זי האָט טענות פאַרוואָס דער

מיטראַפּאָליט העלפט נאָך די זשידעס מיט געבן זיי „אָפענע בריוו קעגן דער 'געטלעכער צערקווע״, זיי זאָלן זיך פרייען.

אַן אָנקלאַגע מיטן זעלבן אינהאַלט האָבן אין יאָר 1585 אויך צוגע־שיקט די פּראַוואָסלאַוונע דעפּוטאַטן פון וואַרשעווער סיים.

נאַטירלעך זיינען יידן נישט באַפאַלן צערקוועס און צעהאַקט קרייצן, און נאָך באַקומען אָפענע בריוו פון מיטראָפּאָליט קעגן דער אייגענער צערקווע. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן שאַרפע רעליגיעזע קאָנפליקטן צווישן דער אוקראַינישער שליאַכטע גופא, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט די רעפאָרמאַציע. די אַזוי־גערופענע אַנטיטריניטאַריער האָבן צוגענומען פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס און זיי פאַרוואַנדלט אין זייערע געבעט־הייזער, און דערביי אַראָפּגענומען די קרייצן, די איקאָנעס און אַנדערע כלים, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער ליטורגיע. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער פּראַוואָסלאַוונער שליאַכטע אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט צו באַשולדיקן אין דעם די „זשידעס״.

די קעגנער — די קאַטאָליקן און די פּראַוואָסלאַוונע — האָבן די גאַנצע צייט צוליב דעמאַגאָגישע צוועקן גערופן די אַנטיטריניטאַריער, די סאָציאַנער, די אַריאַנער, די קאַלוויניסטן און אַנדערע רעפאָרמירטע רעלי־גיעזע גרופּן — האַלב־יידישע, פאַריידישטע און סתם זשידאָווסקע, און זיי־ערע קירכעס און זבאָרן — סינאַגאָגעס. מיטן אַרויפלייגן די יידישע חתימה האָט מען געוואָלט אָפּשרעקן דעם ברייטן עולם נישט צוצושטיין צו דער רעפאָרמאַציע, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אויך צווישן סאַן און דניעפּר.

אויך אין דער לײדנשאַפטלעכער פּאָלעמיק צווישן די פּראַוואָ־סלאַוונע און די אוניאַטן האָט מען זיך באַנוצט מיטן „יידישן״ אַרגומענט. אין דער שריפט „אַפּאָקריסיס״ ווערן געוויסע אוניאַטישע צערקווע־כלים אָנגערופן „זשידאָווסקע אוטשעניע״. עס ווערט דאָרט געזאָגט: „אַזאַ געבאָט האָט געקענט קומען נישט פון קריסטלעכע לערער, נאָר פון יידישע רבנים, וועלכע האָבן אָנגעשריבן אין תלמוד אַ סך אומזיניקע אויסטראַכטענישן און געהייסן די יידן גלויבן דאָס אַלץ אונטער דער דראָאונג פון חרם״.

יעדן אַפּטריניקן פון די אַלטע קירכעס — פון דער פּראַוואָסלאַווער אַזוי גוט ווי פון דער קאַטוילישער — האָט מען דעמאַגאָגיש געסטעמפּלט ווי אַ ייד. דעריבער טרעפט מען טיילמאָל אַפילו אין אָפיציעלע קירכלעכע דאָקומענטן דעם אויסדרוק „סינאַגאָגע“, ווען עס רעדט זיך גאָר וועגן אַ קירכע פון אַן אַנדערער קריסטלעכער אמונה.

נישט קיין אַנדערן, ווי דעם העכסטן גייסטלעכן פון דער אוניאַטישער קירכע, דעם מיטראָפּאָליט היפּאַצי פּאָטשעי, האָבן די פּראַוואָסלאַוונע קעגנער געסטעמפּלט אַלס ייד. אין זיין ענטפער זאָגט דער אוניאַטישער מיטראָפּאָליט: זיי וואַרפן מיר פאָר, „אַז איך זאָל האָבן געווען אַ ייד און אַז כ׳זאָל מיך האָבן אָפּגעזאָגט פון מיין האַר און גאָט יעזוס קריסטוס. און אַנדערע שטעלן פעסט, אַז כ׳זאָל זיך האָבן מל געווען.“ ער לייקנט דאָס קאַטעגאָריש און זאָגט, אַז ס׳איז אים אַפילו קיינמאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז ער זאָל אַוועק „צום אויסגעלאָסענעם און פאַרשאָלטענעם יידנטום.“ אַזעלכע מין „יידן“, ווי פּאָטשעי, זיינען עס אויך געווען פאַרמישט אין דעם אומאויפהערלעכן, פאַרביסענעם שטרייט, אין די אַלע קאָנפליקטן, סקאַנדאַלן און גוואַלט־טאַטן אַרום די צערקוועס אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן און אין דער גאַנצער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט.

ס׳איז באַקאַנט אַ פאַל, ווען מ׳האָט צוליב יידן פאַרמאַכט צייטווייליק אַ צערקווע גאָר צוליב אַ פלייש־סכסוך. דעם 19־טן יולי 1647 האָט דער פּאָפּ פון דער ניקאָלאַיעווסקער צערקווע אין שטעטל ראַפּאַלאַווקע פאַרשריבן אין לוצקער גראָדזקע־בוך אַזאַ זשאַלאָבע: ער, דער גייסטלעכער לעאָנטי איוואַנאָוויטש, האָט פאַרבאָטן די מיטגלידער פון זיין פּאַראָפיע צו קויפן ביי יידן פלייש. דעמאָלט האָט דער אַרענדאַר פון שטעטל, דער שליאַכטשיץ וועספּאַזיאַן בענעווסקי, אַליין אַן אַריאַנער, פאַרמשפּט אים צו באַצאָלן דעם היזק, וואָס די יידן האָבן געהאַט פון גלחס פאַרבאָט צו קויפן ביי זיי פלייש. ווען דער גייסטלעכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן, האָט בענעווסקי פאַרחתמעט די צערקווע און במשך פון צוויי וואָכן נישט דערלויבט דאָרט אָפּצוריכטן די גאָטעסדינסטן. נאָך דעם איז בענעווסקי ביינאַכט באַפאַלן דאָס הויז פון פּאָפּ און אים געוואַלט דערהרגענען און חוזק געמאַכט פון די הייליקע איקאָנעס.

בכלל זיינען אויפן באַדן פון פלייש־פּאַרקויף געווען אין אַ ריי ערטער סכסוכים. די פּאָפּן האָבן דאָרט פאַרבאָטן צו קויפן ביי יידן. די לעצטע האָבן זיך באַמיט דעם פאַרבאָט אומשעדלעך צו מאַכן. זיי האָבן וועגן דעם אָנגעשפּאַרט אַזש ביים סאַמע ראש פון דער פּראַוואָסלאַוו־נער צערקווע. נישט קיין אַנדערער, ווי פּעטר מאָהילאַ, דער קיעווער מיטראָפּאָליט, וועלכער ווערט פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע פאַרשטייער פון פּראַוואָסלאַוויע, דער וועלכער האָט אין די יאָרן 1632—1646 אויפגעהויבן די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע פון איר ירידה, האָט אַרויסגעגעבן אַ הראַמאָטע, אַז קריסטן מעגן קויפן ביי יידן פלייש, וואָס איז געשאָכטן לויטן יידישן דין. דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער הראַמאָטע ווייזט, אַז דער העכסטער פּראַוואָסלאַוונער גייסטלעכער אין אוקראַינע האָט נישט געהאַט קיין פיינטלעכע געפילן צו יידן. די אינ־טערווענץ וואָלט בכלל נישט מעגלעך געווען, ווען עס וואָלט אמת געווען, אַז יידן עקספּלואַטירן און פאַרשוועכן די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע. צווישן אַנדערן זאָגט פּעטר מאָהילאַ אין דער שריפט:

„אַזוי ווי די קריסטן פירן פרידלעך מיט די מענטשן פון אַלטן טעסטאַמענט דעם האַנדל מיט אַנדערע זאַכן — ווערט דערלויבט די קריסטן, אונזערע גייסטיקע זין, און געבענטשט מיט דער געטלעכער ברכה צו קויפן און מיט דאַנקבאַרקייט צו גאָט דעם האַר פאַר זיינע חסדים צו פאַרברויכן עסנוואַרג, ריגדערך־ און שעפּסן־פלייש פון יידישער שחיטה. אַחוץ דעם לאַדן מיר איין אַלע, וועלכע לעבן אונטער איין געזעץ, צו שכנישער נאָנטקייט, הסכמה און פריינדשאַפט. און די קריסטלעכע דינערשאַפט, וואָס איז באַשעפטיקט ביי יידן, זאָל אָפּהיטן די קריסט־לעכע געזעצן און מנהגים, אָפּהיטן זונטאָג, וואָס זייערע בעלי־בתים פון יידישן גלויבן דאַרפן נישט שטערן. מיר זיינען זיי (די יידן) מעורר צו לערנען זייער דינערשאַפט גאָטספאַרכטיקייט.״

אין ליכט פון דעם אַלעם איז אינטערעסאַנט, אַז אויך צווישן די אוקראַינישע, פּוילישע און רוסישע היסטאָריקער איז נישטאָ קיין איינ־שטימיקייט וועגן דער פראַגע. אַ ריי פאַרשער און היסטאָריקער, און צווישן זיי אויך פון די באַדייטנדיקסטע, טרעטן אַרויס קאַטעגאָריש קעגן דער מעשה וועגן פאַרפּאַכטן צערקווס צו יידן און ווייזן אָן אויף

דער באַדנלאַזיקייט פון דער באַשולדיקונג, וואָס האָט נישט קיין שום דעקונג אין די געשיכטלעכע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן.

פּ. קוליש, אַליין אַן אוקראַינער און פון אַ קאָזאַקישער פאַמיליע, וועלכער טאַדלט די יידן פאַר זייערע האַנדלונגען אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, זאָגט וועגן ענין צערקוועס:

„וואָס שייך די ראַפּסאָדיעס פון די קאָבזאַרן, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען, וועגן יידן־אַרענדאַרן און זייער חוזקן איבער די פּראַוואָ־סלאַוונע צערקוועס, קענען מיר נישט דאָקומענטאַל אָנווייזן אויף קיין איין אָרט אין דער קאָזאַקישער אוקראַינע, וואו אַזעלכע סצענעס וואָלטן מעגלעך געווען אין וועלכער נישט איז צייט זינט דער קירכלעכער אוניע ביז כמיעלניצקי האָט גערופן די קרימער האָרדע קעגן די פּריצים. די דאָזיקע סצענעס זיינען דורך בייזוויליקע קלאַנגען געברענגט געוואָרן פון דאָרטן, וואו די אוניע האָט זיך איינגענעסטעט מיט קאַזואיסטישער גוואַלט צווישן מער שוצלאָזן פאָלק.״

און ווייטער:

„כדי צו באַרעכטיקן די רציחות פון דער דאָזיקער ווילדער עפּאָכע האָבן מיר ליב צו ברענגען אין אונזערע געשיכטעס סצענעס פון יידישן אַריינמישן זיך אין די עסקים פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, סצענעס פון גוואַלט, וואָס יידן באַגייען איבער מיטגלידער פון דער פּראַוואָ־סלאַוונער פּאַראַפיע. אָבער די פאַרשידנאַרטיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן מענטשן פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס, וואָס איז געבליבן פאַר דער גאַנצער צייט פון דער עקזעקוציע פון סולימאַ (1635) ביזן בונט פון כמיעלניצקין, אַנטהאַלט נישט אין זיך אַפילו קיין רמז אויף ענלעכע סצענעס.״ . . . „נאָך מער איז זיך צו חידושן, וואָס די קאָזאַקן, וועגן וועלכע קאָניעצפּאָלסקי האָט געשריבן צו ראַדזיווילן, אַז נאָר זיי ראַ־בעווען און בונטעווען, האָבן געקענט פאַרטראָגן, אַז דער ,ייד־אַרענדאַרי׳ זאָל האַלטן ביי זיך די שליסלען פון דער צערקווע און זאָל דערלויבן דעם פּאָפּ טויפן אַ קאָזאַקישן זון ערשט נאָך דעם, ווי מ׳וועט אים האָבן געגעבן אַ הפקרדיק־באַשטימטן אָפּצאָל. די פּאַרטיליקער פון פּוילישן מיליטער אין אוקראַינע און די צעשטערער פון די קעניגלעכע שלעסער האָבן געהאָרכזאַם זיך געבוקט פאַר דער יידישער יאַרמולקע. און ליידנ־

דיק פון דער אַממערסטן אויפּרעגנדיקער גוואַלט, האָבן זיי קיין איין מאָל נישט דערמאָנט וועגן דעם נישט אין די שריפטלעכע תירוצים אויף צו באַרעכטיקן זייערע בונטן, נישט אין זייערע פּעטיציעס צום קעניג, צום קרוין־העטמאַן און צום ראש פון די פּראָטעסטאַנטן, פירשט ראַדזיוויל."

„דאָס דאָזיקע חוזק פון די 'יידן־אַרענדאַרן' איבער די קאָזאַקישע פּאַנעס, די דאָזיקע נעבעכדיקע ביטעס פון מענטשן פון שווערד און בלוט, אַז דער ייד זאָל עפענען די צערקווע און דערלויבן אָפּריכטן דעם קריסט־לעכן ריטואַל, וועגן וועלכן די קאָבזאַרן האָבן זיך פאַנאַנדערגעזונגען אין די אונז באַקאַנטע דומעס — דאָס אַלץ זיינען געווען אַזעלכע אויס־טראַכטענישן פון די מענטשן, וועלכע האָבן אויפגעהעצט דעם אוקראַינער צום בונט, ווי עס זיינען דאָס פולשטענדיקע אויסהרגענען פון דער באַ־פעלקערונג פון ליסיאַנקע, אָדער די יידישע אַרענדעס אויף די קאָזאַקישע טייכן, וואָס די דומעס האָבן זיי אַריינגעשטעלט אין אַזעלכע ערטער, וואו עס האָט נישט עקזיסטירט קיין איין פּריצישע סלאָבאָדע. נישט דער מצב אין דער פּוילישער אוקראַינע, נישט די באַגלויביקע באַווייזן וועגן די געשעענישן אין יענער צייט זיינען אין הסכם מיט די טראַגי־קאָמישע סצענעס פון יידישער גוואַלט איבער דעם גלויבן אין דער פּראַפּיאַלער צערקווע פון קאָזאַק. נישט בלויז ביי די ברעגעס פון דניעפּר, נאָר אין ערגעץ נישט אין דער וועלט האָבן געקאָנט עקזיסטירן אַזעלכע אַרענדאַרן פּנים אל פּנים מיט דעם באַוואָפנטן המון, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט צום בונט."

„מאָסקווע, וואָס האָט ליב די ממשותדיקייט פון אַ פאַקט, האָט נישט צווישן אירע דאָקומענטן קיין איין צייגניש וועגן אַזעלכע דערו־שיינונגען, ווי יידישן חוזק איבער קאָזאַקישע צערקוועס, דערפאַר אָבער האָט זי וווערטערלעך אַריינגעשריבן אין אירע רעגירונג־באַריכטן די ידיעות פון די קאָזאַקן גופא וועגן זייערע ליידן פאַרן גלויבן."

י. קאַמאַנין, אוקראַאינישער היסטאָריקער און אַרכיוויסט, דירעקטאָר פון קיעווער צענטראַלן אַרכיוו, וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות דעם באַדייטנדיקסטן טייל פון די היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן אוקראַינע און רעכנט זיך פאַר אַ ספּעציאַליסט אין אוקראַינישער געשיכטע פון יענער עפּאָכע, זאָגט וועגן זעלבן ענין:

„ווען דער פּריץ האָט איבערגעגעבן אין אַרענדע אַ גוט, איז אויך די צערקווע אַריבער אין אַרענדאַרישן באַזיץ. אָבער אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט האָבן יידן קיינמאָל נישט אַרענדירט קיין גיטער, נאָר בלויז די הכנסה־קוואַלן אין גוט (מילן, קרעטשמעס, פּראָמען, סטאַוון, פיש־פאַנג א. אַ.). צו דער קאַטעגאָריע הכנסה־קוואַלן האָט די צערקווע קיינמאָל נישט געהערט. און עד־היום האָט מען נישט געפונען קיין איין דאָקומענטאַלן באַווייז, אַז אַ ייד זאָל האָבן אַרענדירט אַ צערקווע.

אמת, ס'איז פאַראַן איין איינציקער אַרענדע־אָפּמאַך וועגן גוט סלושטש־טשערבאַרסקי, אין כעלמער פּאָוויאַט, וואָס דער פּאַן ליסאָ־קאָווסקי האָט געשלאָסן מיטן פּאַן יאַקוב מיקלאַשעווסקי און דעם ייד פסח דעם 1־טן יאַנואַר 1596. עס ווערט זיי איבערגעגעבן דאָס גוט „מיט די צערקוועס און זייער פּאַדאַוואַניע", דאָס הייסט מיטן רעכט בלויז פון פּאַטראָנאַט איבער דער צערקווע. אָבער וואָס אין דער אַרענדע פון דאָרף סלושטש־טשערבאַרסקי האָט געהערט צום פּאַן מיקלאַשעווסקי (דעם קריסט) און וואָס — דעם ייד פסח, קען מען נישט פעסטשטעלן. אויב־זשע דעם ייד האָט אויך געהערט די פּאַטראָנאַט־רעכט, וואָס ס'איז גאַנץ צווייפלהאַפט, האָט זיך דאָס באַגרענעצט מיט זיין שותפות צום דאָזיקן רעכט פון מיקלאַשעווסקין. יעדנפאַלס, אין עקזיסטירנדיקן אָפּמאַך רעדט זיך בלויז וועגן איבערגעבן פון פּריץ צו די אַרענדאַרן די פּאַטראָנאַט־רעכט איבער דער צערקווע, אָבער נישט וועגן אַרענדירן די צערקווע־הכנסות. וועגן אַרענדירן די צערקווע־הכנסות רעדט זיך בלויז אין די קאָזאַקישע כראָניקעס ווי אויך אין איינער פון די פאָלקס־דומעס."

אָנווייזנדיק, אַז ס'איז נישט באַוואוסט פון וואַנען די כראָניקער און די דומע־שאַפער האָבן גענומען די מעשה וועגן די צערקוועס, זאָגט קאַמאַנין ווייטער: „ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַמאָל און ערגעץ־וואו איז געווען אַן ענלעכער פאַקט פון צערקווע־אַרענדע. ער האָט דעמאָלט אַזוי ווייט דערשיטערט די מענטשן פון יענעם דור, אַז זיי האָבן פאַר־שפּרייט די מעשה וועגן דעם איבער גאַנץ אוקראַינע. מ'האָט זיך באַנוצט מיט דעם ווי מיט דעם שטאַרקסטן מיטל צו צעפלאַקערן די ליידנשאַפטן קעגן ביידע פעלקער און דעם דאָזיקן פאַקט פאַרשריבן אין די כראָניקעס.

גלייכצייטיק האָט זיך דאָס פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, וואָס האָט דאָס אַריינגענומען אין זיינע דומעס.״

דער באַוואוסטער אוקראַינישער היסטאָריקער מיכאַילאָ הרושעווסקי קומט צו אַזאַ אויספיר:

ס׳איז נישט קלאָר אויף וואָסער פאַקטישן יסוד ס׳איז געבויט די מעשה וועגן אַרענדירן דורך יידן צערקוועס און ציען פון זיי הכנסה. נישט געקוקט אויף דער גרויסער פאַראינטערעסירונג מיט דעם ענין, האָט מען ביז איצט נישט געפונען קיין דאָקומענטאַלע באַווייזן וועגן אַרענדירן צערקוועס דורך יידן און וועגן קאָנפליקטן אויף דעם באָדן. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט זיך באַוויזן געננוג שפּעט, אָבער דערפאַר פאַרנעמט זי אַן אָנגעזעען און שטאַרק אָרט צווישן די אַרגומענטן פון היסטאָרישן אַנטיסעמיטיזם.

דער גרויסער אוקראַינישער שרייבער און ליטעראַטור־היסטאָריקער איוואַן פראַנקאָ ווייזט אָן, אַז די ליטעראַטור פון יענער תקופה רוקט נישט אַרויס קעגן יידן קיין באַשולדיקונג אין פאַכטן צערקוועס. בלויז שפּעטערדיקע כראָניקער, וועלכע האָבן אַליין דאָס נישט געקענט זען, רוקן אַרויס אַזעלכע באַשולדיקונגען. די געשילדערטע קריוודעס, וואָס די קאָזאַקן זאָלן האָבן געליטן מצד יידן, אַנטשפּרעכן דער מסורה, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט ביים אוקראַינישן קאָזאַקנטום אין 18־טן יאָר־הונדערט און נישט דעםווירקלעכן מצב אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט.

דער פוילישער קולטור־היסטאָריקער אַלעקסאַנדער בריקנער מיינט, אַז יידן האָבן מיסברויכט מיט זייערע אַרענדעס, אָבער די שפּעטערע טראַדיציע האָט דאָס נאָך מער פאַנאַנדערגעבלאָזן: „דער פויער־קאָזאַק האָט געמוזט שטיין אַן אַ היטל פאַר אַ ייד, געמוזט אים אָפּגעבן כבוד ווי אַ פאַן, און דער ייד האָט אויך צערקוועס געפאַכטעט און בלויז פאַר אַן אָפּצאָל האָט ער געגעבן די שליסלען אויף אָפּצוריכטן די ריטואַלן פון חתונות אָדער טויפונגען. דאָס זיינען באַיקעס. עפּעס ענלעכעס איז אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. אויך דער פּאָפּ האָט קיינמאָל נישט פאַרפאַכטעט די צערקוועס צו יידן, אַז די מיטגלידער פון דער פּאַראַפיע זאָלן ביי זיי אויסקויפן די שליסלען (וואָרים אויך

דאָס האָט מען געזאָגט). אָבער די דאָזיקע אויסטראָכטענישן כאַראַק־טעריזירן די דעמאָלטיקע באַציאונגען, זייער גייסט, טייטשן אויס דעם האַס, וואָס האָט זיך אויסגעלאַדעוועט אין די שחיטות פון נעמיראָוו און אַנדערע שטעט."

אַפילו אַזאַ ווילדער אַנטיסעמיט ווי ס'איז דער היסטאָריקער פּ. ראַוויטאַ־גאַווראָנסקי, שרייבט: „עס פעלט אַפילו נישט דער פאַר־וואורף, אַז יידן האָבן ,אַרענדירט קאָזאַקישע צערקוועס.' אַ באַיקע, וואָס האָט אפשר ווען נישט איז אַמאָל געהאַט, ווי אַן אויסנאַם, אַ רעאַלן יסוד און איז פאַרשריבן געוואָרן דורך אונזער קאָכאָווסקין."

# קאַפּיטל XXIV

אַנדערע באַשולדיקונגען. — די יידן אין דער פעאָדאַלער וועלט. — די מאָטיוון פון מאָסן-מאָרד. — קאָזאַקישע גרויזאַמקייטן לגבי קריסטן. — דער כאַראַקטער פון אויפשטאַנד. — די קאָזאַקן — די פירער און געווינער. — נייע באַלעבאַטים אין אַן אַלטער אָרדנונג. — דער טרויעריקער סך-הכל.

זוכן די סיבות פון די יידן־שחיטות אין די כלומרשטע צערקווע־פאַכטן, אין די כלומרשטע באַליידיקטע רעליגיעזע געפילן פון די קאָזאַקן מיינט זיך לאָזן אויף אַ פאַלשן וועג. ווען די יידן וואָלטן אַפילו באַשטאַנען פון לויטער צדיקים — און לויטער צדיקים זיינען זיי נישט געווען — וואָלטן זיי פונקט אַזוי געוואָרן טאָטאַל אויסגעשאָכטן דורך די קאָזאַקן און טאָטערן — און מיט דער זעלבער פוריע. (ווי מיט קרוב 300 יאָר שפּעטער זיינען די אייראָפּעאישע יידן טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרן אומאָפּהענגיק פון זייערע פירונגען און מעשים).

די אַנדערע באַשולדיקונגען קעגן יידן, נישט רעכנדיק די בלבולים וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון אַבערגלויבן אָדער סתם ביזוויליקייט, ווערן דערפירט צו דעם, אַז די יידן האָבן ווירטשאַפטלעך אויסגענוצט דאָס פאָלק. אַז די יידן האָבן עס נישט געטאָן דורך מסחר און מלאָכה, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אין פריערדיקע קאַפּיטלען. אויף וויפיל דאָס האָט בכלל אַ ממשות, קען מען עס אָנווענדן בלויז לגבי אַטקופּשטשיקעס, אַרענדאַרן — אַ שיכט וואָס איז ביי יידן געווען. אָבער אויך דאָ דאַרף מען געדענקען דריי זאַכן: ערשטנס, נישט אַלע אָפּצאָלן זיינען געווען ווירטשאַפטלעך אומבאַגרינדעט; צווייטנס, מיסברויכן אויף דעם געביט האָבן געמאַכט נישט־יידישע אַרענדאַרן אַזוי גוט ווי יידישע; דריטנס, די קהילות האָבן זיך באַמיט, כדי אויסצומיידן שלעכטע פאָלגן פאַרן יידישן כלל, צו צוימען די אַרענדאַרישע גיריקייט.

די פעאָדאַלע אָרדנונג איז געווען אַ נישט־יושרדיקע. אַ דינער אויבערשיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אויך פּראָפּיטירט

פון דער נישט־יושרדיקער אָרדנונג, בעת די יידישע גרונט־מאַסע האָט באַקומען די צווייטע זייט פון דער מטבע — רעכטלאָזיקייט און אָרימ־קייט, אומפרייהייט און ברוטאַליטעט. דער יידישער כלל אַלס גאַנצער האָט געהאַט אין זיך ווייניקער אומיושרדיקייט און אויסנוצונג־מיטלען, ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם הויפּט־זייל פון פעאָדאַליזם — די מאַגנאַטעריע און שליאַכטע, וועלכע זיינען געווען אַ באַשטאַנד־טייל אי פון פוילישן, אי פון אוקראַאינישן פאָלק. אויב ביי יידן האָט געפעלט דער אונטערדריקטער שיכט פון לייב־אייגענע פויערים, האָט דערפאַר די אָרימע יידישע מאַסע געליטן פון אַזעלכע באַגרענעצונגען און פּורעניותן, וואָס האָבן איר מצב געמאַכט ענלעך צו דעם מצב פון די אונטערדריקטע פויערים.

נישט דער פאַקט וואָס דאָ אָדער דאָרט זיינען געווען טענות צו יידישע אַרענדאַרן האָט גורם געווען די שחיטות. איבעריקנס האָט מען ענלעכע טענות אויך געהאַט צו אוקראַאינישע אַרענדאַרן און מען האָט זיי דערפאַר שפּעטער נישט געקוילעט. און אַוודאי האָט דאָס נישט געקענט זיין קיין תירוץ פאַר אויסשעכטן די גרויסע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אַליין געליטן פון נויט, אָרימקייט און אונטערדריקונג — אַ פאַקט, וואָס איז די קאָזאַקן און די אַנדערע שעכטער געווען גאַנץ גוט באַקאַנט.

און ס׳איז בפירוש נישט ריכטיק, וואָס מאַנכע אוקראַאינישע היסטאָ־ריקער ווילן איינריידן, ווי, למשל, וואַצלאַוו ליפינסקי אָדער מיכאַי־לאָ סלאַבטשענקאָ, אַז מ׳האָט געהרגעט די פאַרשטייער פון קאַפּיטאַל, אָבער אַנדערע יידן זיינען אַפילו געווען אויפן צד פון די קאָזאַקן. סלאַב־טשענקאָ שרייבט, אַז „נישט ווייניק פון דער יידישער אָרימקייט איז געבליבן אין אוקראַאינע און איז אַפילו אַריין אין קאָזאַקישן שיכט און דערנאָך פאַרנומען אַן אָרט אין דער אַנפירונג, ווי אַ שטייגער די גער־ציקס, מאַרקעוויטשעס, קריזשאַנאַווסקיס און אַנדערע.״ דער אמת איז, אַז אויב געראַטעוועט, האָבן זיך על פי רוב פון די רייכע, וואָס האָבן געהאַט בעסערע מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן. וואָס שייך איינצלנע יידן, וואָס זיינען אַריבער צו די קאָזאַקן, ענדערט דאָס אַבסאָלוט נישט דאָס בילד, פּונקט ווי עטלעכע יידישע דינער פון די נאַציס קענען נישט ליכ־טיקער מאַכן דאָס בילד פון נאַצישן פאַרברעך — פון דער טאָטאַלער

פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין שייכות מיט דעם איז כדאי צו הערן וואָס עס דערציילט דער סאַמאָווידעץ אין זיין כראָניק. ער זאָגט: „מורא האָבנדיק פאַרן טויט, האָבן דעמאָלט אַ סך יידן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. מיט דער צייט זיינען זיי אָבער אַנטלאָפן קיין פוילן און געבליבן יידן. זעלטן ווער פון זיי איז געבליבן ביים קריסטנטום. און אַזוי איז אין אוקראַינע נישט געבליבן קיין שום ייד און די שליאַכעצקע ווייבער זיינען געוואָרן קאָזאַקישע ווייבער."

„קיין שום ייד" — דאָס איז דער נאַקעטער אמת.

די קאָזאַקישע פאַרגאַנגענהייט ווייזט, אַז די מאָטיוון פון מאַסן־מאָרד דאַרף מען נישט זוכן ביי די קרבנות, נאָר ביי די מערדער. די פאַנטאַסטישע באַשולדיקונגען קעגן יידן זיינען געווען אַ רעפלעקס פון קאָזאַקישן דעלירים פון אַלקאָהאָל־שיכרות, סעקסועלער צעלאָזנקייט און רוצחישן בלוט־רויש. פאַקטיש האָבן די קאָזאַקן געמאָרדעט נישט בלויז יידן. זיי האָבן גערויבט און געמאָרדעט פאַרשידענע פעלקער, זייער אייגן אוקראַיניש פאָלק בתוכם.

מיר האָבן שוין פריער דערציילט (אויף זייטן 159—60) וואָס זיי האָבן אָפגעטאָן אין שוו. יורער צערקווע מיט זייערע אייגענע ברידער — פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער. מיר האָבן אויך דערציילט וועגן אַ ריי אַנדערע פאַלן פון אויסהרגענען אוקראַינער. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע באַריכטן וועגן קאָזאַקישע גרויזאַמקייטן לגבי פאַרשידענע קריסטלעכע פעלקער.

אין דער רוסיש־פּוילישער מלחמה האָבן די קאָזאַקן אָנטייל גענומען אונטער דער אָנפירונג פון זייער העטמאַן פּעטר קאָנאַשעוויטש סאַהייַדאַטשני, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַרן אָממערסטן קולטורעלן און רעליגיעזן קאָזאַקישן העטמאַן. פונדעסטוועגן האָט דאָס די קאָזאַקן נישט אָפּגעהאַלטן, אַז זיי זאָלן די פּראַוואָסלאַוונע רוסן מיט זייערע פרויען און קינדער צעהאַקן מיט די שווערדן און צעשטעכן מיט די פּיקעס און גלייכצייטיק די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס און מאָנאַסטירן פריער צערויבן און נאָך דעם מיט פייער אָוועקלאָזן. עס האָט זיי אויך נישט געצי־טערט די האַנט, ווען זיי האָבן געפייניקט און דערהרגעט זויג־קינדער און פּאָפּן.

אין 1620 האָבן אָפּטיילונגען קאָזאַקן זיך אַריינגעריסן אין אונגאַרן

און עסטרייך. קיין מלחמה איז דעמאָלט נישט געווען. ס׳איז געווען אַן עקספּעדיציע סתּם צוליב רויב און מאָרד. די מעשׂים פון די קאָזאַקן זיינען נאָך דעם געשילדערט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן באַריכט. עס ווערט דערציילט, ווי מ׳האָט פרויען און יינגלעך געשענדט, ווי מ׳האָט די מענטשן מיט צוואַנגען דאָס פלייש פון לייב געריסן, ווי גרויזאַם מ׳האָט באַהאַנדלט מעוברתע פרויען און מענטשן געהאַנגען מיט סאַדיסטישער הנאה — „געהאַנגען אויף די העלזער, הענט און פיס, אַפילו אויף די פאַרבאָרגענע אברים״, ווי די באַפאַלענע האָבן געשריבן צום עסטרייכישן קייסער.

אין פרידלעכע צייטן פלעגן זיי אויך טעראָריזירן די אוקראַינישע פּויערים. טיילמאָל האָבן זיי אַרומגערינגלט דערפער און געפאַנגען די פּויערישע באַפעלקערונג. מ׳האָט די פּויערים געטריבן צו באַאַרבעטן די הפקר־ערד, וואָס די קאָזאַקן האָבן דערקלערט אַלס זייער אייגנטום. און אין צייט פון מהומות און קריג האָבן זיי אַוודאי נישט געשאַנעוועט זייערע אייגענע פאָלקס־ברידער. קלאָגט דאָך דער אוקראַינישער כראָניקער „סאַמאָווידעץ״ וועגן יאָר 1648: און ווער קען באַרעכענען דעם אומשאַצבאַרן שאָדן אין מענטשן, וואָס די (טאָטערישע) האָרדעס האָבן צוגענומען, און די פאַרמעגנס וואָס די קאָזאַקן האָבן גענומען! וואָרים אין דער צייט איז נישט געווען קיין רחמים צווישן די מענטשלעכע פעלקער. נישט בלויז יידן און שליאַכטע האָבן זיי אומגעברענגט, נאָר אויך דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די לענדער, האָט געליטן פון זעלבן אומגליק. און ווייטער: די רוימישע קאָשטשאָלן האָבן זיי אויסגעליידיקט, די געוועלבן מיט די מתים האָבן זיי אויפגעקאָפּעט, די טויטע פון די קברים אַרויסגעוואָרפן, אַראָפּגענומען פון זיי די מלבושים און זיי אָנגעטאָן אויף זיך אַליין.

אויפן סמך פון אַן אַ שיעור פאַקטן קומט דער אוקראַינישער היסטאָריקער קוליש צו אַזאַ אויספיר: „די קאָזאַקישע היסטאָריקער, פּאָעטן און פּובליציסטן ריידן איין זייערע לייענער, אַז די קאָזאַקן האָבן געקעמפט פאַר דער פּראַוואָסלאַווער אמונה און אוקראַינישער נאַציאָנאַליטעט. אין זיין רויבערישער באַשעפטיקונג האָט אָבער דער קאָזאַק נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אמונות און נאַציאָנאַליטעטן, אַזוי ווי דער

טאָטער. ער איז געווען גרייט צו גיין אויף אַ מאָסקאַל, ווי אויף אַ טערק, אויף אַ גריך ווי אויף אַ סערב, אויף אַ וואַלאַך ווי אויף אַ ליאַך. פאַר דעם קאָזאַק איז קיין גרעסערער רום נישט געווען, ווי אָפּשרעקן אַלע פעלקער און רויבן זייער פאַרמעגן.״

דאָס וואָס די קאָזאַקן האָבן אין די פריערדיקע צייטן געטאָן צו פאַרשידענע פעלקער איז געווען בלויז אַן איינאיבונג צו דער אומגעהויערער רויב־ און מאָרד־דראַמע, וואָס זיי האָבן אויפגעפירט אין די יאָרן פון בלוטיקן מבול זינט 1648.

דער אוקראַינישער אויפשטאַנד איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך די קאָזאַקן, איז געפירט געוואָרן דורך די קאָזאַקן און ס׳האָבן פון אים פּראָפיטירט די קאָזאַקן.

געוויס, צום אויפשטאַנד זיינען צוגעשטאַנען די פּויערים, דאָס שטאָטישע בירגערטום און אַ טייל פון די פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע און אַפילו פון דער שליאַכטע. (עטלעכע טויזנט שליאַכטשיצעס זיינען צוגעשטאַנען צו די קאָזאַקן באַלד אין 1648). און דאָס האָט צוגעגעבן דעם אויפשטאַנד אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער פאַקט אָבער, וואָס די קאָזאַקן האָבן געבילדעט דעם מיליטערישן קערן אין קאַמף קעגן פּוילן און אין זייערע הענט איז געלעגן די פּאָליטישע און מיליטערישע אָנפירונג האָט געמוזט האָבן אַ באַשטימטע ווירקונג אויפן גאַנג, אויף דער אויסערלעכער פאָרם און דעם אינערלעכן וועזן פון די געשעענישן.

אָנגעהויבן פון אַ פּערזענלעכער עוולה, האָט דער הויפּט־פירער באָגדאַן כמיעלניצקי זיין קאַמף פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פאַרן גאַנצן קאָזאַקנטום און איז קעגן זיינע פריערדיקע כוונות געשטעלט געוואָרן בראש פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג. זיין באַגרענעצטער אינטערעס האָט אים, אַזוי ווי זיינע מיטקעמפער פון דער קאָזאַקישער סטאַרשינאַ, נישט געלאָזט זיך אויפהויבן העכער פון די ענגע קאַסטע־אינטערעסן און באמת שטרעבן צו אַ פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט פאַר זיין פאָלק.

די קאָזאַקישע גרויזאַמקייט אין שלאַכט און לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג איז געגאַנגען געפּאָרט מיט אַן אומווירדיקער הכנעהדיקייט און חניפה לגבי די שפּיצן פון דער פּוילישער מלוכה. די גאַנצע צייט

האבן די קאזאקן געזוכט א גוטע לייזונג פאר זיך און נישט פארן גאנצן פאלק. אין זבאראוו האבן זיי אלס זיגער גע־שלאסן א שלום־אפמאך, וואס האט געשיצט די קאזאקישע אינטערעסן, אבער נישט דאס פויערים־פאלק, וואס האט ווייטער געדארפט בלייבן פארקנעכטעט ווי לייב־אייגענע צו זייערע הארן. דעם 20־טן סעפטעמבער 1650 האט כמיעלניצקי ארויסגעגעבן אן אוניווערסאל, וואס פארזיכערט דער שליאכטע, אז זיינע פולקאווניקעס וועלן פארמשפטן צום טויט די בונטאוושטשיקעס און הפקר־מענטשן. כמיעלניצקין האבן די אוקראינער אפן באשולדיקט, אז מיט זיין הסכם פירן די טאטערן אוועק אין קרים צו שקלאפעריי הונדערטער טויזנטער אוקראינישע פרויען און מענער.

די נאציאנאלע אוקראינישע אינטערעסן, אזוי ווי די קאזאקן האבן עס פארשטאנען, האבן געזאלט באפרידיקט ווערן דורך שאפן אן אויטא־נאמע פראווינץ אונטער דער אנפירונג פון דער קאזאקישער סטארשינא. דער סאציאלער אינהאלט — זאל בלייבן ווי געווען. מלוכהשע אנגע־העריקייט — קיין נפקא־מינה נישט: ס׳קען זיין פוילן, ס׳קען זיין רוס־לאנד; טערקיי איז גוט, שוועדן און זיבנבירגען זיינען אויך גוט. אוקראינישע זעלבשטענדיקייט — דערצו האבן די קאזאקישע השגות נישט דערגרייכט.

בעת די גרונט־מאסע פון אוקראינישן פאלק האט געהאט א בלוטיקן אינטערעס אין בייטן דעם גאנצן סאציאלן סדר, האבן זיינע פירער אין פאלקס־אויפשטאנד געשטרעבט צו בייטן בלויז דעם קאמאנדע־שיכט פון סאציאלן סדר: פארטרייבן אדער פארניכטן דעם פריערדיקן הערשנדיקן שיכט, וואס איז אויך באשטאנען כמעט בלויז פון אוקראינער, אבער וואס איז טיילווייז שוין געווען אסימילירט מיט דער פוילישער קולטור און טיילווייז שוין געהאט איבערגעריסן די געמיינזאמע רעליגיעזע פעדים. אין דעם אויפשטאנד האבן די קאזאקן געשטרעבט צו פאר־ווירקלעכן זייער אלטן טרוים צו ווערן פולע שליאכטע און זיי האבן דאס דערגרייכט. אויב די פריערדיקע שליאכטע האט נישט געלאזט די קא־זאקן, ווי גלייכע מיט גלייכע, זיך אוועקזעצן לעבן איר, האבן די לעצטע זיך אוועקגעזעצט אויף אירע טויטע קערפערס און איבערגענומען אירע

מאַיאָנטקעס, און — ווי עס דערציילט דער אוקראַינישער כראָניקער — אויך אירע ווייבער.

וואָרים במשך פון עטלעכע יאָר זיינען שוין געווען נייע מאַגנאַטן און אַ נייער פּריצים־שיכט. דער גרויסער ערד־באַזיץ איז אויסגע־וואקסן אַזוי גיך, ווי גיך ער איז פריער צעקלאַפּט געוואָרן. די קאָזאַקישע העטמאַנעס, פּולקאָווניקעס און פּיסאַרן (פאַרשרייבער) האָבן זיך צוגענו־מען ריזיקע מאַיאָנטקעס און פאַרקנעכטעט די פּויערים. האָט דאָך דער קאָזאַקישער פירער בריוכאָוועצקי, דער שפּעטערדיקער העטמאַן, מודה געווען פאַר דעם רוסישן פאַרשטייער לאַדיזשענסקי: „דער העטמאַן, די פּולקאָווניקעס און די אַנדערע אָנפירנדיקע לייט, נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, האָבן צוגענומען פאַר זיך שטעט, ישובים און מילן, און די פּראָסטע מענטשן אַזוי באַלאַסטעט, אַז אונטערן בוסורמאַן אין צאַרגראַד האָט מען אויף די קריסטן אַזאַ לאַסט נישט אַרויפגעלייגט."

אין אַלע צעטיילטע שטיקער פון אוקראַינע איז געבליבן ווייטער פאַרפעסטיקט דער פעאָדאַלער באַזיץ. די איינציקע ענדערונג פאַר דער פּויערים־מאַסע איז געווען דאָס באַקומען נייע באַלעבאַטים — אויסנוצער און פאַרקנעכטער. די נייע פּאַנעס זיינען געווען די קאָזאַקישע סאָטניקעס, פּולקאָווניקעס און אַטאַמאַנען.

פאַר דער דאָזיקער ענדערונג האָט דאָס אוקראַינישע פאָלק געצאָלט אַ זייער גרויסן פּרייז. די פריער גאַנצע אוקראַינע איז אין רעזולטאַט פון די געשעענישן צעריסן געוואָרן אויף דריי שטיקער און צעטיילט געוואָרן צווישן פּוילן, רוסלאַנד און טערקיי. אויפן אָרט פון אַ בליענדיקן לאַנד פול מיט שפע — פאַרוויסטונגען און חורבות מיט מיליאָנען פאַר־שניטענע און פאַרשקלאַפטע לעבנס.

דאָס איז געווען דער לאָגישער אויסגאַנג פון דער געשאַפענער לאַגע. דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט געהאַט לעגיטימע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פאָדערונגען. די גערעכטע פאָדערונגען זיינען קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיטן פולן מויל און מיט דער פולער קראַפט. ווייל נישט דאָס פאָלק האָט גערעדט, נאָר זיינע קאָזאַקישע וואָרט־זאָגער. און די קאָזאַקישע פירער האָבן זיך נישט אויפגעהויבן צו אַ נאַ־ציאָנאַלער פאָלקס־הויך, נאָר האָבן דאָס פאָלק אַראָפּגעשלעפּט אין בלוי־

טיקן תהום צו זיך. נישט די קאָזאַקן זיינען אין פאָלקס־קאַמף געוואָרן געלייטערט, נאָר דאָס פאָלק איז געוואָרן פאַרקאָזאַקעוועט. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דאָס וואָס עס דערציילט דער סאַמאָווידעץ. שילדערנדיק ווי אַלע זיינען אין יאָר 1649 געגאַנגען אין מיליטער אַריין, זאָגט דער אוקראַאינישער כראָניקער: און דאָס אַלץ איז געשען צוליב דעם, וואָס אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז מען רייך געוואָרן פון צעראַבעווען דאָס האָב־און־גוטס פון דער שליאַכטע, פון יידן און פון אַנדערע מענטשן. און אַפילו בירגערמייסטער און ראַטמענער פון שטעט „האָבן זייערע אַמטן אַוועקגעוואָרפן און די בערד אָפּגעגאָלט״ און זיינען אַוועק אין מיליטער. „אַזוי האָט דער טייוול זיך געמאַכט אַ געלעכטער פון סטאַטעטשנע מענטשן.״

די פאָלקס־ענערגיע איז אויסגעלאָדן געוואָרן אין די אומזיניקע הריגות, צעשטערונגען און רויבערייען; דער פאָלקס־ענטוזיאַזם איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין די אָרגיעס פון רציחה און כאַאָס. גערעכטע צילן קענען נישט דערגרייכט ווערן דורך אַ ים אומשולדיק בלוט — זיי ווערן אין אים דערטרונקען.

אַ קלאַס קען זיגן אין אַ רעוואָלוציע, ווען ער האָט קלאָרע קלאַסן־צילן און אַן אייגענע אָנפירונג; אַ פאָלק קען זיגן אין אַ פאָלקס־אויפשטייאונג, ווען עס האָט קלאָרע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. אַ קלאַס אָדער אַ פאָלק קען נישט זיגן, ווען די ענערגיע ווערט פאַרברויכט צו באַפרידיקן די רויע אינסטינקטן, צו שטילן די צעברויזטע ליידנשאַפטן. דורך אַן אומקרייז קומט מען ווידער צום זעלבן אָרט פונוואַנען מ׳איז אַרויס, אָדער מען ווערט צוריקגעשליידערט נאָך ווייטער אויף צוריק. אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאַסטע רויבער און רוצחים און אין פאַרבינדונג מיט די טאָטערישע פּראָפעסיאָנעלע מענטשן־כאַפּער און שקלאַפן־הענדלער, וואָס זיינען הונדערטער יאָרן געווען אַ פּלאָג פאַרן אייגענעם אוקראַאינישן לאַנד און פאָלק, האָבן די אוקראַאינישע פאָלקס־מאַסן אין אומשולדיקן בלוט פון די יידן און פון די אַנדערע פעלקער פאַרלוירן זייער מענטשלעכן פּרצוף און צוזאַמען מיט דעם — די הייליקע רעכט און די מעגלעכקייט פון באַפרייאונג.

און אַזוי זיינען נאָך לאַנגע בלוטיקע יאָרן געבליבן מאַסן־קברים

און חורבות — און איבער זיי האָט זיך געטראָגן דאָס טייוולשע געלעכ־טער פון נייעם, פאַרשיכורטן, קאָזאַקישן פאָן און דוואָריאַנין. און דאָס געלעכטער האָט זיך באַגעגנט מיטן זיפץ און קללה פון פאַרקנעכטעטן פויער. און פון מערב־זייט האָבן די ווינטן געבערענגט דעם טרויער, ווי און געיאָמער פון די אבלדיקע יידן — די שארית־הפליטה פון חורבן אוקראַינע.

# ביבליאָגראַפיע


באַלאַבאַן מאיר פּראָפ. ד״ר : די יידן-שטאָט לובלין, בוענאָס איירעס, 1947.

גבריאל בר יהושע : פּתח תשובה, קראקא, 1897.

גורלאנד ח״י : לקורות הגזרות על ישראל, קראקא, 1889.

האַנאָווער נתן נטע : יון מצולה, מיט אַ היסטאָריש-קריטישן אַריינפיר פון ד״ר יעקב שאַצקי, ייוו״אָ, ווילנע, 1938.

הייליקמאַן ט. : געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די יידן אין פוילן און רוסלאַנד, מאָסקווע, 1926.

וויינרייך מאַקס ד״ר : שטורעמווינט, ווילנע, 1927.

ווישניצער מ. ד״ר : די סטרוקטור פון יידישע צעכן אין פוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד אינם 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט (צייטשריפט, באַנד II און III, 1928), מינסק.

מאַהלער רפאל ד״ר : די יידן אין אַמאָליקן פוילן (די יידן אין פוילן, 1946), ניו-יאָרק.

סאָסיס י. : צו דער סאָציאַלער געשיכטע פון יידן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד (צייטשריפט באַנד I, 1926 ; באַנד II און III, 1928), מינסק.

ספר שבט יהודה, אין פרייער איבערזעצונג פון יהלו״ם (יהושע מזח), ווילנע, 1898.

פנקס המדינה או פנקס ועד הקהלות הראשיות במדינת ליטא, ברלין תרפ״ה (1925)

פעלדמאַן אליעזר מגר. : די עלטסטע ידיעות וועגן יידן אין פוילישע שטעט אין 14—16 י״ה (בלעטער פאַר געשיכטע I, 1934), וואַרשע.

קרעמער מ. ד״ר : דער אָנטייל פון יידישע בעלי-מלאָכות אין די קריסטלעכע צעכן אין אַמאָליקן פוילן (בלעטער פאַר געשיכטע II, 1938), וואַרשע.

שבתי הכהן (ש״ך) : מגילת עיפה (שלמה בן ווירגא, שבט יהודה), אַמשטיר-דאַם, 1655.

*Akta grodzkie i ziemskie z czasów Rzeczypospolitej Polskiej,* t. XXI, Lwów, 1911.

Balinski Michał i Lipinski Tymoteusz: *Starożytna Polska* tt. I—IV, Warszawa, 1885—6.

Bałaban Majer: *Zydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII wieku,* Lwów, 1909.

— *Studja historyczne,* Warszawa, 1927.

Bartoszewicz Kazimierz: *Antysemityzm w literaturze polskiej XV—XVIII wieku,* Warszawa, 1914.

Bersohn Mathias: *Słownik biograficzny uczonych Zydów polskich,* Warszawa, 1906.
— *Dyplomataryusz dotyczący Zydów w dawnej Polsce,* Warszawa, 1911.
Białkowski Leon Dr.: *Podole w XVI wieku,* Warszawa, 1920.
Brückner Aleksander: *Dzieje kultury polskiej,* Kraków, 1931.
Bystroń Jan St.: *Dzieje obyczajów w dawnej Polsce,* Warszawa, 1932—4.
Chodynicki Kazimierz: *Kościół prawosławny a Rzeczpospolita Polska* 1370—1632, Warszawa, 1934.
Czacki Tadeusz: *Rozprawa o Zydach i Karaitach,* Kraków, 1860.
Czermak Wiktor: *Plany wojny tureckiej Władysława IV,* Kraków, 1895.
— *Z czasów Jana Kazimierza,* Lwów, 1893.
Golińska Z. D. Dr.: *Miasta i cechy w dawnej Polsce,* Warszawa, 1906.
Grabowski Tadeusz: *Z dziejów literatury unicko-prawosławnej w Polsce* 1630—1700, Poznań, 1922.
Gumplowicz Ludwik Dr.: *Prawodawstwo polskie względem Zydów,* Kraków, 1867.
Gumplowicz Maksymilian Dr.: *Początki religii żydowskiej w Polsce,* Warszawa, 1903.
Jabłonowski Aleksander: *Źródła dziejowe* t. V. *Lustracye królewszczyzn ziem ruskich Wołynia, Podola i Ukrainy,* Warszawa, 1877.
— *Polska XVI wieku; Źródła dziejowe,* t. XXII, Warszawa, 1897.
— *Pisma* t. III, *Ukraina,* Warszawa, 1911.
— *Historya Rusi Południowej do upadku Rzeczypospolitej Polskiej,* Kraków, 1912.
Kardaszewicz Stanisław: *Dzieje dawniejsze miasta Ostroga,* Warszawa, 1919.
Kraushar Alexander: *Historya Zydów w Polsce,* Warszawa, 1865—6.
Kubala, Ludwik: *Jerzy Ossoliński,* Lwów, 1924.
— *Szkice historyczne,* Warszawa, 1901.
Kutrzeba Stanisław: *Historya ustroju Polski* t. I, Lwów, 1917.
— *Sprawa żydowska w Polsce,* Lwów, 1919.
Likowski Edward X. Biskup: *Unia Brzeska* (r. 1596), Warszawa, 1907.
Łopaciński Hieronim: *Z czasów wojen kozackich* (Przegląd Historyczny, t. 9, 1909), Warszawa.
Łoziński Władysław: *Prawem i lewem,* Lwów, 1904—13.
Nussbaum Hilary: *Historya Zydów,* t. V, Warszawa, 1890.
Ptaśnik Jan: *Miasta i mieszczaństwo w dawnej Polsce,* Kraków, 1934.
Rawita-Gawroński Fr.: *Zydzi w historji i literaturze ludowej na Rusi,* Warszawa.
— *Kozaczyzna ukrainna,* Warszawa.
Rulikowski Edward: *Opis powiatu kijowskiego,* Kijów—Warszawa, 1913.

Rutkowski Jan: *Historia gospodarcza Polski,* Poznań, 1947.
*Ruś,* czasopismo, rocznik I, Lwów, 1911.
Rybarski Roman: *Handel i polityka handlowa Polski w XVI stuleciu,* Poznań, 1928.
Schipper Ignacy Dr.: *Studya nad stosunkami gospodarczymi Zydów w Polsce podczas średniowiecza,* Lwów, 1911.
— *Rozwój ludności żydowskiej na ziemiach dawnej Rzeczypospolitej* (Zydzi w Polsce Odrodzonej I, 1932) Warszawa.
— *Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich,* Warszawa, 1937.
Schorr M. Dr.: *Organizacya Zydów w Polsce,* Lwów, 1899.
— *Zydzi w Przemyślu,* Lwów, 1903.
*Słownik geograficzny Królestwa Polskiego i innych krajów słowiańskich,* tt. 1—15, Warszawa 1880—1904.
Starczewski Eugeniusz: *Możnowładztwo polskie na tle dziejów,* Warszawa, 1914.
Surowiecki Wawrzyniec: *O upadku przemysłu i miast w Polsce,* Kraków, 1861.
Szajnocha Karol: *Dwa lata dziejów naszych,* Lwów, 1865.
Szelągowski Adam Dr.: *Rozwój ekonomiczny i społeczny w Polsce do roku* 1795, Polska t. II, Lwów, 1909.
Tomkiewicz Władysław: *Jeremi Wiśniowiecki* (1612—1651), Warszawa, 1933.
*Volumina Legum* tt. II, III, IV, Petersburg, 1859.
Woliński Janusz: *Polska i kościół prawosławny,* Lwów, 1936.
*Z dziejów Ukrainy,* pod redakcyą Wacława Lipińskiego, Kijów, 1912.

*Акты, издаваемые Виленскою коммиссіею для разбора древнихъ актовъ,* тт. XXVIII i XXIX, Вильна 1901-2.
*Акты о церковно-религіозныхъ отношеніяхъ въ Юго-западной Руси 1322—1648 гг.* (Архивъ Юго-западной Россіи, т. VI, Орестъ Левицкій: Предисловіе), Кіевъ, 1883 г.
*Акты, относящіеся къ исторіи Западной Россіи,* V. 5, Санктпетербургъ, 1846.
Антоній I., Д-ръ: *Женщины при Чигиринскомъ дворѣ во второй половинѣ XVII вѣка* (Кіевская Старина, т. XLIV, 1894), Кіевъ.
Багалѣй Д.: *Магдебургское право въ лѣвобережной Малороссіи* (Журналъ министерства народного просвѣщенія, мартъ 1892), С.-Петербургъ.
Бершадскій С. А.: *Литовскіе евреи,* С.-Петербург, 1883.
— *Старинное средство* (Восходъ, январь 1894), С.-Петербургъ.

Бопланъ (Beauplan Guillaume): *Описаніе Украйны,* Санктпетербургъ, 1832.

Буцинскій П. Н.: *О Богданѣ Хмельницкомъ,* Харьковъ, 1882.

Василенко Н. П.: *Очерки по исторіи Западной Руси и Украины,* Кіевъ, 1916.

Величко Самоилъ: *Лѣтопись событій въ Югозападной Россіи въ XVII-мъ вѣкѣ,* тт. 1—4, Кіевъ, 1848—64.

Владимірскій-Будановъ М.: *Населеніе Юго-западной Россіи отъ половины XV вѣка до Люблинской уніи (1569 г.),* Кіевъ, 1891.

— *Крестьянское землевладѣніе въ Западной Россіи до половины XVI вѣка* (Чтенія въ Обществѣ Нестора Лѣтописца), Кіевъ, 1893.

Галантъ И. В.: *К исторіи поселенія евреевъ въ Польшѣ и Руси вообще и въ Подоліи въ частности* (Восходъ, августъ-сентябрь 1897), Санктъ-Петербургъ.

— *Арендовали-ли евреи православныя церкви на Украинѣ?* (Еврейская Старина, т. I, 1909), С.-Петербургъ.

— *Кіевскій митрополитъ Петръ Могила и его отношенія къ евреямъ* (Кіевская Старина, май, 1905), Кіевъ.

Голубевъ С.: *Кіевскій митрополитъ Петръ Могила,* т. I, Кіевъ, 1883, т. II, 1898.

— *Западно-Русская церковь при митрополитѣ Петрѣ Могилѣ* (Кіевская Старина, тт. LX—LXI, 1898), Кіевъ.

Грушевський Михайло: *Початки Хмельниччини,* Київ—Відень, 1922.

Даревскій И. А.: *Къ исторіи евреевъ въ Кіевѣ,* Кіевъ, 1907.

Дорошенко І., проф.: *Огляд украінскоі історіографіі,* Прага, 1923.

Дубновъ С.: *Внутренная жизнь евреевъ въ Польшѣ и Литвѣ въ XVI вѣкѣ* (Книжки Восхода, февраль, апрѣль 1900), С.-Петербургъ.

— *Еврейская старина въ г. Острогѣ* (Восходъ, октябрь 1894), С.-Петербургъ.

*Еврейская Энциклопедія,* тт. 1-16. С.-Петербургъ.

Ефименко Александра: *Южная Русь,* С.-Петербург, 1905.

Житецкій И.: *Евреи въ Южной Россіи* (Кіевская Старина, январь 1901), Кіевъ.

— *Смѣна народностей въ Южной Россіи* (Кіевская Старина, ноябрь 1884), Кіевъ.

Жуковичъ П.: *Сеймовая борьба православнаго западнорусскаго дворянства съ церковной уніей,* С.-Петербургъ, 1901.

*Записки Наукового Товариства Імени Шевченка,* тт. XXIII і XXIV, 1898, т. CVI, 1911, Львов.

*Исторія Евреевъ въ Россіи,* том I, «Міръ», Москва, 1914.

Каманинъ И.: *Научныя и литературныя произведенія Н. В. Гоголя по исторіи Малороссіи* (Памяти Гоголя),Кіевъ, 1902.
— *Къ вопросу о козачествѣ до Богдана Хмельницкаго* (Чтенія въ Обществѣ Нестора Лѣтописца), Кіевъ, 1894.
Карповъ Геннадій: *Начало исторической дѣятельности Богдана Хмельницкаго,* Москва, 1873.
Клименко Ф. В.: *Западно-русскіе цехи* (Университетскія Извѣстія, 1914), Кіевъ.
Костомаровъ Николай: *Богданъ Хмельницкій,* т. 1—3, С.-Петербургъ, 1884.
— *Русская исторія, XVII столѣтіе,* Санктпетербургъ, 1874.
Кулишъ П. А.: *Отпаденіе Малороссіи отъ Польши* (Чтеніе в Императорскомъ обществѣ исторіи и древностей россійскихъ при Московскомъ Университетѣ), Москва, 1888-9.
— *Исторія возсоединенія Руси,* тт. 1-2, С.-Петербургъ, 1874, т. 3, Москва 1877.
— *Записки о Южной Руси,* С.-Петербургъ, 1856-7.
— *Украинскіе козаки и паны въ двадцатилѣтіе передъ бунтомъ Богдана Хмельницкаго* (Русское Обозрѣеніе, январь-май 1895), Москва.
Кулишеръ М.: *Прошлое и настоящее* (Книжки Восхода, февраль, 1900), С.-Петербургъ.
— *Евреи въ Кіевѣ* (Еврейская Старина, 1913), С.-Петербургъ.
Левицкій Орестъ: *Социніанство въ Польшѣ и Югозападной Руси* (Кіевская Старина, т. II, 1882), Кіевъ.
— *Основныя черты вунтренняго строя западно-русской церкви въ XVI и XVII вѣкахъ* (Кіевская Старина, т. IX, августъ, 1884), Кіевъ.
*Лѣтопись Самовидца о войнахъ Богдана Хмельницкаго* (Чтенія в Императорскомъ обществѣ исторіи и древностей россійскихъ, 1—2, 1846), Москва.
*Лѣтопись Самовидца,* издана Кіевскою временною коммиссіею для разбора древнихъ актов, Кіевъ, 1878.
Макарій: *Исторія русской церкви,* тт. VII—XII, С.-Петербургъ, 1874—83.
Маркевичъ Николай: *Исторія Малороссіи,* Москва, 1842-3.
Мякотин В. А.: *Очерки соціальной исторіи Украины въ XVII-XVIII вѣкахъ,* Прага, 1924.
*Памятники, изданные Временною коммиссіею для разбора древнихъ актовъ,* т. I, Кіев, 1848.
Покровский М. Н.: *Об Украине,* Киев, 1935.
*Русско-Еврейскій архивъ,* т. II, С.-Петербург, 1882.

*Сборникъ Лѣтописей, относящихся къ исторіи Южной и Западной Руси,* Кіевъ, 1888.
Слабченко М., проф.: *Организация хозяйства Украины,* Одесса, 1922-3, 1925.
Смирновъ В. Д.: *Крымское Ханство,* С.-Петербургъ, 1887.
Чистовичъ И.: *Очеркъ исторіи западно-русской церкви,* С.-Петербургъ, 1882—4.
צוק העתים переведено М. Берлинымъ (Чтенія в Императорскомъ обществѣ исторіи и древностей россійских, кн. I, 1859), Москва.

Breger Marcus Dr.: *Zur Handelsgeschichte der Juden in Polen während des 17. Jahrhunderts,* Berlin, 1932.
Brückner Aleksander: *Die Kultur des alten Polen* (Zeitschrift für Osteuropäische Geschichte, Bd 7, 1933), Königsberg.
Dorošenko D.: *Das deutsche Recht in der Ukraine* (Zeitschrift für Osteuropäische Geschichte, Bd V, 1931), Berlin.
Lewin Louis: *Die Judenverfolgungen im zweiten schwedisch-polnischen Kriege* (Zeitschrift der Historischen Gesellschaft für die Provinz Posen, 1901).
Pelesz Julian Dr.: *Geschichte der Union der ruthenischen Kirche mit Rom,* Wien, 1881.
Schamschon Jakob: *Beiträge zur Geschichte der Judenverfolgungen in Polen während der Jahre* 1648—1658, Bern, 1912.

Doroshenko D.: *History of the Ukraine,* Edmonton, Canada, 1939.
Hrushevsky Michael: *A History of Ukraine,* New Haven, 1941.

# זוכצעטל

## 1. נעמען פֿון מענטשן

### א


אהרון, רבֿ — 144.
אידלש שמואל — 67, 69.
איוואַנאָוויטש לעאָנטי — 235.
איוואַן גראָזני — 28.
איסלאַם גיריי — 119, 120, 127, 128.
אָלגערד — 13.
אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש — 134.
אָסאָלינסקי — 108, 124, 126.
אָסטראָגסקי אַלעקסאַנדער — 211.
אָסטראָגסקי קאָנסטאַנטי — 22.
אָסטראָגסקי קאָנסטאַנטי — 211.
אָסטריאַניצאַ — 226.
אָסינסקי סאַמועל — 152.
אַרצישעווסקי קזישטאָף — 158.


### ב


באָהון — 177.
באַטאָרי סטעפאַן — 47, 58, 83, 103.
באָנאַ — 19.
באָפּלאַן — 35.
באַראַבאַשענקאָ איוואַן — 109, 118.
באַראַנאָווסקי — 143.
בוטורלין — 136.
בענעווסקי וועספּאַזיאַן — 235.
בריוכאָוועצקי — 248.
בריקנער אַלעקסאַנדער — 191, 240.


### ג


גאַלאַנט י. — 191.
גאַליאַטאָווסקי יאָאַניקי — 222, 223.
גאַרקושא — 180.
געדימין — 13, 33.
גערציקס — 243.
גראַביאַנקאָ גריגאָרי — 202, 203.
גראָנדסקי סאַמועל — 204.


### ד


דאָנהאָף זיגמונד — 193.
דאָראָשענקאָ — 90.
דזשאַמאַ-גיריי — 92.
דיעוואָטשקא אָניסטאַפאָר — 233.
דעווליט-גיריי — 22.


### ה


האָלאָטאַ איליאַ — 155, 180.
האַנאָווער נתן נטע — 91, 115, 116, 117, 118, 147, 169, 175, 176, 189, 191, 193.
האַנדזשאַ — 141, 145, 155.
האַראַשקאָ — 172.
הלאַדקי — 183.
העלענאַ — 113, 114, 129, 131.
העלער יום-טוב ליפּמאַן — 67, 70.
הערעדאָווסקי — 226.
הרושעווסקי מיכאַילאָ — 240.

## װ

װאַסילאָװ — 174.
װישניאָװיעצקי אַדאַם און מיכאַל — 211.
װישניאָװיעצקי יערעמי — 93, 124, 126, 130, 142, 143, 149, 151, 152, 158.
װלאַדימיר — 10.
װלאַדימירסקי-בודאַנאָװ מ. — 191.
װלאַדיסלאָװ דער 4-טער — 48, 49, 50, 57, 58, 62, 63, 102, 107, 108, 110, 114, 115, 124, 184, 212, 213.
װעליטשקאַ — 203, 204.
װערעשטשינסקי — 39, 83.

## ז

זאַלאַטאַרענקאָ — 170, 181, 183.
זאַסלאַװסקי דאָמיניק — 126.
זיגמונד אויגוסט — 18, 39, 82.
זיגמונד דער 1-טער — 19, 25, 26.
זיגמונד דער 3-טער — 48, 50, 58, 59, 90, 148, 156, 184, 212, 213.
זכריה — 27.
זשמאַילאָ — 89, 90.

## ט

טאַהיי-ביי — 93, 120, 123, 161.
טימאָשקאָ — 120, 131.
טיעפּאָלאָ — 108, 110.
טישאָ — 172.
טריאַסילאָ טאַראַס — 90.
טשאַפּלינסקי דאַניעל — 113, 114, 115, 117, 129, 131, 203.
טשעטװערטינסקי יאַנוש — 144, 145.

## י

יאַבלאָנאָװסקי אַלעקסאַנדער — 189.
יאַגעלאָ אַלעקסאַנדער — 15, 16.
יאַן קאַזשימיעזש — 124, 156, 193.
יעקב בן יחזקאל הלוי — 190.
יחיאל מיכל — 142.
יעפימענקאָ אַלעקסאַנדראַ — 191.

## כ

כװעסקאַ — 180.
כמיעלניצקי באָגדאַן — 109, 112 און װייטער ביז 178, 198, 203, 226, 227, 228, 246, 247.

## ל

לאַדיזשענסקי — 248.
לוקאָמסקי — 203.
לוריע שלמה — 27, 67.
ליסאָקאָװסקי — 239.
ליסענקאָ װאָװגוראַ — 148.
ליפּינסקי װאַצלאָװ — 243.
לעװיצקי אָרעסט — 202.
לעשטשינסקי יענדזשיי — 83.

## מ

מאַהילאַ פּעטר — 236.
מאָנאָמאַך װלאַדימיר — 11.
מאַקאַרי — 217.
מאַרק — 84.
מאַרקעװיטש ניקאָלאַי — 192.
מאַרקעװיטשעס — 243.
מזח יהושע — 221.
מיכאַלאָן — 17, 39.
מיכאַענקאָ — 180, 184, 185.
מיקלאַשעװסקי יאַקוב — 239.
מנשה בן ישראל — 190, 191.
מענדלי-גיריי — 21.
משה רבקהס — 186.

## נ

נאַליװייקאָ — 89.
נאַפּאָליטש — 180.
ניסן — 84.
נעבאַבאַ — 179, 180, 184.
נעטשאַי דאַנילאָ — 156.
נתן — 165.

## ס


סאַבילענקי זכריה — 116, 117, 118.
סאַבילענקי יעקב — 116, 117, 118.
סאַהיידאַטשני פעטר — 59, 244.
סאַמאָווידעץ — 199, 200, 201, 202, 203, 244, 245, 249.
סאַנגושקאָ — 211.
סוראָוויעצקי וואַוזשיניעץ — 78.
סטעצקא — 181.
סירקים יואל — 67.
סלאַבטשענקאָ מיכאַילאָ — 243.


## ע


עזאַפאָוויטש אברהם — 27.
עזאַפאָוויטש מיכל — 25, 26, 27.


## פּ


פּאַדבאַילאָ — 181, 184.
פּאַווליוק — 91, 112.
פּאָטאָצקי מיקאָלאַי — 123, 132, 133.
פּאָטאָצקי סטעפאַן — 123.
פּאַטשעי היפּאַצי — 235.
פּאָלאָוויאַן — 192.
פּסח — 239.
פּעטראַשענקאָ — 132.


## פֿ


פֿירליי — 176.
פֿעדאָר — 165.
פֿראַנקאָ איוואַן — 240.


## ק


קאָבאָווסקי וועספּאַזיאַן — 204.
קאָלאָדקאָ — 174.
קאָלינאָווסקאָ — 84.
קאַמאַנין י. — 238, 239.
קאָניעצפּאָלסקי אַלעקסאַנדער — 113, 115, 116, 117, 181.
קאָניעצפּאָלסקי סטאַניסלאַוו — 90, 108, 113.
קאַסאָוו — 135.
קאָסטענסקי — 174.
קאָסינסקי — 89.
קאַפּוסטינסקי — 163.
קאַפּוסטענסקי זאַכאַריאַ — 217.
קאַרל גוסטאַוו — 138.
קאַרל פערדינאַנד — 124.
קאַרעצקאַ-כאָדקעוויטש אַנאַ — 208.
קאַרפּאָוו גענאַדי — 203.
קוטזשעבאַ סטאַניסלאַוו — 191.
קוליש פּ. — 200, 204, 205, 237, 245.
קונצעוויטש יוזעף — 210.
קיזשימענקאָ — 91.
קיסיעל אַדאַם — 124.
קריוואָנאָס מאַקסים — 126, 143, 145, 146, 148, 151, 152, 155, 156, 161, 174, 175, 192.
קריוואָנאָשיק אָסטאַפּ — 152.
קריוואָשאַפּקא — 180.
קריזשאַנאָווסקים — 243.
קריטשעווסקי — 115, 117, 181, 184.


## ר


ראַדאַק — 192.
ראַדזיוויל יאַנוש — 179, 180, 181, 183, 184, 186.
ראַדזיוויל קזשישטאָף — 211, 213.
ראַוויטאַ-גאַווראָנסקי פּ. — 241.
ראַקאָטשי — 138.
רושעל פּאַוועל — 197, 198, 199, 204.
רעבראָוויטש — 88.
ריעפּנין-אָבאָלענסקי — 135.


## ש


שבתי כהן — 181, 183, 190, 191, 221.
שמחה — 84.

## 2. נעמען פֿון שטעט און ישובים

**א**

אוכאַן — 171.
אָוורוטש — 155.
אַכמאַטאָוו — 93.
אָלאַנאָוו — 157.
אַלט-ביכאָוו — 185.
אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו — 152.
אָליק — 173, 174.
אָלכאָוועץ — 155.
אָלעווסק — 155.
אַלעקסאַנדראָווקאַ — 147.
אָסטער — 147.
אָסטראָה — 14, 27, 67, 69, 71, 171, 172, 173.
אָסטראָפּאָל — 155.
אָרשע — 72.
אָשמענע — 185.

**ב**

באָברויסק — 185.
באָהוסלאַוו — 59, 90, 149.
באָזאָווקאַ — 149.
באָקטשיסאַראַי — 21, 119, 127.
באַר — 19, 83, 145.
באָרישאָווקאַ — 147.
באָרישפּאָל — 147.
בוטשאַטש — 163.
בוסק — 165.
בוש — 137.
ביאַלאַצערקעוו — 35, 48, 91, 133, 141, 149, 226.
ביכעווע — 168.
בילגאָריי — 168.
בעלז — 18, 164.
בעלזשיץ — 168.
בערדיטשעוו — 157.
בערעזינא — 185.
בערעזנא — 174.
בערעזשינצי — 174.
בערעסטעטשקאָ — 130, 131, 134, 177, 188.
בערשאַד — 148.
בראָד — 164.
בראַהין — 185.
בראַצלאַוו — 22, 48, 89, 149.
ברוכאָוויצאַ — 162.
ברוסילאָוו — 149.
בריסק — 72, 87, 96, 180, 186, 209.

**ג**

גאָריי — 168.
גראָדנע — 186.

**ד**

דאַנציג — 44, 167.
דובנע — 14, 80, 171.
דובענקע — 170.
דעמאָווקע — 137.
דעמידאָוו — 157.
דעראַזשנע — 157.

**ה**

האָמעל — 181, 182, 183.
האָרקי — 185.
הומאַן — 157.
הושאַטין — 84.
הרוביעשאָוו — 22, 170.

**וו**

וואסילקאָוו — 157.
וואַרשע — 108, 112, 114, 125, 138.
וויטעבסק — 184, 186, 210.
ווילנע — 185, 186.
וויניצע — 14, 39, 43, 48, 80, 152.
ווישניאַ — 60.
וולאָדאָווע — 171.
ווערכאָווקא — 148.

**ז**

זאַמאָשטש — 124, 125, 126, 141, 158, 161, 162, 166, 169, 198.
זאַסלאָוו — 117, 175, 176.
זאַקליקאָוו — 168.

זבאַראַוו — 126, 247.
זבאַראַזש — 127, 141.
זוויהיל — 155.
זשאָלקעוו — 164.
זשיוואָטאָוו — 149.
זשיטאָמיר — 93, 152.

**ט**

טאָמאַשאָוו — 168.
טאַרטשין — 43, 177.
טאַרנאָגראַד — 168.
טולטשין — 142, 143, 144, 145, 183.
טוראָוו — 180.
טורבין — 168.
טעטיעוו — 157.
טרילים — 157.
טריפּאָל — 148.
טרעמבאָוולע — 163.
טשאוסי — 185.
טשאַרטאָריא — 177.
טשודנאָוו — 155.
טשיהירין — 112, 113, 116, 117, 134, 141.
טשעטשערסק — 185.
טשעריקאָוו — 185.
טשערנאָביל — 179.
טשערניגאָוו — 10, 141, 147, 192.
טשערקאַס — 141.

**י**

יאַוואָראָוו — 50, 165.
יאַזלאָוויעץ — 83, 163.
יאַמפּאָל — 177.
יאַראָסלאַוו — 83, 112, 162.

**כ**

כאָדאָראָוו — 165.
כאָטין — 91.
כמיעלאָוו — 20.
כמעלניק — 80.
כעלם — 29, 170.

**ל**

לאַדיזשין — 148.
לאָכוויץ — 147.
לאָעוו — 181, 184.
לובאָמל — 14, 174.
לובאַרטאָוו — 157.
לובלין — 124, 138, 165, 169, 197, 198, 199.
לובניע — 91, 141, 147.
לודמיר — 67, 71, 174.
לוצי — 162.
לוצק — 43, 48, 71, 174.
לידע — 185.
ליובעטש — 10, 147.
ליסיאַנקע — 238.
ליפּאָוועץ — 157.
לעטיטשעוו — 157.
לעמבערג — 19, 56, 61, 80, 88, 109, 124, 137, 141, 150, 158, 159, 160, 161, 162, 188.

**מ**

מאָהילעוו — 58, 72, 88, 183.
מאָהילעוו-פּאָדאָלסק — 157.
מאָזיר — 184, 185.
מאָכנאָוקע — 151.
מאָסקווע — 134, 136.
מאַרטינאָוו — 92.
מילאָנאָוויטשע — 17.
מינסק — 72, 184, 186.
מסטיסלאַוול — 185.
מעדזשיבאזש — 14, 157.
מעזשיריטש — 174.

**נ**

נאָוואָגראַד — 27.
נאָוואָגראָד-סיעווערסק — 147.
נאָוואָגרודעק — 185.
נאַראָל — 167.
ניי-ווישנעוויץ — 177.
ניי-קאָנסטאַנטינאָוו — 157.
ניעזשין — 147.
ניעסוויעזש — 185.
נעמיראָוו — 67, 141, 142, 143, 144, 169.

## ס

סאטאנאוו — 165.
סאמבאר — 18.
סאנדאמיר — 165.
סאקאל — 163.
סובאטאוו — 112, 113, 114.
סוכאדאלא — 162.
סטאראדוב — 141, 147, 192.
סטעפאן — 14, 177.
סטרי — 164.
סיעלץ — 81, 85.
סלוצק — 184.
סלושטש טשערבאַרסקי — 228, 239.
סמאלענסק — 185.

## פּ

פּאדהייעץ — 162.
פּאהרעבישטשע — 151.
פּאוואלאטש — 157.
פּאלאנע — 152, 153, 154, 155.
פּאלאצק — 28, 185, 186.
פּאלטאווע — 147.
פּיליאווצי — 124, 141.
פּינסק — 78, 179, 180.
פּיראטין — 147.
פּלאזאוו — 58.
פּערעיאסלאוו — 48, 59, 87, 90, 92,
135, 141, 147.
פּראפּאיסק — 185.
פּרילוקי — 147, 225.
פּשעמישל — 80, 84, 162, 168, 230.

## פֿ

פֿראנפּאל — 157.

## צ

צעצאַרא — 112.

## ק

קאוועל — 14, 18, 29, 171.
קאלוש — 162.
קאלקי — 171.
קאמארנא — 164.
קאמענעץ פּאד. — 80, 83, 156.
קאנסטאנטינאפּאל — 15, 21, 83, 92,
115, 127, 133, 151.
קאנעוו — 148.
קאפּיס — 185.
קאפּא — 11, 15, 21.
קאראסטישעוו — 157.
קאריטניצע — 170.
קארניצע — 176.
קארסון — 91, 92, 123, 141.
קארעץ — 174.
קאשגאראד — 177.
קוזמיר — 165.
קוראוו — 170.
קיעוו — 9, 10, 11, 12, 15, 16,
21, 27, 28, 39, 59, 60, 80, 112,
148, 192, 212.
קלעוואן — 43.
קניהיניטשע — 165.
קעניגסבערג — 43.
קראסניבראד — 168.
קראסנע — 156.
קראקע — 138, 188.
קראשניק — 168.
קריטשעוו — 185.
קרעמענעץ — 14, 18, 55, 71, 80,
174, 175.

## ר

ראדאמישל — 148.
ראוונע — 14, 93.
ראפּאלאווקע — 235.
ריגע — 203.
רעטשיצע — 184.

## ש

שאראגראד — 155.
שעבערשין — 168.
שקלאוו — 185.

י.ש. הערץ

# די געשיכטע פון א יוגנט

## דער קליינער בונד — יוגנט־בונד צוקונפט אין פוילן

דאָס לעבן און דער קאַמף פון דער יידישער
אַרבעטער־יוגנט אין מזרח־אייראָפּע
במשך דער ערשטער העלפט
פון 20־טן יאָרהונדערט

592 זייטן טעקסט — 48 זייטן בילדער

פרייז $3.50

• • •

FARLAG "UNSER TSAIT"
175 East Broadway, Room 401
New York 2, N. Y., U. S. A.

# פארלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק

## פוילן

ערשטער באַנד (דריטע אויפלאַגע), 252 זייטן
פרייז — $2.00

צווייטער באַנד, 318 זייטן
פרייז — $2.50

דריטער באַנד, 288 זייטן
פרייז — $2.50

•

י. ש. הערץ

## די געשיכטע פון א יונגט

592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער — פרייז — $3.50

•

לייבעטשקע בערמאַן

## אין לויף פון יאָרן

(צווייטע אויפלאַגע — אויספאַרקויפט)

386 זייטן טעקסט, 38 בילדער — פרייז — $2.50

•

## זינגעלבוים-בוך

408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — פרייז — $3.00

•

בערנאַרד גאָלדשטיין

## פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ

500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער — פרייז — $3.50

•

## אַרקאַדי

436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — פרייז — $2.00

•

## וולאַדימיר מעדעם

367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — פרייז — $2.00

•

ד"ר רפאל מאהלער — א. מענעס

ד"ר יעקב שאַצקי — וויקטאָר שולמאַן

## די יידן אין פוילן

920 שפאַלטן (פון גרויסן פאָרמאַט) — פרייז — $5.00

•

באַשטעלונגען אַדרעסירן צו:
FARLAG "UNSER TSAIT"
175 East Broadway, Room 401
New York 2, N. Y., U. S. A.